# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn



### Title
Khesbn no. 111 - Spring 1988 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1396z149

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 111(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1988

### Copyright Information
Copyright 1988 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed



eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

DESK COPY

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 111

**SPRING**
**1988**

פרילינג
תשמ״ח

אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


מ. ש.: 45 און 40, צוויי דאַטעס — מיילנשטיינער אין אונדזער געשיכטע — — 3

פראָפ׳ בן־ציון דינאַבורג (דינור) (פון העברעיש — י. גובקין):
די יסודות פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע — — — — — — — — 5

חיים גראַדע: די געבליבענע (ליד) — — — — — — — — — — — — — — 7

חנן קיעל: לידער — — — — — — — — — — — — — — 8

לילי בערגער: פאַרן שפיגל (דערציילונג) — — — — — — — — — — — 9

משה שקליאַר: ליד — — — — — — — — — — — — — — 14

שואל גוטמאַן: אַ משפחה אין פוילן (זיכרונות) — — — — — — — — — 16

שלמה שוואַרץ: לידער — — — — — — — — — — — — — 24

יצחק קאַהאַן: דער איטאַליענישער ייד — רימאַ לעווי — — — — — — — 26
זיין לעבן און שאַפן

שלום שטערן: לידער — — — — — — — — — — — — — 35

שיע טענענבוים: צוויי דערציילונגען — — — — — — — — — — — 36

א. לוריא: לידער — — — — — — — — — — — — — — 41

חנן קיעל: זיי רופן זיך: עדת ישראל השומרונים — — — — — — — — 42

משה עטינגער: לידער — — — — — — — — — — — — — 48

רבקה קאָפּע: לידער — — — — — — — — — — — — — 49

שמואל איזבאַן: צירעלע מיין קרוין (דערציילונג) — — — — — — — — 51

חיים קעניגער: לידער — — — — — — — — — — — — — 60

עקיבא פישבין: תהלים בנוסח בען — — — — — — — — — — — 61

הינדע זאַרעצקי: לידער — — — — — — — — — — — — — 70

לאָטי פ. מלאך: אחינו בני ישראל (רעפּאָרטאַזש) — — — — — — — — 71

גרשון פרידמאַן: לכבוד שמואל ווייס — — — — — — — — — — — 74

מישעל נוטקעוויטש: יידישע אידענטיטעט נאָכן האָלאָקאָוסט — — — — — 76

# אינהאַלט

(המשך)


כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — — — — — — — — — — — — — — — — 77

וועגן נייע ביכער: „אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל"
פון שאול גוטמאַן — — — — — — — — — — — — — — — 79

" " " „פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע"
פון חיים פּלאָטקין — — — — — — — — — — — — — — — 80

" " " וועגן מרדכי שעכטער און זיין ווערק — — — — — — — — — 81

נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — — — 82

נייער נומער יוגנטרוף — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 82




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
ד"ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



## HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER
469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members:* MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, *S.* ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון
נומ. 111
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
נתן גראַוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

43סטער יאָרגאַנג, נומער 111 • פרילינג 1988 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## 45 און 40

### צוויי דאַטעס—

### מיילנשטיינער אין אונדזער געשיכטע

פרילינג הייגטיקס יאָר מערקן מיר אָפּ צוויי דאַטעס, וואָס האָבן געענדערט דעם דעם היסטאָרישן גאַנג פון אונדזער פאָלק: מיט פינףאון פעצקיק יאָר צוריק, דעם 19־טן אַפּריל, 1943, האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — דער ערשטער פאַרצווייפלטער און העראָישער אַקט פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן אין אייראָפּע וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם ביז די ציין באַוואָפנטן היטלער־פאַשיזם, וועלכער האָט געגרייט די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק; מיט 40 יאָר צוריק, דעם 14־טן מאַי, 1948, איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל. דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעווישט ווערן פון דער מאַפּע פון דער ערד, איז אויפגעקומען צו אַ ניי לעבן, צו אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה־שקייט אויפן באָדן פון וועלכן עס איז פאַרטריבן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר פריער, און ווידער האָבן מיר פאַרנומען אַן אָרט אויף דער וועלט־מאַפּע.

פינף יאָר בלויז האָבן אָפּגעטיילט די צוויי דאַטעס, וואָס מיר קענען היינט ווי יום השואה און יום העצמאות. אַ סך יידיש בלוט איז נאָך פאַרגאָסן געוואָרן פאַר דער צייט. אין דער לויפט האָט זיך נאָך געפילט דער שטיקנדיקער רויך פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס אין מיידאַנעק, טערבלינקע, אוישוויץ און אַנדערע היטלעריס־טישע טויט־לאַגערן ווען די אַרמייען פון די אַראַבישע מלוכות האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ נייעם טויט־מאַרש קעגן דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה. יידישע לעבנס זענען ווידער געשטאַנען אין געפאַר. נאָר איצט האָבן יידישע קעמפער געהאַט געווער וואָס איז פאַרגרייט געוואָרן באַצייטנס דורך דער הגנה און אַנדערע קאַמפּס־גרופּן, און געהאַט האָבן זיי די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, וואָס אויך דאָס האָט געפעלט ווען יידן זענען געמאָרדעט געוואָרן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן. דעמאָלט האָט די וועלט געשוויגן...

אַ לאַנגע צייט איז שוין פאַרלאָפן זינט יענע צוויי היסטאָרישע געשעענישן, הגם פון געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו איז עס בלויז אַ שפּאַן צווישן נעכטן און היינט.

פאַר די פערציק — פינף און פערציק יאָר האָט זיך אַ סך געענדערט אין אונדזער לעבן, אינעם לעבן פון יידישן פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט און אין מדינת ישראל. אין דער צעשפּרייטקייט רייסט שטיקער פון אונדז די אַסימילאַציע, אָבער גלייכצייטיק שטאַרקט זיך דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין און דער שטאָלץ מ י ט און הילפס־גרייטקייט פ א ר דער יידישער מדינה. מדינת ישראל (איז אויסגעוואַקסן פון אַ ישוב פון אַן ערך 650 טויזנט יידישע נפשות צו אַ מלוכה וואָס קאָנצענטרירט אין זיך קנאַפּע פיר מיליאָן יידן; אַ מלוכה מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע און לאַנדווירשאַפט, מיט אַ באַ־טייטנדיקן קאַרטיידיקונגס־כוח וואָס איז פעאיק אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס פון די אַרומיקע שונאים.

נישט לייכט איז געווען אָט דער וועג. ער איז געצייכנט מיטן בלוט פון פינף מלחמות פאַר די קורצע ערציק יאָר יידישער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט. און געצייכנט איז ער מיטן אָנשטרענג פון די בויער פון שטעט און ישובים, פון די מענטשן פון פראַצע און גייסט, וועלכע האָבן דערהויבן מדינת ישראל צום איצטיקן מצב פון אַ לאַנד מיט וועלכן עס מוזן זיך רעכענען די פעלקער פון דער וועלט.

היסטאָריקער און פּאָליטיקער וועלן זיך נאָך לאַנג באַמיען פעסטצושטעלן אויף וויפל דער יידישער חורבן, דער אומקום פון מיליאָנען יידן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן היטלעריסטישן שונא, וואָס האָט זיין הויכפּונקט דערגרייכט אינעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ — אויף וויפל אָט די געשעענישן האָבן מיטגעווירקט צום שפּעטערדיקן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל; צי איז דער באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה געווען אַ רעזולטאַט פונעם אויפגעטרייסלטן פעלקער־געוויסן, אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ געשעענעם פּאַקט — פון דער יאָרן־לאַנגער צוגרייטונגס־אַרבעט מצד דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג וואָס האָט געזען אין דער שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אויפן היסטאָרישן באָדן פון ארץ־ישראל די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע. איז עס אפשר וויכטיק פאַר היסטאָריקער און פּאָליטיקער. פאַר אונדז אָבער איז וויכטיק בלויז איין זאַך — די יידישע מדינה, איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. און ווען פינצטערע כמאַרעס רוקן זיך אָן אויף איר הימל; ווען עס פאַרשאַרפן זיך אינערלעכע ווידעראַנאַנדן און ווען דער וועג צו ווירקלעכן שלום מיט אַראַבישע שכנים זעט אויס אַלץ ווייטער און ווייטער — פאַרשטאַרקט זיך דער אומרו אין אונדזערע הערצער.

וועלן מיר טאַקע מיט אומרו, אָבער אויך מיט שטאָלץ אָפּמערקן דעם היי־יאָריקן פערציקסטן יום־העצמאות, און אַזוי אויך וועלן מיר אָפּמערקן דעם 45סטן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. אָט די צוויי דאַטעס, מיילנשטיינער אין אונדזער געשיכטע, אַפּלן זיך צונויף אוודאי נישט צופעליק. איז דאָך אָנגענומען ביי יידן בעת אַ שמחה אויך צו לאָזן אַ טרער, נישט פאַרגעסן יענע וואָס האָבן זיך געפּעלט.

און אַזוי האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, די מכבייער פון אונדזער צייט — נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן! וועלן מיר זיי נישט פאַרגעסן אויך בעת אונדזערע שמחות. שענדיק, שטענדיק וועלן מיר זיי האָבן פאַר די אויגן אונדזערע זעקס מיליאָן קרבנות פון דער היטלעריסטישער ענדלעזונג פון דער יודנפראַגע; די אומגעבראַכטע אין די געטאָס און טויט־לאַגערן;

פּראָפ׳ בן־ציון דינאַבורג (דינור)

# די יסודות פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע

## (צום פערציקסטן יובילײ פון מדינת־ישראל)

אָט דער געדאַנק וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור איז געווען אַ קאָמפּלעקס פון מחשבות און דערפאַרונגען, וואָס אין זייער צוזאַמענגאָס זיינען זיי געוואָרן דער הויפּט־יסוד פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. די אידעאָלאָגיע האָט זיך געשיצט אויף אַ רעאַליסטישן באַנעם פון דער יידישער ווירקלעכקייט; אויף אַ נייעם באַנעם פון יידישן עבר און אַן אַנדער אָפּשאַץ פון היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דער באַשטימונג פון אונדזער פאָלקס עתיד.

שלילת הגלות — די פאַרניינונג פון גלות — איז דער ערשטער יסוד פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. דער גלות איז שולדיק אין אַלע צרות, וואָס זיינען געקומען אויף יידן; די אַלטע [רעליגיעזע] פּיינטשאַפט, צווישן־פעלקער שינאה, די קינאה פון אומוויסנדיקע, שפּאָט און געוואַלדטאַטן מצד דעם אויפגעהעצטן המון; טעמפּע גלייכגילטיקייט פון רוב און נישטיקער מיטלייד פון די ווינציקע — אָט די אַלע מאַניפעסטאַציעס זיינען באמת איין דערשיינונג: די באַציונג פון דער שטאַרקער מערהייט צו אַ שוואַכער וואַנדערנ־

---

די פאַרברענטע אויף שייטערהויפנס און געוואָרפענע אין קאַלכאויוונס. און געדענקען וועלן מיר אויך אַלע באַמענלאָזע יידישע קעמפער אין די פּאַרטיזאַנער־רייען, אין די מיליטער־אָפּטיילן פון די אַליאירטע אַרמייען אויף די מיזרח־און מערב־פראָנטן, וועלכע האָבן געגעבן זייער בלוט־צושטייער צום ניצחון איבערן שונא פון יידישן פאָלק און פון דער מענטשהייט. און איבער אַלע וועלן זיך אַרויסהייבן, געהילטע אין אָראָל פון נישט פאַרגעסן, די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס וועט בלייבן פאַר דורות דער סימבאָל פון יידישער גבורה און מוט אין אָנבליק פון אומפאַרמיידלעכן טויט.

וואָלט נישט געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פון 19טן אַפּריל, 1943, וואָלטן אפשר געקאָנט אָנגיין מיט זייערע ליגנס און פעלשונגען די אַלע וואָס פּרווון נאָך אויך היינט באַוואַרפן מיט שמוץ די טויטע און לעבן־געבליבענע יידן פון היטלעריסטישן גיהינום, אַז זיי זענען כלומרשט געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. אָבער זייערע ליגנס און פאַרלוימדונגען צעשווימען זיך ווי אַ זייפנבלאָז אין אָנבליק פונעם אמת וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועגן יענע יידישע העלדן וואָס האָבן כמעט מיט די הוילע הענט געקעמפט וואָכנלאַנג קעגן רעגולערע אָפּטיילן פון דער ווערמאַכט און עס־עס באַוואָפנטע מיט האַרמאַטן און טאַנקען.

האָבנדיק אויף אייביק דעם אָנדענק פון יענע העלדן פאַר אונדזערע אויגן; טראָגנדיק אויך אין אונדזער געדעכעניש דעם אָנדענק פון די זין פון אונדזער פאָלק וואָס זענען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין פאַרטיידיקונג פון מדינת ישראל, קאָנען מיר היינט, ווען אויף דער יידישער מדינה לויערן נאָך אַלץ געפאַרן, זאָגן דער וועלט מיט מוט און שטאָלץ — ק ײ ן מ אָ ל מ ע ר !

מ. ש.

דיקער מינדערהייט וואָס מ'איז מקרב ווען מען נייטיקט זיך אין איר, מען טרייבט זי אַרויס, אָדער וואָס נאָך ערגער — מען פאַרטיליקט זי ווען מען דאַרף זי מער ניט.

דער ציוניזם האָט שאַרף קריטיקירט אַנדערע אָפּטימיסטישע השקפות בנוגע דער יידישער ווירקלעכקייט אין גלות, האָט אָביעקטיוו צעגלידערט געשעענישן בנוגע יידן אין די גלות־לענדער און האָט קריטיש צעשטערט אילוזיעס און פאַנטאַזיעס. דער ציוניזם האָט געלערנט און דערצויגן די נאָכפאָלגערשאַפט צו אַ רעאַליסטישער אויפאַסונג פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

דער צווייטער יסוד פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע איז דער באַנעם פון יידישן עבר. אין די טיפענישן פון דער יידישער געשיכטע איז פאַרזייט די וויטאַליטעט פון דעם היסטאָרישן בונד צווישן יידישן פאָלק און זיי לאַנד, ארץ־ישראל.

ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער אָנשטרענגונג מצד די היסטאָריאָגראַפן פון עמאַנציפּאַציע־דור, וואָס האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די יידן זיינען אַן „אָרגאַנישער טייל" פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען, און זיינען כלל ניט צוגעבונדן צום לאַנד פון זייערע אָבות, איז זיי ניט געלונגען אויסצושניידן דאָס לאַנד פון יידישן באַוווסטזיין און עס עלימינירן פון די פאַקטאָרן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס שטאַרקע געפיל פון יידישער קולטור־היסטאָרישער פאַרבינדונג און פון איינהייטלעכן גורל פון פאָלק און לאַנד. געפיל פון איינהייטלעכן פאָלק און לאַנד.

דער ציוניזם האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די שטענדיקע טיף־היסטאָרישע פאַרבינדונג צווישן די יידן און זייער לאַנד. יידן זיינען קיינמאָל ניט געווען אַ לאַנדלאָז פאָלק. אפילו ווען דאָס לאַנד איז ניט געווען אין זייער פּאָליטישן רשות און פרעמדע האָבן דאָרט געהערשט, האָבן יידן זיך געקלאַמערט צום לאַנד און געטענהט: „כולה שלי" — ס'איז אינגאַנצן מיינס. להלכה איז ארץ־ישראל תמיד געגעבליבן דאָס יידישע לאַנד און די פעלקער האָבן עס אומדירעקט מודה געווען. ווען זיי האָבן געוואָלט, אַז די יידן זאָלן פון זיי אַוועק, האָבן זיי געשריען: „יידן, גייט קיין פּאַלעסטינע!" מיט זייער באַטראַכטן אונדז פאַר פרעמדע במשך פון אַריבער טויזנט יאָר פון אונדזער וווינען אין אייראָפּעישע לענדער, האָבן די דאָרטיקע פעלקער באַשטעטיקט אונדזער היסטאָרישע חזקה אויף ארץ־ישראל.

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, אָנהייבנדיק פון דער ביבלישער תקופה און אויך אין דער צייט פון די גלותן זיינען יידן געווען באַשטימט פאַר זייער לאַנד, און דאָס לאַנד איז געווען באַשטימט פאַר יידן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זייער נחלה. ס'האָט ביי זיי שטענדיק געלעבט די האָפנונג פון קיבוץ־גלויות — דאָס איינזאַמלען די צעשפּרייטע קינדער אין זייער צוגעזאָגטן לאַנד אַריין.

זיי האָבן שטענדיק געשטרעבט צו באַנייען די יידישע הערשאַפט אין יידישן לאַנד און צו דערגרייכן אַ פולשטענדיקע פּאָליטישע און קולטורעלע אויפלעבונג. אין איינקלאַנג מיט צייט און אומשטענדן האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. די היסטאָרישע משיחישע באַוועגונגען (שלמה מולכו, דוד הראובני א"א), דער דראַנג צו עליה אין אַלע צייטן זיינען געווען אַ המשך פון דער דורות־אַלטער מלחמה, וואָס אונדזער פאָלק האָט געפירט פאַר זיין נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער אויפלעבונג און אומאָפּהענגיקייט אין זיין לאַנד; אַ מלחמה וואָס האָט ניט אויפגעהערט זינט די בר־כוכבא־צייטן (132) ביז אויף היינטיקן טאָג.

דער דריטער פונקט אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע איז די איבערצייגונג אַז דער ווילן־צו־לעבן פון פאָלק איז דער אַנטשיידנדיקער יסוד אין זיין גורל. אָט דער יסוד איז בכוח צו שאַפן נייע פאַקטאָרן וואָס זיינען אַנטשיידנדיק אין דער געשיכטע פון פעלקער. דאָס האָט בשעתו געמיינט ד"ר פּינסקער מיט זיין ציטירן הלל'ס מימרא: „אם אין אני לי, מי לי?" און וואָס הערצל האָט אונטערגעשטראָכן מיט זיינע ווערטער: „אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין לעגענדע."

דער דאָזיקער גלויבן אין די פּאָטענציעלע כוחות פון פאָלק און אין זיין ווילן

**חיים גראַדע**

# די געבליבענע

עס טרעפֿט אַז צו חצות ווען די פֿלעדערמויז שוועבט,
די שפּין פֿון חלומות אין פֿינצטערניש וועבט —
שפּרינגט אויף פֿון געלעגער אַ פֿרוי און שרייט: מאַמע!
קען זיין, אַז איר אַלטיטשקע וואָלט נאָך געלעבט,
דאָס פּנים פֿול קנייטשן, ווי ליכט־שטראַלן סאַמע.

עס טרעפֿט, אַז אַ פֿרוי זעט אַ מיידל מיט צעפּ,
דערמאָנט זי זיך — דייטשישע טריט אויף די טרעפּ.
איז זי ניט אַוועק ווען אַוועק זיינען אַלע?
זי זעט אין אַ בונקער פֿאַרשאָטענע קעפּ...
איר טעכטערל וואָלט שוין געווען איצט אַ כלה.

דאָס טרעפֿט אָבער בלויז ווען־ניט־ווען אינדערשטיל.
אַמאָל אויך אין טאָג פֿון דעם חודש אַפּריל,
ווען איבער־געבליבענע וויינען בציבור;
ווען ס'געבן די יאָרצייט־ליכט בלוטיק אַ שפּיל
מיט אויגן וואָס זיינען שוין שטויב אין די גריבער.

אויך יענער וואָס מאַכט ניט קיין אויג צו ביינאַכט,
באַהאַלט זיך בייטאָג אין אַ פּנים וואָס לאַכט,
ווי אַלע וואָס גייען אין יאָך אונטערטעניק,
אין האָבן אין לעבן שוין שלום געמאַכט
מיט סקילה און שׂרפֿה, מיט הרג און חנק.

---

צו לעבן — צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי הויפּט־יסודות — שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם אינהאַלט פֿון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

קאָנדענסירט פֿון העברעיש:
ישראל גובקין

**נ. ב.:**

ניט מיט אַלץ וואָס פּראָפ' דינאַבורג זאָגט זיך אַרויס קענען מיר היינט־צו־טאָג, צוליב דער געענדערטער לאַגע, מסכים זיין.

מיר דרוקן דעם אַרטיקל צוליב דינאַ־בורגס אַנאַליז פֿון יידישער געשיכטע. דער אַנאַליז איז געווען דער אידעאָלאָגישער קאַטאַליסט, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַנ־דערע פֿאַקטאָרן, גורם געווען צו דער גרינדונג פֿון מדינת ישראל, און איז גילטיק ביז הנטיקן טאָג.

י. ג.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## לאָדזש

אין מיין נעפּלדיק נאָטיץ־ביכל זינגען האַלעוועשקעס
פּאַרטשאַדעטע זכרונות פון אַ פאַרגעסן ליד;
געלע בלעטער מישן זיך אַליין
אין מיין יונג־נאָמאַדישן געמיט.
פאַבריק־סירענעס ריטשען הייזעריק אין שלאָף,
שאָטנדיקע סילועטן ציען מיט קריגעלעך און רעפטן ברויט
איינגעוועבט אין גרוי — געקנויל
אַן אייטערדיקער מאָרגן־רויט.

ערשטע מאַיען אין מלכות באַלוט
פרילינג געבלי פון צעזונגענע כאָרן
צעיאַכמעטעטער חלום
אילוזיע פאַראַד פון דלות און צאָרן
רויטע פענער, אותיות יידישע
אין גאָלדן געפלאַטער,
אַ צעהוידע
פון פראָטעסטן און ריידעס,
אין באַלוט־געטאָ
שווייגן בלויז מיינע גלויביקע זיידעס.

ווו זיינען יענע האַלעס־דלות יידן
אויף אָגראָדאָווע
מיט זמירותדיקע שטערן, ווינטיקע קאַפּאָטעס,
די נאָוואָמייסקע רופערס און שרייערס
אין מיינע פראָווינצער פרייערס;
ווו זיינען די צאַפּלדיקע מעקלער אין געלויף
אוי, ווו זיינען זיי,
ווו זיינען די קונצנמאַכער אויפן לאַנגן הויף?

אויף גדאַנסקע ווען אונדזער קינד
האָט געוויגט זיך אין אַ גליקלעכער וויג
האָט לאָדזש אַן אונטערגעצונדענע שוין געזיט,
לעבן־געבליבן איז אַ נאָטיץ־ביכל בלויז
מיט אַ פאַרסמאַליעט ליד.

לילי בערגער / פּאַריז

# פּאַרן שפּיגל

די האַרבסטיקע זון האָט דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעשיקט אירע פאַרשפּעטיקטע גינגאָלדענע שטראַלן און אָנגעפילט דאָס צימער מיט זומערדיקער וואַרעמקייט. די געלבלעכע בלעטער אויף די ביימער פאַרן הויז האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן פאַר דער צייט פאַרגעלט געוואָרן. דער פוילישער גאָלדענער האַרבסט איז דאָס יאָר געווען אַ גינגאָלדידיקער. זונטיק - שפּאַצירער אין העלע קליידער האָבן זיך געקוויקט מיט דער מילדער וואַרעמקייט. דאָס שמאָלע וואַרשעווער געסל ביים ראַנד פון גרויסן שטאָטישן גאָרטן האָט אין זונטיקדיקן פרימאָרגן אָפּגעהילכט מיט קינדערישן געפילדער.

קינדערישע שטימען האָבן אַלע מאָל אַרויסגערופן אין רעגינעס האַרץ געמישטע געפילן. אין יעדן קינד האָט זי געזען עפּעס פון איר זיבן־יאָריקן דאווידעק. אין יעדן קינדערישן געשריי האָט זי גע־

## ווען דער זייגער ווערט מיד

כמאַערס, נאָך שרפהדיקע עדות, ווימלען
איבער אַלע מיינע אויסגעלאָשענע ליידיקע הימלען;
כאָטש איך בין שוין לאַנג אַריבער די סכנה־בריק
קוק איך אלץ נאָך צוריק ווי אַ קליינשטעטלדיקער יאָלד;
אין די שטאָטישע רויכן, פאַרסמטע געלויפן,
כ׳בין דאָ אַ פאַרגאַפּטער דאָרפישער בוים;
אין געיאָג דער זייגער ווערט מיד,
מיט אַסמאַטישן אָטעם ער דערעכט קוים,
ווהין טרייבט די מטורפע צייט אין געאייל,
רו זיך אָפּ אַ וויל, שמש בגבעון דום!

מיטן קלומיק פאַרשטויבטן אויף אַ גרינעם שטיין,
אונטער מיין וואַנדלדיקן שאָטן אויסגעבעט
כ׳וועל איינאָטעמען פיאַלעטן אומעט אויפן שוועל פון פאַרגיין
מיין מאַמעס פאַרגעביקן לעצטן גלעט,
באַנעצן די ליפּן מיט טוי פון אירע דערשראָקענע אויגן;
און אַז דער קאַלענדאַר וועט וועקן פון דרעמלדיקן געמיט
וועל איך זיך לאָזן אין וועג מיט דעם זיבן־שורהדיק ליד.

מיטן דאָרפישן עפּלבוים בין איך שטענדיק ערב־בליען,
נאָר מיינע טעג האַרבסטיקע ווינטיק זיך צעפליען;
אין דער וויגע פון מיין דור ווער איך מיטגעבלאָזן,
מיינע טעג ניט־געזעטיקטע
קנוילן זיך אויף בלינדע שטראָזן;
אין געאייל כ׳וועל קוקן צוריק צו מיין ברענענדיקן טרוים,
ניט פאַרוואַנדל מיך אין אַ זאַלצענעם זייל
נאָר אין אַ גאָרטנדיק דאָרפישן בוים.

הערט דאווידקעס געשריי; אין יעדן קינדערישן געלעכטער — דאווידקעס געלעכטער. ס'פלעגט טרעפן, אַז זי האָט דערפילט אַ באַגער צו נעמען אין אירע אָרעמס דאָס ערשטע בעסטע קינד, וואָס זי האָט באַגעגנט און צודריקן צום האַרץ. באַלד האָט זיך אָבער איר באַגער אויסגעמישט מיט אַ נאָגנדיקן צער. דער מוח האָט אָנגעהויבן חשבונען ווי אַלט דאווידעק וואָלט איצט געווען, זיך פאָרשטעלן ווי ער וואָלט איצט אויסגעזען.

צום מייסטן האָט דער צער גענאָגט אין די זונטיקדיקע פרימאָרגנס, ווען רעגינע איז געבליבן אַ ביסל לענגער אין בעט ווען פון דעם נעבנדיקן גאָרטן איז דערגאַנגען דער געפילדער פון קינדערישע שפּילערייען. טייל מאָל געמוזט פאַרמאַכן דאָס פענצטער, איבערדעקן זיך איבערן קאָפּ מיט דער קאָלדרע נישט צוצולאָזן צו אירע אויערן קיין קינדערישע שטימען.

„כ'וואָלט געדאַרפט זיך אַרויסציען פון דאַנען. נאָר ווו געפינט מען אַן אַנדער דירה? בפרט אָן קינדער", פלעגט זי די ערשטע יאָרן איינטענהן מיט זיך. נאָך אַזאַ טענה מיט זיך פלעגט זי אָפט מאָל חרטה האָבן. אַ חרפה איר געווען פאַר אַזאַ איינפאַל. ס'האָט איר געדוכט, אַז דערמיט פאַרשוועכט זי דעם אָנדענק פון איר זונעלע, דער איינציקער וואָס איז איר געהאַט פאַרבליבן נאָכן מאַנס אומקום. זי פלעגט אָנהייבן זיך מוסרן: אַ פחדן, איך וויל אַנטלויפן פון אַלץ וואָס דערמאָנט מיר אין אים. צי קאָן מען דען אַנטלויפן פון זיך אַליין? דאווידעק איז דאָך אין מיר, איך טראָג אים אין מיין האַרץ. ווי קאָן מען אַנטלויפן פון אייגן האַרץ? צי טאָר מען דאָס גאָר?

אַן אַנדערש מאָל האָט זי געטראַכט: „מען דאַרף אָנהייבן פון דאָס ניי, צוריק אויפבויען די צעשטערטע נעסט. כ'בין אַנטלאָפן פון דער שטאָט צו פאַרגעסן, נאָר אויב דאָס איז נישט לייכט, נישט מעגלעך, דאַרף מען אַנדערש. קאָנען דאָך אַנדערע צוריק אָנהייבן, געפינען אַן אָרט אין לעבן, באַפרייען זיך פון דער אַרויסשטויסעניש פונעם לעבן. באַלד זענען איר באַפאַלן ספיקות: „איך בין שוין מסתמא נישט פעאיק דערצו. די היימלאָזיקייט האָט זיך צופיל איינגעביסן אין לייב. אַז מ'האָט נישט קיינעמען איז מען היימלאָז, ווי אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָנהייבן אויף ס'ניי... ווי אַזוי? מיט וועמען?"

יאָרן האָבן זיך פויל געשלעפט און געלאָפן. רעגינע איז איצט געזעסן פאַר איר טואַלעט־טישל און באַטראַכט איר געזיכט אין שפּיגל. פון ביידע זייטן מויל האָט זי דערזען צוויי קליינע נייע הויט־פעלדלעך, וואָס קניפּן זיך איין. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ הין און צוריק און געפאָרשט די פּלוצלינגע פאַר איר ענדערונגען פון דער הויט אויפן געזיכט. דער שטערן איז נאָך גלאַטיק־יונג, אָבער די געדיכטע פעלדלעך, וואָס קנייפּן זיך איין אונטער די אויגן, די קנייטשן אַרום מויל וואַרפן אָן אויף איר אַ שרעק. זי דערמאָנט זיך, אַז בעתן לעצטן וויזיט ביים דאָקטער פאַר וועמען זי האָט זיך באַקלאָגט אויף איר מידקייט, האָט דער אַלטער גוטמוטיקער רופא זי באַרויקט מיט אַזעלכע ווערטער: נישקשה. איר האַלט זיך נאָך ניט שלעכט. כאָטש איר דערנעטערט זיך צו דער שוועל פון האַרבסט פון לעבן, אָבער דער האַרבסט גופא קען דאָך אויך זיין אַ שיינער. אָנהייב האַרבסט איז דאָך מערסטנטייל די צייט פון רייפקייט אין דער נאַטור בפרט ביים בן־אָדם.

איצט, זיצנדיק פאַרן שפּיגל, האָט זי געטראַכט: די מאַסקע פון אַלטקייט קריכט מיר אַזוי אַרויף אויפן פנים, ווי איך וואָלט שוין געווען ביים סוף פונעם האַרבסט.

ווען רעגינע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק צום ערשטן מאָל דערזען עטלעכע זילבערנע פעדים אין אירע שוואַרצע האָר, האָט זי אין קעגנוואַרט פון איר איינציקער קאָלעגין־פריינדין געפּרוווט זיך פריילעך מאַכן איבער זיי. פונאַנדערקעמענדיק אירע האָר האָט זי דעם זונטיקדיקן גאַסט, אָנווייזנדיק אויף די זילבערנע פעדים, געפרעגט:

— איז עס אמת, אַז ווען מען באַקומט גרויע האָר ווערט מען קליגער?

— אַזוי פיל מענטשן באַקומען גרויע האָר, ווערן גענצלעך גרוי און ווערן ווייניק וואָס קליגער, וואָלטן זיי כאָטש בעסער געוואָרן — האָט איר אַרבעטס־קאָלע־

גיין מיט אַ טאָן פון אַ שפּאַס געענטפערט.

רעגינע האָט געפּרוווט אָנכאַפּן אַ ווייסן האָר כדי אים אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל.

— אַ שאָד, אַ שאָד אַ האָר, פאַראַן היינט בעסערע מיטלען, וועסט טאָן אַזוי ווי איך, צופאַרבן זיי — האָט איר געלערנט די עלטערע קאָלעגין.

* * * * *

רעגינע האָט אַמאָל קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז איר פּנים קען פאַרעלטערט ווערן. די מלחמה האָט זי געטראָפן אַ זעקס און דרייסיק־יאָריקע שיינע פרוי אין פולן רייץ. בעת די ערשטע צוויי יאָר אָקופּאַציע אין קראָקעווער געטאָ פלעגט מען איר מאַכן קאָמפּלימענטן, אַז די בייזע צייט האָט גאָר קיין שליטה אויף איר נישט. אין לאַגער האָט מען וועגן עלטערן זיך נישט געקענט טראַכטן. דער באַגריף עלטער ווערן האָט נישט עקזיסטירט. איין מאָל האָט אַ יונג מיידל אָפּגעפונען אין איר פּעקל שמאַטעס אַן אויסבאַהאַלטן שפּיגעלע, אַריינגעקוקט דערין און אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי. דאָס שפּיגעלע איז פלינק איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און יעדערע פון דעם באַראַקווינעדינס, אַנקוקנדיק זיך האָט אויסגעשריען מיט אַ ווילד געשריי. אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אַן אַש־קאָליר פּנים מיט איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעלאָשענע אויגן האָט יעדע געזען ביי די אַנדערע. אין שפּיגעלע האָט יעטוועדע דערזען איר אייגן משונהדיק פּנים און זיך קוים דערקענט.

רעגינעס אויסזען האָט זיך נאָך דער מלחמה ביסלעכווייז פאַרריכט. איר אויסגעדאַרטער גוף האָט שטופנווייז צוריק באַקומען כמעט זיין אַמאָליקע רונדקייט, עלאַסטישקייט. די אַשיקע קאָליר פון פּנים איז אָפּגעטראָטן. דער קאָפּ האָט זיך ווידער באַדעקט מיט שוואַרצע האָר. אין מוח נאָר איז געבליבן אַ פּוסטקייט און אין האַרץ אַ טיפער לאָך ווי מ׳וואָלט פון דאָרט אַרויסגעריסן אַ לעבעדיק שטיק. פון אָנהייב איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע, ווי אין אַ תוהו־ובוהודיקער וועלט, וואָס חוזקט פון איר, ווען זי האָט נאָך געזוכט שפּורן פון איר אומגעקומענעם מאַן, פון איר זונעלע און די אַנדערע פון דער משפחה.

אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע וווּ זי האָט לייכט באַקומען אַרבעט אַלס כעמיקערין, פלעגט טרעפן, אַז אַ אבסערווירנדיק אַ רעאַקציע אין אַ פּראָבע־גלעזל, האָט זי פּלוצלינג אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער לינקער זייט ברוסטקאַסטן און טיף אָפּגעזיפצט.

— ס׳האַרץ טוט דיר וויי? האָט איין מאָל די איינציקע נאָענטע קאָלעגין געפרעגט.

— כ׳האָב דען אַ האַרץ? זיי האָבן מיר עס אַרויסגעריסן.

— דאַרפסט דאָך גיין צו אַ גוטן האַרץ־דאָקטער — האָט די מיטאַרבעטערין געעצהט.

— קיין שום דאָקטער וואָס דאָ נישט העלפן.

— די צייט איז אויך אַ דאָקטער, היילט וווּנדן.

— אָפּגעלאָפן שוין אַזוי פיל יאָרן און די וווּנדן זענען פאַרבליבן.

— אַ מענטש דאַרף האָבן גלויבן...

— גלויבן, גלויבן, אַ שיין וואָרט, וואָס נאַרט אָפּ. אין לאַגער האָב איך געגלויבט, אַז איך וועל צוריקגעפינען מיין יינגעלע וויי ניקסטנס. מיין קינד האָט מיר געהאָלפן איבערטראָגן אַלע יסורים. געווען זיכער, אַז אויב איך וועל לעבן בלייבן וועל איך אים צוריק האָבן. געמיינט, אַז איך האָב אים געהיטעט און געשיקט אויפן טויט.

זי רעדט זעלטן וועגן איר זונעלע. אין די אַלע יאָרן וואָס זיי אַרבעטן צוזאַמען האָט זי בלויז איין מאָל געהאַט איר דערציילט ווי אַזוי עטלעכע שעה פאַר דער „אַקציע" האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצושיקן דאָס יינגל מיט אַ „ספּעציאַליסטין" אַרויסצופירן קינדער אויף דער אַרישער זייט און איבערגעבן ווו מען דאַרף. איר זונעלע האָט זי געזאָלט אָפּפירן צו איר פּוילישער דינסט, וואָס האָט געוואַרט אויף אים. ערשט ווען רעגינע איז צוריקגעקומען פון לאַגער האָט זי זיך דערוווסט, אַז די יונגע „ספּעציאַליסטקע" איז אויפן וועג פאַרהאַלטן געוואָרן צוזאַמען מיט איר קינד.

— מ׳טאָר נישט כסדר טראַכטן דערוועגן. מען מוז פאַרגעסן, אַנדערש קען מען נישט...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, אַז מ׳דאַרף, אָבער ווי אַזוי? אַלץ דערמאָנט. טייל מאָל דוכט מיר, אַז איך גיי אַרום אויף אַ בית־עולם נאָר איך ווייס נישט ווו ס׳געפינען זיך די קבֿרים פון די די מייניקע, דער קבֿר פון מיין זונעלע.

— דאַרפסט האָבן עפּעס, כ׳ווייס... עפּעס אַ ציל אין לעבן, פאַרנעמען די פרייע צייט, פאַרנעמען דעם מוח מיט עפּעס...

— גערעכט, גערעכט, איך זאָג זיך דאָס זעלבע. נאָר פון זאָגן ביז אויספירן דאָס געזאָגטע...

* * * * *

יאָרן האָבן זיך געשלעפּט און געלאָפן. רעגינען האָט זיך געדוכט, אַז איר צעריסן, איינזאַם לעבן האָט געפונען אַ זינען. בייטאָג ביי דער אַרבעט צווישן די רערלעך און גלעזלעך אין אינסטיטוט און נאָך דער אַרבעט אויפן אוניווערסיטעט אָדער אין שטוב דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין טעקסטן, ספּעציאַליזירטע ביכער. נישט פאַרבליבן קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך גופא. די אַרבעט בייטאָג און דאָס ווייטערדיקע שטודירן האָבן רעגינען פאַרשלונגען. האָט אַמאָל אַ דערמאָנונג אָנגעקלאַפּט אין מוח, אַ ריס געטאָן אין האַרץ, האָט זי געפּרווט שטומערהייט אַריינרעדן אין זיך: געוועזן דאָך מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט בלויז פאַר דער וויסנשאַפט. פאַרוואָס זאָל זי דאָס נישט קענען?

* * * * *

— קאָנסט מיר גראַטולירן. נעכטן באַקומען דעם טיטל דאָקטער־כעמיע, היינט אַ צולאָג דעם טיטל פּראָפעסאָר—האָט רעגינע אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל.

— ביסט דאָך איצט אַ גליקלעכער מענטש, דער עיקר אַ פרייער מענטש. ביי מיר וועט עס נאָך לאַנג דויערן, איך קען נישט אַזוי לאַנג האָרעווען ווי דו, מיין געזונט מישט זיך כסדר אַריין אין מיינע פּלענער, האָט דורך די טעלעפאָן־דראָטן אָפּגעענטפערט איר עלטערע, איינציקע אַרבעטס־פריינדין.

יאָ, אַ גליקלעכער מענטש, האָט רעגינע מיט אַ לייכטער איראָניע ווידער אַריינגערעדט אין טרייבל. אַ שאָד וואָס דו ביסט נאָך אַזוי פאַרנומען, מיר וואָלטן די פרייע צייט פאַרבראַכט צוזאַמען.

* * * * *

צום ערשטן מאָל נאָך שיינע עטלעכע יאָר האָט רעגינע געהאַט פרייע צייט זיך אַרומצוקוקן אַרום זיך. איר טואַלעטע פלעגט זי אפילו די זונטיקן אויף גיך אָפּפּטרן. ס׳פלעגט טרעפן, אַז זיצנדיק ביים טואַלעט־טישל האָט איר דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די שטריכן פון איר פּנים ענדערן זיך, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן דערוועגן. איצט, אין ערשטן פרייען זונטיקדיקן פרימאָרגן איז זי פאַרבליבן אַ ביסל לענגער אין בעט און דערנאָך געבליבן זיצן לענגער פאַרן שפּיגל ביים טואַלעט־טישל. זי האָט פונאַנדערגעשמירט אַ קרעם אויפן פּנים, געדרייט דאָס געזיכט הין און צוריק און אַריינגערעדט אין זיך אָן ווערטער: „געענדערט זיך, נישט דאָס זעלבע פּנים. מ׳פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז כ׳האָב אַ יונגן אויסזען. וואָס נאָך פלעגט מען מיר זאָגן? יאָ, אַז די צייט האָט קיין שליטה נישט אויף מיר...“

זי האָט אויפגעעפנט דעם אונטערשטן שופלאָד, אַרויסגעצויגן אַ קאָנווערט מיט פּאָטאָגראַפיעס, אָפּגעזוכט אירע אַ פּאָטאָגראַפיע פון מיט צען יאָר צוריק. באַטראַכט זי און אַריינגעלייגט צוריק אין שעכטל. „צען יאָר. אָפּגעלאָפן צען יאָר. דעמאָלט געהאַט געקומען צו זיך נאָכן לאַגער. צוריק געהאַט באַקומען דאָס אייגן פּנים. און איצט נאָך צען יאָר.. ווי זיי לויפן דאָך די יאָרן, איידער דו קוקסט זיך אַרום ווערסטו אַלט. און אפשר... אפשר ווייל אַליין? ווייל...“

איינגעבויגן איבערן טישל האָט זי זיך ווידער דערזען אין שפּיגל. אין דער פּאָזיציע פון אָנגעבויגענעם קאָפּ זענען אַלע קנייטשן און שניטן אויפן פּנים געוואָרן נאָך בולטער, שאַרפער. זי האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט ווי דער אַמאָליקער פעסטער מוסקול אונטער דער גאָמבע האָט זיך ווי אָפּגעטיילט פון לייב, די הויט הייבט אָן אַראָפּצוהענגען אויפן האַלדז. די קנייטשן, וואָס קניפּן זיך איין אַרום די אייגן. די צוויי פאַלדן אַרום מויל האָבן

איצט אויסגעדריקט ערגערניש און דעם צער פון אַ מענטש וואָס עלטערט זיך פּריצייטיק. זי האָט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן: „איך פיל מיך דאָך נאָך יונג. מסתמא די אַליינקייט ציט אַרויף אויפן פּנים די אַלטקייט. דאָס פּנים ווערט אַלט און דאָס לייב בלייבט פול מיט באַגערן.“

זי האָט זיך דערמאָנט די עצות פון איר עלטערער פריינדין: „דאַרפסט צוריק פאַרלייגן אַ פאַמיליען־נעסט, חתונה האָבן. איך בין שוין צו אַלט, אָבער דו? האָסט נאָך דאָס לעבן פאַר זיך. אין צווייען האָט דאָס לעבן אַן אַנדער טעם“ אין צווייען.... ווי מען וואָלט אויף באַשטעלונג געקאָנט קריגן עמעצן. געבליבן נאָכן חורבן מער פרויען ווי מענער. און ווען מ׳האָט שוין געהאַט אַ מאַן מיט אַזעלכע מעלות ווי איר אומגעקומענער מאַן איז שווער זיך צוזאַמענגיין מיט אַבי וועמען. יענעמס געשטאַלט איז נאָך איינגעקריצט טיף אין האַרצן.

די האַרבסטיקע זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער אין הימל און צעשפּרייט אירע פאַרשפּעטיקטע גינגאָלדענע שטראַלן. פון די ווילדע טרויבן־פלאַנצן, וואָס זענען געקראָכן אויפן מויער, האָט זיך געטראָגן אַ פייגל־קאָנצערט. צום אָפענעם פענצטער איז צוגעפלויגן אַ קאַנאַריק, אַוועקגעשטעלט זיך אויפן ראַנד, אַרייַנגעקוקט מיט נייגיר און צימער, אַ דריי געטאָן עטלעכע מאָל מיטן פייגלשן קעפּל, פונאַנדערגעשפּרייט די פליגעלעך און אַוועקגעפלויגן. רעגינע האָט אָפּגעריסן די אויגן פון שפּיגל און נאָכגעקוקט דאָס פייגעלע. געדאַנקען האָבן דורכגעשפּיזט איר מוח „אַ פייגעלע האָט זיכער אַ בשותפותדיקע נעסט. יעדע באַשעפעניש בויט אויס צוזאַמען אַ נעסט, גראָבט אויס אַ נאָרע בשותפות. קיין שום באַשעפעניש קאָן נישט לעבן אַליין, נאָר אַ מענטשן איז נאָך שווערער צו לעבן אַליין, נאָך שווערער ווען מ׳האָט שוין אַ צעקנייטש פּנים, ווען מ׳האָט פון אים אַוועקגעריסן...

אַ קינדער־געשריי, וואָס איז אַרייַנגעדרונגען דורכן אָפענעם פענצטער האָט זי אַרויסגעריסן פון אירע מחשבות. זי האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין געסל האָבן צוויי ייִנגעלעך אין עלטער פון אַ 6־7 יאָר געריסן זיך איבער אַ וועגעלע. דער עלטערער מיט אַ שוואַרצן קאָפּ געדיכטע האָר, מיט אַ מאַט פּנים, האָט מיט אַ זיגערישן שמייכל אַרויסגעריסן זיין אייגנס. רעגינע האָט ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, דערזען אין אים איר דאַווידקען. אַזאַ ענלעכקייט! ווי אַלט וואָלט ער איצט געווען?

זי האָט אָנגעהויבן חשבונען. ער וואָלט שוין מסתמא אַליין פאַרלייגט אַ משפּחה־נעסט. זי וואָלט שוין אפשר געהאַט אַן איינִיקל? זי האָט זיך דערפילט נאָך מער איינע אַליין אויף דער וועלט. זי האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און צוריק זיך געזעצט צום טואַלעט־טישל. איר פּנים אינעם שפּיגל האָט איצט אויסגעזען פאַרקרימט און נאָך מער פאַרעלטערט פון שטיקעניש אין האַלדז. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די פאַרלייגטע אויפן טישל הענט און שטיקנדיק זיך מיט טרערן שטיל געשעפּטשעט: „דאַווידעק, מיין זונעלע, דיין מאַמע איז געבליבן אַליין, אַלט און אַליין. . .

וואַרשע 1959

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון“

משה שקליאַר

# מיט ווייטיק אין האַרצן און רופן פון דורות

מאיר שטיין האָט איבערגעלעבט די היטלער־אָקופּאַציע אין וואַרשע, אויסבאַהאַלטן אין אַ טויבנשלאַג. אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן, האָט ער געטראָגן דעם פּסעוודאָנים „אָדלער".
(פון אַ גבית עדות)

געקומען איז ער פונעם ראַנד פון די תהומען —
פון סטאַווקע און דזשיקע, פון סמאָטשע און מילע,
און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פלאַם פון נקמה,
וואָס קאָן שוין מער קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט שטילן.
פאַרפלאָגט האָבן אים דאָ אין נעסט פון די טויבן
דער אָפּהילך פון הייזער וואָס האַלטן אין פאַלן,
די קרעכצן פון בידער דערשטיקטע דורך שטויבן
פון גאַזן און בונקערס אין וואַסער־קאַנאַלן.
און ווען ער האָט דאָ ביי דעם שיין פון די שטערן
געגרייט זיינע גרויע בוקעטן — גראַנאַטן,
פלעגט ער אין דער שטילקייט פון אונטערט דערהערן
דאָס וויינען פון שוועסטער, פון אַלטיטשקן טאַטן,
געפירטע צום אומשלאַג.

אַוועק אין שוין אַלץ דאָ מיט רויך און מיט פייער,
געבליבן איז קיינער נישט צווישן די חורבות,
און בלויז אין די נעכט באַווייזט זיך דאָ מאיר —
דער „אָדלער" מיט זיינע גראַנאַטן, און באַרוועס,
אַז ס'זאָלן די טריט נישט די שטילקייט צעשטערן,
ער לויערט אַ שטומער אויף ווילדע היענעס,
וואָס קומען אַהער מיטן טויט זיך דערנערן —
און יעדן פאַרטאָג, ווען די זון הייבט אָן ברענען
און שטייגט אויף פון הינטער די ווייסלשע ברעגן,
פאַרגאָסן אין גענטאָ מיט בלוט זענען וועגן —
און ווידער איז וואַך אונדזער „אָדלער".

— גוט מאָרגן אייך, טייבעלעך, ווייסע און גרויע ! —
אַזוי פלעגט באַגריסן דער „אָדלער" די טויבן
נאָך נאַכטיקן וואַנדער, ווען ער האָט זיין טרויער
צום הייליקן אַקט פון נקמה דערהויבן.
און זיי, די אומשולדיקע טויבן די ווייסע,

גענוקט אויף אים האָבן מיט מענטשלעכע בליקן,
געדאַכט האָט זיך אים, אַז עס קומען די מתים
פון גריבער אַרויס און זיי מאָנען: דערשטיקן,
דערווערגן זאָלסט דו יעדן פיינט, יעדן איינעם,
וואָס האָט נאָר אַ חלק אין טויט פון מיליאָנען!
און ער האָט אין נאַכטישן וואַנדער נישט קיינעם
געשוינט, נישט פאַרגעסן די מערדער דערמאָנען
דאָס גרויסע פאַרברעכן.

מיט ווייטיק אין האַרצן און רופן פון דורות,
מיט בלוט אין די אויגן און קראַפט אין די פינגער,
ביים שיין פון מיליאָניקע שטערן — מנורות,
אַוועק איז ער יעטוועדע נאַכט ווי אַ זינגער,
וואָס האָט נאָך זיין ליד ביזן סוף נישט דערזונגען,
פאַרעקשנט אַזוי — נאָכן בלוט פונעם שונא!
און יעדן פאַרטאָג, ווען גאָלדענע רינגען
פון זון־ליכט געשפּילט האָבן זיך אין זיין וווינונג —
געוועזן איז ער מיט די טויבן.

אַזוי איז באַגינען אַוועק נאָך באַגינען,
ביז איין מאָל עס זענען פאַרשוווּנדן די טויבן
פון נעסט, דעם באַהאַלטענעם צווישן רואינען,
ווי עמעצער וואָלט דאָ געקומען באַרויבן
דעם „אָדלער" פון לעצטער באַרירונג מיט לעבן.
געזוכט האָט ער דעמאָלט אין הימלען די גרויע
די פריינד, וועלכע פלעגן באַגינען דאָ שוועבן.
פון הימל אַרפּגעוויינט שטיל האָט דער טרויער,
און טראָפן נאָך טראָפן געקלאַפּט האָט דער רעגן
אין הילצערנעם דאַך פון דער אָדלערשער פעסטונג.
ס'איז ערגעץ נישט ווייט אַ געפּאַר דאָ געלעגן,
צווישן די חורבות אַרום זיך גענעסטיקט,
געפילט האָט דער „אָדלער".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין יענעם באַגינען האָט רויט ליכט זיך צעצונדן
דער וואַרשעווער הימל פון אַלע פיר זייטן,
און ס'איז מיט די פלאַמען דער „אָדלער" פאַרשוווּנדן —
זיין אַש בלויז די ווינטן צעשפּרייטן...

(געשריבן אין וואַרשע צום 10טן יאָרטאָג
פון געטאָ־אויפשטאַנד. צווייטער וואַריאַנט —
ל. א. 1987)

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אַ משפּחה אין פּוילן*)

## די מלחמה־יאָרן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — 1918-1916

וואָס ווייטער און לענגער די מלחמה האָט געדויערט, אַלץ מער האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן אַרויסגעפּירט פון פּוילן אַלצדינג וואָס האָט זיי געקענט העלפן דעם רוסישן שונא. קודם־כל האָבן זיי קאָנפיסקירט שפּייז־פּראָדוקטן ביי די פּריצים און רייכערע פּויערים. זיי האָבן באַפוילן אַ מען דאַרף זיי אָפּגעבן אַלע מעשענע און קופּערנע מכשירים; אפילו די מעשענע קליאַמקעס פון די פּריוואַטע הייזער האָט מען זיי געדאַרפט צושטעלן; אויך דעם מעשענעם כיור אין בית־המדרש. אַזוי ווי דער מאַנגל אין שפּייז, אין די גרעסערע שטעט, איז כסדר געוואַקסן זיינען פון וואַרשע צוריקגעקומען אין אונדזער שטעטל, אַ צאָל באָדזאַנאָווער „אויפגעקלערטע", אינטעליגענטע יידישע פאַמיליעס וואָס האָבן געהאַט געשעפטן אין וואַרשע. דאָס זיינע שוין געווען קורץ־געקליידטע יידן, וועמענס פרויען עס האָבן שוין נישט געטראָגן קיין שייטלען. איינע פון די דאָזיקע פרויען, געדענק איך, האָט גערעדט אויך פראַנצויזיש, און זי איז געווען די איינציקע וואָס האָט שפּעטער, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, זיך געקענט צוזאַמענרעדן מיט אַ פראַנצויזישן מיליטער־מענטש. עס זיינען אויך געקומען פון וואַרשע וועלטלעכע יידן: יידישע נאַציאָנאַליסטן, און סאָציאַליסטן פון אַלערליי שאַטירונגען. איינער פון די ניי־אָנגעקומענע — מ׳האָט אים גערופן „דער פּרעלעגענט" (לעקטאָר) אַ ליטוויש־יידישער אינטעליגענט — איז געוואָרן דער טאָן־געבער פון דער באָדזאַנאָווער אויפגעקלערטער יידישער יוגנט.

אין מיין קרייז איז אָנגעקומען אַ וואַרשעווער שוואַרץ־חנעוודיק בונדיסטקע — העלענקא האָט מען זי גערופן. זי פלעגט רעדן מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט וועגן איר אַטעאיסטישן קרעדאָ, אַז איך, וואָס בין שוין געווען סקעפּטיש בנוגע די פונדאַמענטאַלע דאָקטרינען פון דער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, פלעג פון דעסטוועגן ווערן שאָקירט הערנדיק איר אפּיקורסות. מיין טאַטע פלעגט נאָך דעמאָלט יעדן פאַרטאָג לערנען מיט מיר גמרא און תוספות, הגם ער האָט מסתמא געאַנט אַז מיין אמונה וואַקלט זיך, און איך האָב שוין אַ שוואַכן אינטערעס אין די אַלע ענינים מיט וועלכע די גמרא באַשעפטיקט זיך. ער האָט געהאַלטן אַז אפילו אַן אפּיקורס דאַרף קענען דעם תלמוד. יאָרן שפּעטער בין איך געקומען טיילווייז צו דער־זעלביקער מסקנא.

מיין טאַטע האָט געהאַט ידידים אין ביידע קרייזן: צווישן די פרומע און די אויפגעקלערטע. דער רב, ר׳ חנוך־הענעך נאָוורי, איז געווען זיינער אַ נאָענטער פריינד, און דער משכיל וואָס פלעגט אַבאָנירן דעם „קוריער וואַרשאַווסקי", הענעך חיימאָוויטש, איז אויך געווען זיין ידיד. איין מאָל האָט מיין טאַטע מיך געזען לייענען אַלגינס „ווען קייטן קלינגען". נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט עטלעכע פאַראַגראַפן האָט ער מיך נישט געשטראָפט; ער האָ מיר געזאָגט: ס׳איז פּראָפּאַגאַנדע, און ס׳איז אַ שאָד פטרן די צייט אויף דעם. איך האָב שוין דעמאָלט געלייענט די יידישע צייטונגען „מאָמענט" און „היינט", און אַ דאַנק העלענקען פלעג איך זען די בונדישע צייטונג „לעבנס־פראַגן." נאָך אַ שטיקל צייט לייענען די „לעבנס־פראַגן" בין איך שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון וולאַדימיר מעדעמס פּובליציסטיק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שאַרפער לאָגיק, און עלעגאַנטן, אייגנאַרטיקן סטיל. בהדרגה האָט ער באַאיינפלוסט מיין וועלט־אָנשויאונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אויספאָרמירן; הגם איך האָב נישט געקענט אָננעמען דעם בונדס דעמאָלטיקן „נייטראַליזם" בנוגע יידישער עקזיסטענץ. אין מעדעמס פּאָלעמיק מיטן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, אין שייכות צו דער יידיש־

נאַציאָנאַלער פראַגע, האָב איך געהאַלטן מיטן היסטאָריקער, און מעדעמס קעגנערשאַפט צו דער אידעע אַז יידן זיינען אַן אַלוועלטלעכע נאַציע, האָב איך זינט מיין פריסטער יוגנט אָפּגעוואָרפן. מעדעם, פונקט ווי די דעמאָלטיקע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקערס: פּלעכאַנאָוו, לענין, קאַאוטסקי, אָטאָ באַוער, האָט אין דער יידן־פראַגע אָנגעווענדט אויפן יידישן פאָלק די אַלגעמיינע דעפיניציעס: דאָס ה. אויב יידן זיינען נישט ווי „אַלע" פעלקער — קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע, און רעדן נישט איין שפּראַך — זיינען זיי נישט קיין נאַציע. דובנאָווס קאָנצעפּציע אַז דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין וואָס איז באַזירט אויף דער געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישן גורל איז די נשמה פון יידישן פאָלק האָט מעדעם אָפּגעוואָרפן. דאָס אַלוועלטלעכע יידישע פאָלק איז פאַר אים אַ פיקציע, אָדער אַן אַבסטראַקציע. (זע וו. מעדעם: זכרונות און אַרטיקלען, פאַרלאַג „יידיש", וואַרשע, 1918; זייט 80-107).

אַוודאי ווייס איך אַז צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז דער "בונד" ווייט אַוועק פון די דעמאָלטיקע מעדעמישע איינשטעלונגען. נישט נאָר האָט ער אויפגעגעבן זיין נייטראַליזם, נאָר ער איז געוואָרן דער בויער פון די צישאָ־שולן, פון קינדער־היימען, פון קאָאָפּעראַטיוון, און מיטגעהאָלפן שאַפן און פאַרשפּרייטן די יידישע ליטעראַטור. ער איז געוואָרן אַ יידישע, סאָציאַליסטישע פאָלקס־באַוועגונג. ער אַפירמירט שוין איצט די גורל געמיינזאַמקייט פון יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, און אנערקענט שוין מדינת־ישראל ווי אַ זייל אין יידישן וועלט־פאָלק.

ביי אונדז אין שטעטל האָבן אין יענער צייט געלעבט אַ ריי פאַמיליעס וואָס זיינען, צוליב פאַרשידענע סיבות, אַהיימגעקומען פון אַמעריקע און ענגלאַנד. זיי האָבן מיט זיך מיטגעברענגט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און בעלעטריסטיק וואָס איז דאָרטן געדרוקט געוואָרן. די אַלע ביכער פלעג איך לייענען מיט גרויס אינטערעס.

אין ווינטער 1916-1917 איז אויסגעבראָכן אין פוילן אַ טיפוס עפּידעמיע, וואָס האָט אונדזער שטעטל געקאָסט אַ היפּשע צאָל קרבנות. מיין פעטער שיע אַקסט, דעם רב'ס יונגער איידעם, און אַנדערע זיינען אַוועק פון דער וועלט. מיר אַלע דריי ברידערלעך: שואל, בינעם און מעכל האָבן נישט אויסגעמיטן די קראַנקהייט; די צוויי יינגערע ברידער — בינעם און מעכל — זיינען די מחלה לייכט איבערגעקומען, אָבער איך בין געווען אין געפאַר — פאַר אַ ריי טעג האָב איך פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, און מיין טאַטע־מאַמע האָבן איבערגעלעבט וואָכן פון אַנגסט. אין מיטן דער סדר־נאַכט — דער דאָזיקער מאָמענט האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זיכרון — ווען מיין טאַטע־מאַמע האָבן געפּראַוועט דעם סדר אין טרויער, האָב איך צוריקגעווונען מיין באַוווסטזיין; האָב געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און פאַרשטאַנען אַז איך ליג אין בעט אַ קראַנקער, אויסגעווייקט אין שוויס. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין פון פרייד, אַז איך בין בשלום אַריבער דעם קריזיס. לאַנגזאַם האָב איך זיך געבעסערט, און בין געזונט געוואָרן. די פוילישע דאָקטאָרישע פלעגט קומען מיך עקזאַמינירן יעדן טאָג, און איך האָב לאַנג געדענקט מיין שעמעוודיקייט בעת זי האָט מיך אונטערזוכט. איך בין איר געבליבן דאַנקבאַר ביז היינט־צו־טאָג.

ווען איך בין אינגאַנצן געזונט געוואָרן האָב איך באַשלאָסן, אַז ס'איז צייט זיך צוגרייטן אַריינצוטרעטן אין די לעצטע צוויי קלאַסן פון אַ גימנאַזיע. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט אַ צאָל פוילישע פּאָעטן און נאָוועליסטן, און סלאָוואַצקי און מיצקעוויטש זיינען געווען מיינע ליבלינגען. אַזוי ווי מיין טאַטנס עלטסטע טאָכטער חיה דינה האָט געוווינט מיט איר פאַמיליע אין וולאָצלאַוועק, האָט זי מסכים געווען אַז איך זאָל וווינען ביי איר אין הויז. איר מאַן, איטשע בראַון, איז געווען אַ פייעדיקער העברעיסט, האָט זייער בן־יחיד מעכל געלערנט אין דער דאָרטיקער העברעישער גימנאַזיע. מיין מאַמע האָט גלייך מסכים געווען אויף מיין פּלאַן, און דער טאַטע האָט נאָכגעגעבן.

איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין וואָלאָצלאַוועק, ווו איך האָב מיט דער הילף פון אַ פריילין וואָס האָט געהאַט גראַדואירט פון דער גימנאַזיע אָנגעהויבן עקסטערנעווען. איך האָב עקסטערנעוועט לויטן קוריקולום פון דער גימנאַזיע זיך גרייטנדיק אַריינצוטרעטן אין די לעצטע צוויי קלאַסן ווי אַ רעגולערער סטודענט. דאָ בין איך געווען אַרום אַ האַלב יאָר, און האָב זיך אין וואָלאָצלאַוועק באַקענט מיט יוגנטלעכע, סיי פועלי־ציוניסטיש־געשטימטע, סיי בונדיסטיש־געניגטע; ס׳איז נאָך ביי מער־סטע נישט געווען אויסקריסטאַליזירט קיין פעסטע אידעאָלאָגיע. אין די אָוונטן און שבתים פלעגן מיר שפּאַצירן אויף דער בריק איבער דער ווייסל.

מען האָט דעבאַטירט, געשמועסט וועגן די פֿאַרשידענע תרופות צום יידן־און־יידישקייט פּראָבלעם. כ׳האָב זיך צוגעהערט צו די אַרגומענטן פון ביידע צדדים, און בהדרגה בין איך געקומען נאָענט צום גלותיסטיש־יידישיסטישן צד וועמענס קרעדאָ סינטעזירט מיט סאָציאַליזם האָט צו מיר אַפּעלירט. גלייכצייטיק איז ביי מיר געווען אַ סימפּאַטישע באַציונג צו אחד־העמס מרכז־רוחני אין ארץ־ישראל. אָבער מיט יידיש ווי די הויפּט־שפּראַך, און העברעיש ווי די צווייטע שפּראַך.*) איך האָב געלייענט די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור אָבער איך בין שוין דעמאָלט געווען סקעפּטיש בנוגע דער וויסנשאַפטלעכקייט פון מאַרקסיזם. מיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען האָבן געוואָרצלט אין די נביאים.

* * * * *

מיין טאַטע אין באַדזאַנאָוו איז געוואָרן אומרויק און באַזאָרגט וועגן איר בכור: צי האָט ער אין וואָלאָצלאַוועק די גוטע אויפפּאַסונג וואָס זי גיט אים אין דער היים, און האָט געפאָדערט איך זאָל גלייך אַהיימקומען. איך האָב געמוזט איבעררייסן מיין עקסטערנעווען און פאָרן אַהיים.

אין 1917, אין דריטן יאָר פון דער מלחמה, ווען די רוסן האָבן כסדר געליטן מפּלות, און דער גאַנצער „תחום־המושב" איז שוין געווען פאַרנומען פון די דייטשן, האָט פּרעזידענט ווילסאָן פּראָקלאַמירט זיינע 14 פּונקטן וועגן דעמאָקראַטיע, פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג פאַר קליינע פעלקער. מען האָט געפילט אַז ס׳קומט אַן איבערבראָך, און יידן האָבן געהאָפט און געגלויבט אַז אויך זיי וועלן אויפגעריכט ווערן צוזאַמען מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער רוסישער אימפּעריע. אין זיינע 14 פּונקטן האָט ווילסאָן דערקלערט אַז אַמעריקע וועט קעמפן פאַר די רעכט פון די קליינע פעלקער.

וואָס פון די אַלע שיינע דעקלאַראַציעס און פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן האָט זיך אויסגעלאָזט איז אונדז גוט באַקאַנט. אָבער די אַלע דיסאילוזיאָנירונגען געהערן נישט צום פּעריאָד מיט וועלכן איך באַשעפטיק זיך דאָ. עס געהער צו די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

אין 1918, ווען די דייטשן זיינען שוין געווען טיף אין רוסלאַנד, האָט דאָס פאָלק אין סאַמע דייטשלאַנד מער נישט געקענט געדולדיק טראָגן דעם יאָך פון קריג; ס׳ברעכט אויס די רעוואָלוציע און דער קייזער מוז אַבדיקירן אין גרויס געאייל. עס צעלויפט זיך די דייטשע אַרמיי פון אוקריינע און פּוילן. אין מיטן דער דאָזיקער כאַאָטישער צייט ברעכט אויס אַ נייע עפּידעמיע פון „פלו" אין פּוילן, און מיין זיבן־יעריק חנעוודיק שוועסטערל רעכעלע שטאַרבט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַזאַ צעטרייסלענדיקע געשעעניש, אַז איך בין אַ היפּשע צאָל וואָכן געלעגן אַ קראַנקער אין בעט; איך האָב אפילו צו איר לוויה נית געקענט גיין. מען האָט מיר דערציילט אַז דער טאַטע האָט ביי איר קבר זיך אויסגעטענהט מיטן רבש״ע, און געמאָנט ביי אים יושר...

ווען מיר זיינען צו זיך געקומען און אַביסל פאַרהיילט די וווּנד, בין איך געוואָרן אַן אייפעריקער לייענער פון דער יידישער, פּוילישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור. די נייע ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן געגעבן דאָס געפיל אַז מיר שטייען

*) אין דער אחד־העמיסטישער אידעע אויפצובויען ארץ־ישראל ווי אַ גייסטיקן צענטער האָב איך נישט געזען קיין סתירה צו מיין גלותיזם.

כאַר אַ גרויסער אויפלעבונג אין דער יידישער פוילן און רוסלאַנד. אין פוילן ווערן יידישע פּאַרטייען אַקטיוו: די ציוניסטישע פּאַרטייען, די „פּאַראייניקטע" (ס.ס. און סיימיסטן) דער בונד, די פאָלקס־פּאַרטיי, די אגודת־ישראל, אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט און פירן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים און די שטאָט־ראַטן. די יידישע יוגנט אין באַדזאַנאָוו עפנט אַ ביבליאָטעק „פּראָגרעס", ווו ס'קומען פאַר ליטעראַרישע אָוונטן און לעקציעס. אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק — ווו איך בין אַ מיטגליד — אַרבעטן צוזאַמען יידישיסטן און העברעיסטן, „צוקונפטיסטן" (בונדישע יוגנט) און ציוניסטן. מיין ערשטן רעפעראַט האָב איך טאַקע לעהאַלטן אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק, אויף דער טעמע: „די באַפרייונג פון דער פרוי."

## 1919-1920; איך ווער מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי

„די באַלפור־דעקלאַראַציע" (נאָוועמבער 1917) וואָס האָט צוגעזאָגט יידן אַ נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע — פון איין זייט, און דער ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט (יוני 1919) מיט זיין גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער מינדערהייט אין פוילן, מיט אַ געוויסער אויטאָנאָמיע, פון דער אַנדערער זייט — אָט די דאָזיקע צוויי אַקטן האָבן אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. וואָס פון די אַלע פּוילישע הבטחות און פייערלעכע אַקטן האָבן זיך אויסגעלאָזט איז גוט באַקאַנט. פוילן האָט געפייערט איר אומאָפּהענגיקייט מיט בלוטיקע פּאָגראָמען, און מיט אויסשיסן יידן אין ווילנע — צווישן זיי דער שרייבער א. וויטער. די „האַלערטשיקעס" (די סאָלדאַטן פון גענעראַל האַלערס אַרמיי) האָבן געשניטן בערד און אַרויסגעוואָרפן יידן פון די באַנען. יידישע פּראָטעסטן האָבן ווייניק געהאָלפן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה צווישן דער אומאָפּהענגיקער פוילן, און דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד.

אין יענעם יאָר 1919 פלעג איך אָפּט זיין אין וואַרשע, און ס'האָט געהאַלטן דערביי איך זאָל קריגן באַשעפטיקונג אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. זייענדיק אין וואַרשע, אָנהייט נאָוועמבער, קריג איך אַ טעלעפאָנישע ידיעה, אַז דער טאַטע איז געוואָרן ערנסט קראַנק, און איך זאָל גלייך קומען אַהיים. ווען איך בין דעם זעלביקן אָוונט אַהיימגעקומען, איז שוין געווען נאָכן טאַטנס לוויה. מיט אַ טאָג פריער האָט ער געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבן. מיין גאַנצע וועלט איז איינגעפאַלן, און איך האָב זיך דערפילט ווי דער אַפּיטראָפּוס פון אונדזער משפּחה, אויף וועמענס פּלייצעס דער גורל האָט אַרויפגעוואָרפן די אַחריות פאַר איר עקזיסטענץ. דער מאַמען האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט ביז זי האָט אַבסאָרבירט דעם שאָק.

נאָך אַ לענגערן יישוב־הדעת בין איך געקומען צום באַשלוס אַז ס'איז פאַר מיר נישטאָ די מינדסטע אויסזיכט איך זאָל אין פוילן קריגן העכערע בילדונג אין אַן אוניווערסיטעט, און דאָס איז געווען מיין הייסטער באַגער, איבער אַלע באַגערן. האָב איך געשריבן צו מיינע ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע, און זיי האָבן מיר גלייך אַרויסגעשיקט אַלע נייטיקע פּאַפּירן צו קענען אַרויספאָרן פון פוילן און קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער נאָך איידער איז האָב אָנגעהויבן אַרומקלאַפּן אין די רעגירונג־קאַנצעלאַריעס אין פּלאָצק, האָט די ממשלה, אין 1920, מיר צוגעשיקט אַן אויפפאָדערונג, אַז אַזוי ווי איך בין שוין אַלט 18 יאָר דאַרף איך — צוליב דער מלחמה מיט סאָוועט־רוסלאַנד — זיך מעלדן צום פריזיוו. אָנהייב 1920 בין איך, ווי אַלע אַכצן־יעריקע, געוואָרן מאָביליזירט און מ'האָט מיך געשיקט אין אַ פּאָלק אין קאָברין, נישט ווייט פון בריסק.

נאָך עטלעכע וואָכן מיליטערישער טרענירונג האָט מען מיך באַשטימט צו אַרבעטן ווי אַ ביוראָליסט אין דער קאַנצעלאַריע פון רעגימענט. דאָ האָב איך זיך געפילט אַ ביסל פרייער ווי אין דער קאַזאַרמע. האָבנדיק דערלויבעניש אַרויסצוגיין אין שטאָט פון צייט צו צייט, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יידישע יוגנטלעכע, זייער פיינע, איידעלע בחורים

צעירי־ציוניסטן. מיין אָפּיצער, דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, איז געווען אַ רוסיפיצירטער פּאָליאַק פון אוקריינע, און ער האָט זיך באַצויגן צו מיר גאַנץ פריינדלעך. ער האָט מיך אפילו פאַרבעטן עטלעכע מאָל אין זיין פּריוואַטער וווינונג, און געשמועסט מיט מיר וועגן רוסישע שרייבערס, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט: טאָלסטאָי, טורגעניעוו, פּושקין, און אַנדערע.

איך האָב געאַרבעט אין קאַנצעלאַריע עטלעכע חדשים, און ווען די פּוילישע אַרמיי האָט נאָך געהאַט די אויבערהאַנט איבער דער רויטער אַרמיי, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אין אַ מיליטערישער שול אין גראָדנע אויף דער אָזשעשקאָוואַ גאַס — דער נאָמען האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זיכרון מסתמא צוליב דער פּילאָסעמיטישער פּוילישער שרייבערין אויף וועמענס נאָמען די גאַס האָט זיך גערופן

— ווו מען האָט געוואָלט אויסבילדן מיליטערישע ביוראָליסטן. דאָ זיינען געווען 80 סטודענטן, פון וועלכע צוויי זיינען געווען יידן — איך און אַן אַסימילירטער יידישער בחור. דער אָנפירער פון דער שול — אַן אָפּיצער, אַ געוועזענער גימנאַזיע־לערער אין גאַליציע, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גראָבן אַנטיסעמיטיזם, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ שטעכווערטל אויף מיין חשבון.

אָבער דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט: די פּוילישע אַרמיי וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט דעם דניעפּער, איז צוריקגעטריבן געוואָרן, און ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען נישט ווייט פון גראָדנע, האָט מען אין געאייל יעדן פון די אַכציק סטודענטן געשיקט אויף פּאַטרול אַרום שטאָט. אין אַ קורצער ווײַלע איז שוין די רויטע אַרמיי געשטאַנען הינטער גראָדנע ביים ניעמען. מיר אַלע פּוילישע סאָלדאַטן — פּיעכאָטנע — זיינען געלאָפן צופוס אַ סך מיילן, און אין דער גרויסער היץ פון יענע טעג איז מיר דער רעכטער פוס געוואָרן געשוואָלן, אַז איך האָב מער נישט געקענט גיין. כ'האָב זיך געוואַנדן צו אַן אָפּיצער, האָט ער מיך געעצהט אַריינצוגיין אין אַ צוג פון פראַכטוואַגאָנען אָנגעפּילט מיט פאַרווונדעטע זעלנער. וווהין דער צוג איז געפאָרן האָט קיינער נישט געוווסט. איך האָב קוים געפונען אַ שטיקל פּלאַץ אויפן דיל. דער צוג האָט זיך געשלעפּט עטלעכע מעת־לעת ביז ער האָט דערגרייכט פּאָזנאַן (פּאָזען).

דאָ זיינען מיר אַלע אַריין אין שפּיטאָל, ווו מ'האָט אונדז אויפגענומען ווי „העלדן פון פאָטערלאַנד". נאָך עטלעכע וואָכן היילן, האָט מען מיך פאַראָרדנט צו פאָרן זוכן מיין פריערדיקן קאָברינער פּאָלק. איך האָב איבער דער גאַנצער לענג פון פּוילן אַרומגעזוכט מיין רעגימענט, און דערווייל האָט די פּוילישע אַרמיי, מיט דער הילף פון פראַנצויזישן גענעראַל ווייגאַן, צוריקגעטריבן די רויטע אַרמיי. ווען אין מערץ 1921 איז געשלאָסן געוואָרן דער „ריגער שלום" האָט מען אַלע 18־יעריקע באַפּוילן אַהיימצופאָרן.

איך בין צוריקגעקומען אַהיים, אין באָדזאַנאָוו, אַ גאַנצער, וואָס נישט אַלע יידישע בחורים פון שטעטל האָבן דערצו זוכה געווען. באַלד האָב איך זיך גענומען גרייטן צו עמיגרירן פון פּוילן קיין אַמעריקע. מיין טאַטנס זין און טעכטער אין אַמעריקע האָבן מיר געשיקט ביידע פּאַפּירן, אַ טשעק פון עטלעכע הונדערט דאָלאַרן. אָבער דעם טשעק האָט מען אַרויסגעגנבעט, און ס'האָט נישט געהאָלפן מיין אַרומקלאַפּן אין אַלע פּוילישע רעגירונגסאַמטן, דאָס געלט האָב איך נישט צוריקגעקראָגן. ס'האָט גענומען עטלעכע חדשים ביז איך האָב מיט דער הילף פון פריינד געקראָגן די נייטיקע סומע צו פאָרן קיין קאַנאַדע — אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען שוין געהאַט פאַרמאַכט די טויערן פאַר אימיגראַנטן.

במשך די פּאָר חדשים וואָס ס'האָט גענומען צו קריגן דעם פּאַספּאָרט כדי צו קענען אַרויספאָרן פון פּוילן, האָב איך צוגעגרייט מיין יינגערן ברודער ביינעם צו ווערן דער אַפּוטרופּוס פון דער משפחה. דער יינגסטער ברודער מעכל איז געווען אין אַן אַנדער שטאָט. איך האָב געהאָפט אַז נאָך דעם ווי איך וועל זיך איינאָרדענען אין אַמעריקע וועל איך אַריבערברענגען די משפחה אַהער.

מיין ברודער בינעם (1904-1985) האָט שפּעטער חתונה געהאַט, אויפגעשטעלט אַ פאַמיליע, אויסגעברייטערט אונדזער גאַלאַנטעריע־קראָם, און געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער אין דער קהילה, און אויך אין דער בונדישער באַוועגונג פון באַדזאַנאַוו און פּלאָצק. ער האָט זיך ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געראַטעוועט אין סאָוועטן־רוסלאַנד. זיין פרוי, און ביידע קינדער צוזאַמען מיט דער מאַמען זיינען אומגעקומען אין גרויל־לאַגער אין כעלמנאָ. נאָך דער מלחמה אין 1947, איז ער אַוועק קיין פּאַריז. אין 1951 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און אין 1958 האָט ער חתונה געהאַט, און זיין פרוי לאָרע האָט אים אַ יאָר שפּעטער פּרעזענטירט מיט זיין געראָטענער טאָכטער נינאָ — זיין טרייסט און שטאָלץ. צוליב זיין קענטשאַפט פון אַ סך שפּראַכן איז ער דאָ, אין ניו־יאָרק, געוואָרן באַשעפטיקט אין אַ גרויס געשעפט. ער איז געווען אַ קולטור־מענטש מיט ברייטע אינטערעסן, אין ליטעראַטור, מוזיק און פּאָליטיק. (זע: „חשבון״ פרילינג, 1985), און „אונדזער צייט״ מערץ־אַפּריל, 1985).

מיין יינגסטער ברודער מ ע כ ל (1906 - 1977), איז אויך, אין 1939, אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט זיין פרוי שרה. דאָרטן האָט ער אַ צייט געאַרבעט אין דער וואָפן־אינדוסטריע, אין קויבישעוו, וווּ עס זיינען געבאָרן געוואָרן זיין טאָכטער בראָניע און זיין זון ערנסט. אין 1946 קומט ער צוריק קיין פּוילן, און ער באַזעצט זיך מיט זיין פאַמיליע אין וואַרשע. ער האָט געגלויבט אַז אַלע חסרונות פון קאָמוניסטישן רעזשים אין פּוילן זיינען אַ פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג. ער האָט זיך אַ סך יאָרן געמוטשעט מיט אַ שווערער קראַנקהייט, ווי אַ רעזולטאַט פון יאָרן אין פּוילישע תפיסות; ער האָט נישט ווייניק געליטן אין ראַן־רוסלאַנד. ווען זיינע קינדער האָבן זיך, אין 1972 באַזעצט אין שוועדן, און צוליב זיין אַנטוישונג אין קאָמוניזם, איז ער געקומען צום אויספיר אַז זיין אידעאַל איז געוואָרן פאַרראַטן. ער האָט זיך אויך באַזעצט אין שוועדן, זיך אויסגעלערנט שוועדיש, און זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן די שוועדישע קולטור, און סאָציאַל־פּאָליטישע אינסטיטוציעס; ער האָט איבערגעשאַצט זיין פריערדיקן פּאָליטישן וועלט־באַנעם. אין עלטער פון 71 יאָר איז ער געשטאָרבן אין שטאָקהאָלם.

* * * * *

דערווייל, וואַרטנדיק אויף מיין פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין דאַנציק, האָב איך אויסגענוצט די צייט צו לייענען די יידישע, פּוילישע און מערב־אייראָפּעישע ליטעראַטור. איך בין אָפט געווען אין וואַרשע. פון קאַליאַ טעפּער — דעם שרייבער און רעדנער — האָב איך ווייניק געוווּסט. ווען כ'האָב געלייענט אין די יידישע צייטונגען אַז ער וועט האַלטן אַ רעפעראַט אין ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אים הערן.

דער זאַל וווּ ער האָט גערעדט איז געווען איבערגעפּאַקט. דער לעקטאָר איז געווען פון נידעריקן וווּקס, מיט אַ סענסיטיוו־אינטעלעקטועל פּנים, מיט אַ פּליכעוואַטן קאָפּ, און אַן אויסדרוק „שוין אַלץ געזען און געהערט.״ אין זיין ערפעראַט האָט ער צעפּאַלמעסט אומרחמנותדיק, מיט שאַרפזין, הומאָר, די דעמאָלטיקע וואַרשעווער ליטעראַרישע גדולים; ער האָט געבליצט מיט פּאַראַדאָקסן, מיט איפכא־מסתבראס וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער און באַוווּנדערונג. איך געדענק זיינעם אַ זאָג וועגן הלל צייטלין: ער האָט אַ הימל, אָבער קיין גאָט איז אין אים נישטאָ. איך געדענק אויך אַז צווישן עולם האָט מען געמורמלט, אַז צייטלין געפינט זיך אין אַן אַנדער צימער פון ליטעראַטן־פאַראיין, אָבער צו דער לעקציע וויל ער נישט אַריינגיין.

איך בין אַוועק פון דעם רעפעראַט שטאַרק באַאיינדרוקט פון טעפּערס וויסן, פון זיין אייגנאַרטיקייט, פון זיין אַרונטעררייסערישקייט. עס האָט זיך מיר געוואָלט לייענען זיין ביכל לירישע עסייען און פעליטאָנען: „זיגזאַגן״, וואָס איז אַרויס אין אַמעריקע — מסתמא ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט פאַרלאָזט די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער

אין פוילן האָב איך עס נישט געקענט קריגן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך גענומען די שיף („סטאַטעק" האָט מען גערופן אַזאַ שיף אין פוילן) צוריקצופאָרן אין מיין שטעטל. איז ווי איך שפּאַציר זיך דורך אויף דער שיף, וואָס איז געפאָרן ביז פלאָצק, דערקען איך פלוצלונג מיין „העלד"—ווי ער עסט זיין סאַנדוויטש; ער איז געפאָרן האַלטן אַ לעקציע אין פלאָצק.

איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און אים אויסגעדריקט אנערקענונג פאַר זיין אינטערעסאַנטער לעקציע. במשך דער רייזע וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה איז ער געווען פריינדלעך, צוגעלאָזן. איך האָב אים דערציילט אַז איך גיכן עמיגריר איך קיין אַמעריקע, און האָב אויסגעדריקט מיין אומצופרידנקייט מיט דער ייִדיש־פוילישער יוגנט וואָס איז אַוועק לינקס, אַ דרך וואָס איך קען נישט מיטגיין. אויף דעם געדענקט זיך מיר האָט ער מיך קאָמפּלימענטירט: „נידעריקער פון דורכשניט זענט איר דאָך נישט; מסתמא זענט איר העכער."

ווען די שיף פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי די שטעטלעך אויפן וועג קיין פלאָצק, זיינען אַרויסגעקומען כאָפּטעס ייִדישע מיידלעך מיט קאָלירטע טיכלעך אויף די קעפּ, באָרוועסע, פריילעכע, פלעגן זיי באַגריסן די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף. טעפּער, אָט דער „קאַלטער גזלן", האָט מיט התפעלות געזאָגט צו מיר: „ווי קענט איר פאַרלאָזן אַזאַ מדינה, ווו די גאַנצע נאַטור אָטעמט ייִדיש"; ס'האָט מיר געגעבן אַ רמז אַז אין אַמעריקע וועל איך עס נישט זען... איך האָב זיך געזעגנט מיט קאָליאַטעפּער און בין אַרונטערגעגאַנגען אין ווישעגראָד—איין סטאַנציע פאַר פלאָצק—אַרום 18 וויאָרסט פון מיין שטעטל; טעפּער איז געפאָרן ווייטער קיין פלאָצק. מער האָב איך אים נישט געזען.

סוף 1922 איז טעפּער אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט. דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, ווי אַן אויספאָרשער ביים פאָלקס־געריכט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער, ווי אַ ריי אַנדערע ייִדיש־רוסישע קינסטלער און אינטעלעקטואַלן—ווי למשל באָריס פּאַסטערנאַק, נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם, מ. גערשענזאָן — געשטאַנען אונטער דער השפעה פון רוסישן מיסטיציזם. ער, ווי אַ סך אַנדערע סענסיטיווע, סאָפיסטיצירטע, סובטילע נאַטורן, האָט אָפּגעוואָרפן דעם מערבדיקן ראַציאָנאַליזם מיט זיינע פּאַנאַציייען וואָס האָבן אָפּגענאַרט.

ווען איך בין סוף 1921 אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָב איך גלייך געקויפט זיין ביכל „זיגזאַגן", און ס'געפינט זיך אין מיין ביבליאָטעק ביז היינט־צו־טאָג (דערשינען אין פאַרלאַג „עכאָ", דאָס יאָר נישט אָנגעגעבן). ווען מען לייענט די דאָזיקע ציטנווייז לירישע, קוהלתדיקע עסייען, וואָס מאַכן אַ תל פון דער קאָנווענציאָנעלער חכמה, פון אַלע איזמען און וועלט־דערלייזער, דערקענט איר אין אים אַן אייד'על, סקעפּטישן טראַכטער, וועלכער האָט „פאַרלוירן דעם גן־עדן" פון זיין אַמאָליקן גלויבן; אָבער ער קען אָן אמונה נישט לעבן.*)

ענדלעך האָב איך באַקומען מיין פּאַספּאָרט צו קענען אַרויספאָרן פון פוילן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין איבערגעגעבענער, און אַזויפיל אָנגעליטענער מאַמע, וועמענס ליבשאַפט און גלויבן אין מיר ס'האָט מיך געשטאַרקט אין אַלע שווערע מאָמענטן אין מיין לעבן. אַלע מיינע האָפענונגען זי צו האָבן אין אַמעריקע, האָבן אָפּגענאַרט. איך האָב זי מער נישט געזען. אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט הער איך נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר און איר ביטערן גורל. איך קען נישט געפינען קיין טראָפּן טרייסט אין אַלע טעאָלאָגישע שלאָף־פּילן (טראַנקווילייזערס) אין וועלכע פרומע ייִדן געפינען אַביסל נחמה.

אין אויגוסט, 1921, בין איך געקומען קיין דאַנציק, און עטלעכע וואָכן שפּעטער

*) זע: „חשבון" נומער 107, פרילינג, 1986; לאָס אַנדזשעלעס.

האָב איך באַקומען די וויזע קיין קאַנאַדע. אָנהייב אָקטאָבער בין איך אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל צו מיין מומע פריידל גודמאַן, דעם מאַטנס אַ שוועסטער. איך האָב גע־וווינט דאָרטן צוויי חדשים, און דערנאָך געפאָרן קיין דעטראָיט צו מיין שוועסטער שפרה, און שוואָגער יצחק שקליאַר, אַ הייסער חסיד פון דער יידישער ליטע־ראַטור; ביי זיי האָב איך געוווינט ביז סוף יוני, 1922. איך האָב אין משך פון דעם סעמעסטער געלערנט אין דער דעטראָי־טער „צענטראַלער היי־סקול" ווו דער פּרינציפּאַל און לערערס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ רושם מיט זייער צוגעלאָזנקייט און פריינדלעכקייט. אין דעטראָיט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אַ רעדע פון נחום סאָקאָלאָוו, אויף זיין „יידישן ענגליש". אין יוני, פון זעלביקן יאָר, בין איך אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו מיינע צוויי עלטערע ברידער — איזידאָר און סעם לעדערמאַן, האָבן מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען.

## מיין היימשטעטל באַדזאַנאָוו*)

באַדזאַנאָוו, מיין היימשטעטל,
ס'בענקט נאָך דיר דיינס אַ בן־עיר.
איך ווייס אַז כ'וועל דאָרטן ביי דיר
נישט עפענען מער קיין מאָל קיין טיר
און נישט איבערטרעטן קיין שוועל.

ווען כ'זע זיך צעלויכטן און העל
מאָל איך מיר אויס דיין געמעל —
וואָס שענער, וואָס העלער, וואָס בעסער.

אַוודאי כדאַי וואָלט געווען
צו מאַכן ס'בית־עולם דאָרט גרעסער
און איינשליסן אַלצדינג ביינאַנד
די געפאַלענע, הרוגים, קדושים,
און אומגעקומענע מיט כלערליי טויטן
אַפילו די יידישע הייזער און קליינן
מיט טירן פאַרהאַקטע אויף שלעסער,
ס'בית־מדרש, די באָד מיט די פּלויטן,
דאָס חדר, די ישיבה, די יידישע קלובן,
די אַלטע מאַסיווע גבירישע שטובן.

ס'דאַרף קיינער נישט קיינעם באַגלייטן
צום טיפן, צום אָפענעם גרוב און —
קיין קדיש זאָל קיינער נישט זאָגן.
די ביימער בלויז וועלן שוין קלאָגן
אויפן גרויסן באַגראָב פונעם שטעטל —
אין יעדער פענצטער זאָל צאַפּלען און
צאַנקען
אַ נר־תמיד, אַ יאָרצייט־ליכט־פלעמל,
ווי ס'האָבן געלויכטן אַמאָל
אין די פענצטערס — די חנוכה־ליכטלעך
און איבער די גאַסיקע שטיינער
זענען יידן געגאַנגען צו סליחות.
איצט שאַרכן דאָרט אויפן בית־עולם
פון שטעטל אין שוואַרצן געפלאַטער
די בייזע צעהוליעטע רוחות,
אין שטעטל, מיין היימשטעטל באַדזאַנאָוו.

**משה בינעם לעדערמאַן**

*) דאָס איז אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע געשריבן פון משה בינעם לעדערמאַן, מיין קוזין, וועלכער וווינט אין בוענאָס־איירעס. דאָס ליד געפינט זיך אין זיין בוך: „אין שפּיגל פון ליד": זייט 144־146; פאַרלאַג „יידישלאַנד", בוענאָס־איירעס, 1978.

אַבאָנירט און שטיצט דעם

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## הילצערנע גערטנער

### ליד איינס:

דער פאַרגאַנג, אַ געזאַנג,
ליגט אין זייטלעך
צונויפגעשאַרט:
יונג און אַלט פון איצט און באַלד —
מיינע הענט באַשווערט זיי
צו אַ חלום־לאַנד
און ווייסע לענדער
מיט אַ בלויען מלאך
ביי דער רעכטער האַנט.

צונויפגעשאַרטע זייטלעך
צעגלעטע
פון מיינע פינגער;
שפּעטער
ווען די זומערן
שטראַלן ניט מער
צווישן זיי
ווערט צונויפגעשאַרטער פּעקל
אַ האַרץ
פאַרהילט אין זיידענע געוועבן —

און גאָר שפּעטער —
די ווייסע פּאַפּירענע זייטלעך
ווערן טויטע ניגונים
אין פאַרשלאָסענע
שופלאָדן

אין מיין הילצערנעם גאָרטן.

### ליד צוויי:

פייערדיקע ראָבאָטן אויף בולוואַרן,
הייסע פערד
מיט ריטמישע גאַלאָפּן
אויף צעפלאַסטערטער ערד.
די גאַסן זענען שוואַרץ
גלאַנציק ווי נאַכט
ביים ים
מיט שטיינערנע בערג
און רוישיק,
ווי אָפּשייד
מיט פלי־פערד גרייט.

די זון
לויפט נאָך יעדן איינעם
אין ברייטן דרויסן.
צעפּאַרעטע פערד
פילן אָן
די שטאָטישע ערד
מיט יאַרידן.
איבער שפּיצהעכערע פּיראַמידן
קומט דער טאָג.

כ'פאָר די איינזאַמקייט
פאַרקויפן
מיט פאָרצעלייענע ליאַלקעס
און הילצערנע גערטנער.

### ליד דריי:

...און ס'איז געווען
מער פון היינט און מער פון נעכטן
די צייט
פון טויזנטער יונגעביימער
צעבליטע,
צעוואַקסענע,
מיין צוריקקער
מיט דעם שטויביקן ריח
פון ווייסע מיילן

מיט קלוגע אויגן ווי דאָס בלוי
פונעם גאָטס הימל
אויפֿן שוועלביים טיר

ווען די זון האָט זיך
איינגעטוליעט
אין ים אַריין
און נאַכט מיט שטערנרייד
געגערט אונדז מיט ליבשאַפט
ווען דער טאָג
האָט זיך געלייגט, געשאָטנט
מיט אַ שטילקייט
אויף נאַכטיקע ברעגן.

יונגע מאַמעס
האָבן פינצטערניש צעביסן.
געלאָפן גאַזעליש
באַגריסן
מיט אָנגעצילטע ווערטער
און מיט ליפּן
צעשטראַלטע
מיט אַ לשון
וואָס לינדערט די שטומקייט
אין אָפּגרונט פון געוויסן—
געזאַלבט מיך,
געזאַלבט אונדז מיט טרערן
געקילט אונדז מיט צאַרטע פינגער

און ס'איז געווען מער פון היינט
און מער פון נעכטן
דער צוריקקער
פון ווייטע ערגעצן, שוועסטער,

אַהער
אין מיינע הילצערנע גערטנער.

## ליד פיר:

האָסט געאָטעמט שווער
ווי דער ווינט
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן

פון הויכע ביימער.
ניט געלאָזט דעם טאָג
לעבעדיקער ווערן.
ביי דיין קאָפּ
די לבנה
אַן אוצר אויפצושליסן
צו באַפרייען דיינע חלומות
און יונגע זיכרונות.

בין געקומען צוריק
צו דיר
אַ באַפרייטער
פון שטיינערדיקע געבאָטן
דערקענען זיך ווידער
אין די שטאַרבנדיקע בליקן.

די זון, אונדזער גאָלדענער
בעכערל
הענגט אין די שויבן
מיט ליכט און קלאַנגען
ניט פון דאָ הי.
מיט קנעכטשאַפט
דיין שטילקייט
ווי דער טרויער לויערט
אין די צימערן
פאַרערדיקט אונדז מיט דיר.

מיר געפינען זיך
ביי דעם גאָלדענעם זאַמד
אין קיניגרייכן
פון פאַרוועלקטן זומער.
מען מעג אַמאָל זיך אַליין באַווייגען
ווען דער טאָג
אַ דערשראָקענער
קושט די ערד ביי די פיס
פון אַלטע ביימער
און די שעהן זעען אויס
פלוצלונג
ווי די הילצערנע גערטנער.

(שיקאַגאָ — 1987)

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# דער איטאַליעניש ער ייִד פּרימאָ לעווי — זיין לעבן און שאַפן (1987-1919)

(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

די קינסטלערישע און פּובליציסטישע חורבן־ליטעראַטור ווערט מיט יעדן יאָר גרעסער אין אונדזערע אייגענע און אין אַנדערע לשונות. עס טיילן זיך אָבער אויס די יחידים וואָס האָבן אַנטפּלעקט פֿאַר דער וועלט די ימאַקאַברישע בילדער, וואָס האָבן מיט זייער קינסטלערישן כּוח צוגעצויגן דעם אויפֿמערק מער ווי פֿיל אַנדערע שרייבערס פֿון דער חורבן־ליטעראַטור.

צו די יחידים געהערט פּרימאָ לעווי, אַ ייִד פֿון איטאַליע, פֿון באַרוף אַ כעמיקער. זיינע ביכער האָבן צוגעצויגן דעם אויפֿמערק אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק און פֿאַרשאַפֿט אים אַ גוטן נאָמען ווי אַ שרייבער פֿון אַ הויכן קאַליבער, און ווי אַן עדות פֿון חורבן וואָס האָט באַקומען דעם סימבאָל: אוישוויץ.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפֿישע ווערק איז מיט דער פּשטות פֿון אַן אייגנאַרטיקן קינסטלער פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן דער פּלאַנעט אוישוויץ ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען פֿאַר אַן איטאַליענישן ייִד פֿאַר וועמען די מערבֿ־וועלט איז געווען די פֿאַמיליע פֿאַר זיין דערציונג און קולטור. ערשט אין אוישוויץ האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט די ייִדישע קרבנות פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס זענען געווען פֿאַר אים, ווי פֿון אַ פֿרעמדן שבֿט, מיט וועלכן ער האָט זיך ערשט געטראָפֿן אין היטלעריסטישן לאַגער, זיך דערנענטערט צו זיי און זיך אַזוי גוט מיט זיי איינגעלעבט, אויף וויפֿל דער טערמין איינלעבן קען באַנוצט ווערן לגבי דעם לעבן אין לאַגער. זיין באַרוף און זיין מזלדיקער שטערן, האָט אים אָפּגעראַטעוועט פֿון די מערדער. ער איז געבליבן לעבן, אָבער נישט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין כּבֿוד און מנוחה, מחמת ער איז דעם 11טן אַפּריל, 1987, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פֿון זיין וווינונג אין טורין (איטאַליע).

פּסיכאָלאָגן וועלן מסתּמא זיך פֿאַרנעמען צו דערקלערן די פּסיכישע סיבות, וואָס האָבן פֿאַרשניטן זיין לעבן, וועלכער האָט אויסגעזען אויסערלעך צו זיין אין אַ בליענדיקן עלטער פֿון אַ שעפֿערישן מענטש, אַ דערפֿאָלגרייכן שרייבער מיט אַ גרויסן נאָמען אין דער ליטעראַרישער וועלט. ביי דעם אַלעם זיך דעצידירט מיט זיינע אייגענע הענט צו פֿאַרענדיקן זיין לעבן.

פֿאַר זיין זעלבסטמאָרד האָט אַ בריטישער זשורנאַליסט געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו אין זיין וווינונג, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און וווּ ער איז געשטאָרבן. דער זשורנאַליסט, יאַן טאָמסאָן, האָט שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט זיין שמועס מיטן שרייבער פֿון וועלכן מיר וועלן דאָ ציטירן אויף אַ קאָנדענסירטן אופֿן:

דער רעפּאָרטער האָט באַמערקט דעם קאַצעט־נומער אויף לעוויס לינקן אָרעם: 174517. לעווי האָט מיט אַ שמייכל אים געזאָגט: „אַ ספּעציפֿישער דייטשער טאַלאַנט פֿאַר קלאַסיפֿיצירן. ביי ייִדן איז, לויט דער הלכה, געווען פֿאַרבאָטן דאָס צו טאָן. דאָס האָט נאָך מער באַווירקט די נאַציס צו מאַכן אַ בראַנדצייכן קעגן תּורת משה". געזאָגט האָט עס לעווי מיט אַ שמייכל פֿון שוואַרצן הומאָר, און ביי דעם גאַנצן שמועס, אויף אַזאַ אומהיימלעכער טעמע, איז לעווי אָפֿט אַרויס מיט געלעכטער אומדערוואַרט.

דער רעפּאָרטער באַשרייבט זיין אויסזען, זיין אַרבעטס־צימער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום דעקאָראַטיווע בילדער, און דער איינציקער אָרנאַמענט איז געווען אַ סקיצע פֿון אַ האַלב פֿאַרניכטעטן פֿלויט פֿון דראָטן אין אוישוויץ.

לעווי איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין פֿעברואַר 1944, צוזאַמען מיט נאָך זעקס הונדערט און פֿופֿציק פּאַרטיזאַנער קיין

אוישוויץ. ער איז באַפרייט געוואָרן ווען די טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי זענען דעם 27טן יאַנואַר, 1945, אַריין אַהין.

עס קלינגט ממש אויסטערליש, ווען לעווי האָט באַנוצט דעם טערמין „נאָסטאַלגיע" לגבי אוישוויץ נאָך דער באַפרייאונג. זעענדיק די פאַרוווּנדערונג ביים רעפּאָרטער, האָט ער עס אים מאָטיווירט אויף אַזאַ אופן: — עס איז געווען פאַר מיר אַ פּאַסירונג (אין ענגליש: אַדווענטשור איז אָפּט מער אַוואַנטורע) אין דעם זין, וואָס מיין דערפאַרונג פון לאַגער איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס דאָס שרייבן וועגן דעם איז גלייך געווען אַן אינעווייניקסטע באַפרייאונג. „איך וואָלט עס באַצייכנט אַז איך האָב גראַדואירט פון אָט דעם לאַגער. אוישוויץ האָט מיך געלערנט ווי אַזוי עמעצן אָפּצושאַצן אין אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע." (נישט צו פאַרשטיין אים שלעכט), האָט ער אָבער גלייך צוגעגעבן: „זיכער האָב איך נישט געהאַט קיין חשק צוריקצוגיין אין לאַגער (נאָך דער באַפרייאונג). אָבער דער זכרון שפּילט אָפּ מיט אונדז אויסטערלישע טריקן: עפּעס בלייבן אין זכרון נאָר די גוטע צייטן פונעם עבר (און דאָס איז דאָך אמת אויך פאַר דער נאָסטאַלגיע אונדזערער אין דער יידישער ליטעראַטור." ער דערמאָנט זיך ווי אַזוי ער האָט געלערנט אַן אונגאַרישן פריינד איטאַליענישע פאָלקסלידער. דאָס זענען געווען די אויסנאַמלעכע גוטע מינוטן וואָס ער פאַרגעדענקט מיט אַזאַ קלאָרקייט.

לעווי פירט דורך אַ ריי אַנאַלאָגיעס פון אַלכעמיע און כעמיע, וואָס שיינען צו זיין עקסצענטריש. זיי זענען פאַרפיקסירט אין זיין בוך „די פעריאָדישע טאַבעלע" — אַ זאַמלונג דערציילונגען, טיילוויז אויטאָביאָגראַפישע, ס׳רוב וועגן אוישוויץ. שוין דער טיטל זאָגט עדות וועגן דער סטרוקטור אַרום די עלעמענטן פון „מענדעלעיעווס טאַבעלע"; אויך אַ פאַרגלייך צווישן כעמיע און דעם איטאַליענישן פאַשיזם. אָבער מיר וועלן זיך אויף דעם דאָ נישט אָפּשטעלן.

א פּאָר ביאָגראַפישע שטריכן: אין 1941 האָט פרימאָ לעווי גראַדואירט פון אוניווערסיטעט אין טורין, באַקומען זיין דיפּלאָם אויף כעמיע. נאָכן גראַדואירן געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן אין אַ מעטאַלפאַבריק. ער האָט נאָך דאַמאָלט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס עס קומט פאָר מיט די יידן אין די אָקופּירטע לענדער. די איטאַליענישע צייטונגען האָבן דעם לייענער אונטערגעטראָגן די נאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי אַזוי יידן ווערן אין פּוילן „טראַנספערירט"... אָבער פון 1942, ווען איטאַליענישע זעלנער זענען צוריקגעקומען פון רוסישן פראָנט, האָבן זיי שוין דערציילט אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער „טראַנספער" לגבי די יידן.

ער באַמערקט, ווען די דייטשן האָבן געזאָגט „אויסראָטן אַלע" האָבן זיי עס געמיינט; אַלע דעפּאָרטירטע אומצוברענגען. די נאַצישע טויט־לאַגערן האָבן אָפּערירט מיט דער ווילדער דייטשער דיסציפּלין וואָס איז געלעגן אין דער פּרייסישער ירושה. „אין דייטשלאַנד איז עס דאָך געווען באַוווּסט ווי גרונטלעכקייט: פונדאַמענטאַליזם ביז צו די סאַמע וואָרצלען... ער אילוסטרירט עס מיט אַזאַ ביישפּיל: מיט יאָרן צוריק האָט אַ מיידל פון בייערן (דייטשלאַנד) געשריבן צו אים זאָגנדיק, ווי חרטהדיק עס זענען געווען די נאַצישע גרויזאַמקייטן בעת זיי זענען אַזוי פאָרזיכטיק בלאַנק דורכגעגאַנגען ביים לערנען אין שול. היות זי האָט אויסגעזען צו זיין אַן אינטעליגענט מיידל, האָט ער איר צוריקגעשריבן מיט שטעלן געוויסע שאלות אויך וועגן דער נאָך־מלחמהדיקער דייטשלאַנד. דאָס מיידל האָט אים גלייך צוריקגעשיקט אַ פּאָסטקאַרטל, צוזאָגנדיק אים צו ענטפערן אויספירלעכער שנעל, ווי נאָר מעגלעך. מיט דריי וואָכן שפּעטער האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון 23 זייטן, אַ רעזולטאַט פון איר גרונטלעכער פאָרשונג, מיט אַנדערע ווערטער, אַ גאַנצער טעזיס! זי האָט נאָך לסוף צוגעגעבן: „איך האָב נישט געהאַט גענוג צייט צו שרייבן דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געוואָלט." ס׳איז אַן אילוסטראַציע, גיט ער צו, פון דער פולער דייטשער גרונטלעכקייט: אַ נאַציאָנאַלער כאַראַקטער־שטריך אָן וועלכן עס האָט נישט געקענט זיין קיין אוישוויץ. נאָר בלויז

שלעכט־געפּירטע לאַגערן, לויטן רוסישן נוסח...

פּרימאָ לעווי האָט זיין שרייבן באַנוצט ווי אַ מין נקמה־אַקט קעגן זיינע פּאָטענציעלע מערדערס. ער האָט אין זיין אַריינפיר צום בוך „אויב דאָס איז אַ מענטש" געשריבן צו פאָרמולירן נייע באַשולדיקונגען וואָלט געווען נויטיק צוצושטעלן דאָקומענטן פאַר אַ מער דורכדרינגענדיקער פאָרשונג פון געוויסע אַספּעקטן פון מענטשלעכן מוח", אָבער ווי אַן עד ראיה פון אוישוויץ־גיהנום האָט ער איינגעזען, אַז ס'איז נישט מעגלעך די געוויינלעכע סטאַנדאַרטן אָנצוווענדן לגבי די טויט־לאַגערן. פאַקטיש איז זיין לעצטער בוך: „די דערטרונקענע און געראַטעוועטע, 1985", געווען טעמאַטיש „צו פאַרהענגען אַ מאָראַלישן אורטייל". אין דעם בוך (אַ זאַמלונג עסייען וועגן סיסטעם אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער), האָט ער אַליין באַטראַכט אַ טייל ווערק פון דער חורבן־ליטעראַטור, ווי „שלעכטע ליטעראַטור" וועלכע ער האָט לגמרי נעגירט, (למשל, „סאָפיעס אויסוואַל", מיט מעריל סטריפּ אין דער הויפּט־ראָל). ביים שרייבן די שורות איז גראָד אָט די אַקטריסע איצט דאָ אין אויסטראַליע צו פילמירן די ראָל פון מרס. טשעמבערליינס פּראָצעס).

לעווי באַטאָנט: איך האָב געפּרוווט צו באַנעמען, וואָס איז גאָר נישט אַזוי לייכט געווען דעם מענטשנס כוח פון אָבסערוואַציע, וועלכע איז דאָך געווען דאָרט שטאַרק באַגרענעצט. קיינער פון אונדז האָט דאָך אפילו נישט געוווּסט ווו אוישוויץ געפינט זיך געאָגראַפיש... „איך בין צוויי מאָל דאָרט צוריקגעפאָרן, זוכנדיק בעסער צו פאַרשטיין די זאַכן, און מאָדנע, איך האָב עמאָציאָנעל גאַנץ ווינציק עס דורכגעלעבט ביי די באַזוכן. אוישוויץ האָט שוין היינט אָט די קאַלטע אומפּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון אַ מאָנומענט. ס'איז נישט די אוישוויץ וואָס איך האָב געקענט"...

דערציילט ער אַן עפּיזאָד פון אַ יאָר צוריק, ווען אַ דייטשע פאַרמאַצעטישע קאָמפּאַניע האָט אים פאַרבעטן צו באַזוכן זייער פאַבריק אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער. בעתן באַזוך האָט אים דער אָנפירער כלאחר יד אַ פרעג געטאָן, ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט דיין גוטן דייטש? עס איז דאָך זעלטן אַן איטאַליענער זאָל קענען אַזוי גוט אונדזער שפּראַך? און לעווי האָט אים געענטפערט: מיין נאָמען איז לעווי. איך בין אַ ייד. און איך האָב געלערנט דיין שפּראַך אין אוישוויץ"... נאַטירלעך, האָט דער אָנפירער זיך דערפילט אַ ביסל אומבאַקוועם פון דעם ענטפער, אָבער דאָס מער־קווירדיקסטע פאַר לעווין איז געווען דער פאַקט וואָס אָט די פאַבריק אין לעווערקיסען איז געווען פונקט אַ קאָפּיע פון דער פאַבריק אין בונאַ, אוישוויץ (ווו לעווי האָט לסוף געאַרבעט). ער האָט געטראַכט, ווי ווייניק די זאַכן האָבן זיך געענדערט.

פאַר מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי לעווי, דער איטאַליענישער וויסנשאַפטלער, האָט נישט פאַרלייקנט זיין יידישע אָנגעהעריקייט, וואָס ער האָט טיף דורכגעלעבט אינעם לאַגער. אַ גוטע זאַך איז אויך וואָס זיינע ווערק פון דעם לאַגער־לעבן ווערן איצט געלערנט אין די איטאַליענישע מיטלשולן. פאַר איין חורבן־בוך האָט ער אויסגעבאָרגט פאַר אַ טיטל דעם זאָג פון „פּרקי אבות": אויב ניש איצט, טאָ ווען? (אם לא עכשיו, אימתי?).

אַן ענגלישער רעצענזענט, ביים געבן אַן איבערבליק איבער דעם בוך, האָט באַמערקט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פאַרגלייך: „פאַרצייטנס פלעגן די יידן אין יום־כיפּור אַוועקשיקן אַ שעיר לעזאזל אין מדבר אַריין, וואָס איז אַליין געווען אומשולדיק, אָבער באַלאָדן מיט די זינד פון פאָלק. די גויים האָבן אויך אַזאַ שעיר לעזאזל מיטצונעמען די זינד פון דער וועלט. זיי האָבן דאָס אין די יידן."

הגם דער רעצענזענט שטעלט נישט אַוועק פראָנטאַל די שאלה: פאַרוואָס זענען די יידן געוואָרן די אויסדערוויילטע צו זיין דער שעיר לעזאזל פאַר די זינד פון דער וועלט? אָבער די שאלה הענגט דאָך אויף די ליפּן פון דעם לייענער, פאַרוואָס? און איך וויל דאָ באַמערקן, אַז דער מחבר פּרוּווט נישט אין סוזשעט פון דעם בוך צו מאָראַליזירן די שאלה. עס פּראָזשעק־

טירט אויך נישט קיין שינאה און פאַרביטערקייט, נאָר אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר די יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך גורלדיק געטראָפן ווי אַן אָח־לצרה.

ער איז דאַן אַלט געווען נאָר 24 יאָר, ווען די פאַשיסטישע מיליץ אין איטאַליע האָט אים אין 1943 אַרעסטירט אַלס אַקטיוויסט צווישן די פאַרטיזאַנער. נישט אַזוי צוליב זיינע שטאַרקע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן (ער האָט דאַן גראדע אויך פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע), ווי צוליב זיין יידישן סטאַטוט (אַן איטאַליענישער בירגער פון דער יידישער ראַסע — לויט זייער באַצייכענונג). ער האָט נאָך די חורבן־יאָרן טאַקע אויטאָביאָגראַפיש געשילדערט אין עטלעכע ווערק זיינע איינדרוקן און איבערלעבענישן. אין די ביכער „אויב דאָס איז אַ מענטש" און אין „וואָפנשטילשטאַנד" גיט ער פּלאַסטישע באַשרייבונגען פון אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, וואָס איז באַשטאַנען פון יידן, רוסן, פּאָליאַקן, וועלכע ראַנגלען זיך אין די יאָרן 1943-1944, איבערצולעבן. אינעם סוזשעט ווערן אַרויסגעהויבן אינדיווידועלע כאַראַקטעריזאַציעס פון די מענטשן אין דער פאַרטיזאַנקע. יעדער יחיד האָט געהאַט אַ באַזונדער פונקציע אויסצופילן ביי דער סאַבאָטאַזש־אַרבעט, סיי ביי די באַנען, סיי ביים פאַרפירן די דייטשע פאַראַשוטיסטן. ער שילדערט די אַקציעס פון די חברים, מענער און פרויען, און ביסלעכווייז וואַקסן אויס אין דעם נאַראַטיוו די דעטאַלן פון זייערע לעבנס פאַרן קריג. די יידן, תמיד די זעלבע געשיכטע: רדיפות אין צאַרישן און אין סטאַליניסטישן רוסלאַנד. דאָס זעלבע אין פּוילן און אַנדערע ערטער, ווו מען האָט זיי אויך פאַרפאָלגט. איייניקע מיידן בכלל אויס צו דערציילן געוויסע איינצלהייטן, מחמת „אויב מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן דערציילן דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן געזען, וואָלטן מיר אַראָפּ פון זינען." קיין לאַנד האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן און ביים סוף פון קריג, זענען די יידישע פאַרטיזאַנען געווען די צוממיינסטן אויסגעוואָרצלטע, אָן אַ היים, אָן אַ פאַמיליע, אָן אַ לאַנד. דעריבער זיך שטאַרקער אָנגעלענט איינער אויפן אַנדערן. ער באַשרייבט אַ מאַרש פון אַ צוויי טויזנט קילאָמעטער. ס'רוב צופוס און ער פאַרענדיקט דעם סוזשעט סימבאָליש, דעם 7טן אויגוסט, 1945, ווען ביי אַ פרוי ווערט אין דעם טאָג אַ ייִנגעלע געבוירן, און אין זעלבן טאָג איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די ערשטע אַטאָם־באָמבע אויף הירָאָשימאַ.

די געשיכטעס וואָס דער מחבר הייבט אַרויס אין זיינע סוזשעטן זענען ס'רוב פון שמועסן און דאָקומענטאַציע. ער גיט צו זיי ווי צו אַ בעלעטריסטישע רעקאָנסטרוקציע, אָבער ס'רוב באַזירט אויף די געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען. באַזונדערס איז פאַרן לייענער וויכטיק די שייכותן צו די לעבנגעבליבענע פאַרטיזאַנער, וואָס זענען ביים סוף קריג אָנגעקומען קיין איטאַליע. ווי באַקאַנט האָבן צייטנווייז קלענערע פאַרטיזאַנער־גרופּן זיך אָנגעשלאָסן צו די גרעסערע, וואָס זענען געווען בעסער אָרגאַניזירט, ס'רוב אָנגעפירט דורך פּאָליאַקן אָדער רוסן, און ביי זיי איז אַרויסגעשפּרונגען דאָס אַנטיסעמיטישע חזיר־פיסל, מיט שנאה צו די יידישע פאַרטיזאַנער. טראָץ זייער העלדישקייט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביי די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן שונא, זענען זיי באַצייכנט געוואָרן אַלס פחדנים. דער שטעמפּל פון דער „יידישע פחדנות" איז געווען איינע פון די גרויסע געמיינקייטן, וואָס יידן האָבן אָנגעטראָפן אין דער פאַרטיזאַנקע.

לעווי באַצייכנט עס ווי אַן אויסטערלישקייט פונעם איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף „דעם אויסטערלישן קריג: אַ טויזנט דייטשן קעגן איין ייד, און אַ טויזנט טויטע יידן קעגן איין דייטש." דער מחבר שילדערט די ביטערע ווינטערס אין מזרח־איירָאָפּע, ווו די פאַרטיזאַנער האָבן געפירט זייער קריג קעגן דעם דייטש מען האָט צוליב קאָנספּיראַציע נישט געטאָרט אָנצינדן קיין פייער. און אָפט האָט מען פאַרלאָזן אַ באַהעלטעניש צוליב אַ רויך, אָדער פרישע צייכנס אויפן שניי. געפייניקט האָט די קעלט, דער הונגער און דאָס וואַרטן לאַנגזאַם אויף דער דייטשער מפּלה, וואָס

איז געווען די איינציקע האָפענונג — אַ לאַנגזאַמע און אַ ווונדיקע.

למען האמת, זענען די שילדערונגען זיינע פון די מזרח־איראָפּעישע יידישע פּאַרטיזאַנער אונדז גוט באַקאַנט שוין פון אַנדערע יידישע שרייבערס, אָבער ניי פאַר אונדז איז זיין מאַקאַבירשע שילדערונג פון אַ פאַשיסטישן לאַגער אין איטאַליע.

ווען פּרימאָ לעווי איז אין אים אַריין (יאַנואַר 1944) זענען דאָרט שוין געווען אַ הונדער און פופציק איטאַליענישע יידן. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז זייער צאָל אויסגעוואָקסן צו אַ זעקס הונדערט נפשות. גאַנצע משפחות זענען אַריין אין לאַגער.

די פאַשיסטישע מיליץ האָט אים אויסגעפאָרשט. און געבראַכט האָט דאָך אים אין לאַגער שוין די ניי־אַנטשטאַנענע פאַשיסטישע רעפּובליק אין איטאַליע.

עס זענען אין דעם לאַגער אויך געווען אַ הונדערט יוגאָסלאַווישע פּאָליטישע אינטערנירטע פון אַ מיליטערישער איינהייט.

דעם 20טן פעברואַר, 1944, האָט די דייטשע ס.ס. איבערגענומען דעם לאַגער און אַלע יידן צוגעגרייט אַוועקצושיקן. וווהין? — דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. עס זענען געווען אין דעם לאַגער אויך פּוילישע און קראָאַטישע פּליטים, און זיי האָבן דערציילט וואָס „דעפּאָרטאַציע" באַטייט. אָבער ביזן 20טן פעברואַר איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען ווי „נאָרמאַל". כאַראַקטעריסטיש: די שול־קינדער האָבן ביז פאַרנאַכט נאָך געהאַט לעקציעס, אָבער נישט באַקומען שוין קיין היים־אַרבעט.

ער שילדערט ווי אַזוי די יידישע מאַמעס האָבן צוגעגרייט זייערע קינדער, וואָס מיטצונעמען אויפן וועג: מלבושים, שפּילגעצייג, ליאַלקעס (איך האָב ביי דעם געטראַכט פון סוצקעווערס אַ ליד ווו ער דערמאָנט די ליאַלקעס...). די מאַמעס האָבן שוין דאַן גוט געוווסט וואָס עס מיינט ביי די ס.ס. דעפּאָרטירן.. דער מחבר דערציילט פון אַן אַלטן ייד וואָס האָט געהאַט אין לאַגער זיין גרויסע משפחה: אַ סך קינדער, אייניקלעך, איידעמס, שנירן — אַלע צוזאַמען האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאָר גרויסע יידישע משפחה, סטאָליאַרעס, געבראַכט פון טריפּאָלי. זיי האָבן דורכגעמאַכט ביז איטאַליע אַ גאַנץ לאַנגע רייזע און מיטגענומען זייערע פאַך־מכשירים און טעפּ צו קאָכן. אויך אינסטרומענטן אויף וועלכע זיי האָבן געשפּילט אין לאַגער ביז די ס.ס. איז אַריין, אויך פידלען, אַקאָרדיאָנס. זיי פלעגן נאָך דעם טאָג אַרבעט שפּילן און טאַנצן און געווען זענען זיי זייער פרום. געמאַכט אַן איינדרוק פון גליקלעכע עמך־יידן, נישט פון אונדזער מזרח־איראָפּעישן שניט.

די פרויען זייערע האָבן דאָס אַלץ ביים צוגרייטן געטאָן שווייגנדיק, ביים צוזאַמענבינדן די פעקלעך, דאָס עסן מיטצונעמען, און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעלאָזט די האָר, אויסגעטאָן די שיך, אָנגעצונדן יאָרצייט־ליכט אויפן דיל, אַלץ לויט דער טראַדיציע פון זייערע אָבות.

די אַנדערע לאַגער־יידן האָבן זיך געזעצט ביי זייער טיר מיט דעם טרויער אין האַרצן. „דער אַלטער טרויער פון אַ פאָלק... אָן דער האָפענונג פון אַן „עקזאָדוס". — אַ שלאָפלאָזע נאַכט פון אַ ציבור־דיקן טרויער און פאַניק, וואָס לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירן.

די דייטשע פּרעציזקייט: — וויפל שטיק? — האָט אַן אָפיציר געפרעגט — 650 „שטיקלעך". — איז געווען דער ענטפער פון ס. ס. דער חשבון האָט געשטימט...

מען האָט זיי אויפגעלאָדעוועט אויף לאַסט־אויטאָס און געפיט צו דער סטאַנציע פון קאָרפּו (דוכט זיך אַז פּוילישע יידן האָבן פון קאָרפּי באַקומען די אתרוגים האָבן פון קאָרפּו באַקומען די אתרוגים אויף זיי מיט אַלע באַגלייטערס. איצט האָבן זיי פאַרזוכט די ערשטע קלעפּ ביים אַריינפּאַקן די גרויסע מאַסע אין צוועלף וואַגאָנעס, פאַר 650 נפשות אויף אַ רייזע אָן אַ צוריקקער... אַ רייזע פון וועלכער זיי האָבן שוין אַ סך זיך געהאַט אָנגעהערט. אין צוג האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז זיי פאָרן קיין אוישוויץ — אַן אומבאַקאַנטער נאָמען פאַר זיי.

ער באַשרייבט דאָס אַרויסלאָזן פון צוג, וואָס איז פאַר אונדז שוין גוט באַקאַנט: רעכטס, לינקס... פון די 650 זענען בלויז 96 מענער און 39 פרויען געשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגערן, מאָנאָוויטץ־בונאַ און בירקענאַו. די איבעריקע — אין

איויון... ער שילדערט אַ דריי יאָריק קינד, עמילאַ לעווי, אַ טעכטערל פון אַלדאָ לעווי פון מילאַן. אַ לעבעדיק אינטעליגענט קינד, אַמביציעז און מיט קוריאָזיטעט — אירע עלטערן האָבן נאָך פאַרן אַרויסגיין פון צוג באַוויזן אַרומצונעמען דאָס קינד פאַרן גיין אין איויון אַריין.... לעווי דערמאָנט אַ יידישן בחור פון פוילן, שלמה, אַ שלאָסער, מיט אַן ערנסטן איידעלן פנים פון אַ קינד. ער האָט אים דער ערשטער „מקבל פנים" געווען אויפן שוועל פון טויטן־הויז. דאָס ייִנגל־בחור פון פוילן האָט וואַרעם אַרומגענומען דעם איטאַליענישן לעווי, ווי צוויי יידן פון ווייטע וועלטן טרעפן זיך ביים שוועל פון טויטן־הויז. און דער מחבר באַמערקט: אָט די וואַרעמקייט טראָג איך מיט זיך שוין מיין גאַנץ לעבן.

שילדערט לעווי דעם כאַראַקטער פון אוישוויץ לאַגער, די טאָפּאָגראַפיע פון בונאַ און פון די אַנדערע טיילן פון אוישוויץ, זיין באַגעגעניש מיט די יידן וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער געלרויטן מגן־דוד. זיך געטראָפן מיט פּאָליטישע און אויך קרימינעלע וואָס האָבן זיך געוואָלט האַלטן נאָענט מיט די ס.ס. פונעם לאַגער און אומגעגנט. עס איז געווען אַ בבל פון שפּראַכן און אַ צעמישטקייט צוליב די שפּראַך־באַריערס. ער דערמאָנט אַ ייד, שטיינלויף, בערך פופציק יאָר, וואָס האָט געדינט אַמאָל אין דער עסטרייך־אונגאַרישער אַרמיי און איז אין לאַגער געוואָרן זיין פריינד. ער האָט געטראָפן גלייך ביים אָנקום אויף אַ גאַליציאַנישן בחור, מישאַ, וואָס האָט מיט עמיצן גערעדט יידיש. צווישן די נעמען וואָס ער דערמאָנט געהערט דער שמיד, שמואליעק, און חיים, וועמען ער האָט געהערט זאָגן אַז „מיר געהערן דאָ צו דער קאַטעגאָריע עקאָנאָמיש נוצלעכע יידן." געווען איז ער רעליגיעז, געשטאַמט פון פוילן, געלערנט אין ישיבות און געווען אַ זייגערמאַכער.

באַשרייבט לעווי די בעסטיאַלישע באַמיונגען פון די ס.ס. צו רעדוצירן דעם מענטש צו אַ בעסטיע, און די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג פון די לאַגער־יידן זיך איינצוגראָבן אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ שאָלעכץ, אַרומבויען זיך מיט באַ־

ריערן פון פאַרטיידיקונג איינצוהאַלטן אַ פונק פון מענטשלעכער ווירדע, וואָס איז דאָך אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען געווען אַ זאַך צווישן לעבן און טויט. די צופאַסונגס־קראַפט פון מענטש, שרייבט ער, פאַ־דינט אַ באַזונדער שטודיע, מחמת עס איז אַ פעיקייט, טיילווייז אפילו אומבאַוווסטזיניק פאַסיוו, טיילווייז אַקטיוו, צו געווינען אַ געוויסע גלייכגעוויכט וואָס זאָל קענען באַלאַנסירן די כוחות, נישט אָנצוהייבן שטאַרבן ביסלעכווייז מיט יעדן טאָג, שעה און רגע; צוליב נישט קענען אויסהאַלטן שוין לענגער די שווידערלעכע בעסטיאַלישקייט פונעם לאַגער־נוסח.

איטאַליענער זענען געווען אין אַ צאָל פון הונדערט פיר און זיבעציק טויזנט. ער הייבט אַרויס איינציקע נעמען. אַלבערטאָ, 22 יאָר, נאָר צוויי יאָר ייִנגער פון פרימאָ לעווי, וועלכער איז געוואָרן זיין בעסטער פריינד. ער באַשרייבט זיינע מעלות, אינטעליגענץ און אינטואיציע, וואָס האָבן אים אַרויסגעהאָלפן בעת יעדער עת־צרה. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען שוין ביים אָנקומען אין לאַגער, אַז לעבן און טויט איז דאָ ווי אין אַ מלחמה, און ער האָט גלייך ביים אָנהייב אָנגעהויבן זיין יחידישן קריג, און זיך געראַנגלט פאַר יעדן פונק פון לעבן. ער האָט געטראַכט אין לאָגישע קאַטעגאָריעס, און ווען אפילו אין געוויסע מאָמענטן נישט אַזוי גאָר לאָגיש, איז עס אים אויך אויסגעפאַלן גוט. דערביי איז ער געווען און פאַרבליבן יעדן איינעמס פריינד, „גע־וווּסט" וועמען צו קאָרומפירן און וועמען אויסצומיידן, מיט וועמען זיך האַלטן און וועמען זיך אַנטקעגנצושטעלן, נישט ווערן בעיקר אַליין קאָרומפירט.

און אָט באַקענט ער אונדז מיט אַ פריינד פון רוים, פיערע וואַניגאַ, וואָס איז שוין געווען צוואַנציק טעג אין קראַנקן־באַראַק קאַ־בע. די פרייד, ווען מען האָט אים געזען צוריקקומען פון דאָרטן. געווען אויך אַזעלכע מאָגערע, ווי דער מלמד פון גאַליציע, וואַקסמאַן. במשך פון זיינע צוויי יאָר אַרבעט איז ער קיין איין טאָג נישט קראַנק געווען. לויט זיין אויסזען איז ער געווען קוים, קוים, אָבער מיט אַזאַ נס־וויטאַליטעט ביי דער אַרבעט. ביים רעדן

זיך באַנוצט מיט תלמודישע קשיות און אויסגלייכונגען וואָס ער האָט געפירט אין יידיש און אין לשון־קודש מיט אַ מאָדערנעם ראַביי. און אָט איז רעזניק פון פוילן. אַ 20 יאָר געלעבט אין פּאַריז, און איז סך־הכל אַלט געווען 30 יאָר. גערעדט האָט ער אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש.

דער מחבר פירט אַדורך אַ גרעסערע גאַלעריע פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, וועלכע ער האָט באַקענט דאָרט. אָט איז דער אינזשעניער קאַרדאַס, וואָס באַהאַנדלט קראַנקע פיס. זיין פּראָפעסיע איז „פּאָדיאַטרי". ער לייזט דעם פּראָבלעם פון לעבן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן: „פאַרוואָס איז די פּיין פון יעדן טאָג אַזוי איבערגעזעצט אין אונדזערע חלומות?—דער חלום ברעכט זיך פאַנאַנדער אין זיינע עלעמענטן, פאַראייניקט זיך צוריק אויפסניי אין די כסדר איבערגעחזרטע בילדלעך, סצענקעס, ווו דאָס פרעמדע וואָרט פאַלט אַראָפּ אויפן באָדן פון דער נשמה ווי אַ שטיין." מיר זעען אַן אונטערשייד פון אַ יידישן און נישט־יידישן קאַפּאָ... דער צווייטער האָט נישט קיין מורא געהאַט אַז ער וועט פאַרלירן זיין גוטן פּאָסטן...

## „אַ גוטער טאָג"

אונטער דאָס אויבערשטע קעפּל שילדערט דער מחבר אַ ווינטער־טאָג. די פּוילישע זון, קאַלט, ווייס און ווייט. עס וואַרעמט בלויז די הויט. אָבער דאָס דורכדרינגען פון דער קעלט דורך די מלבושים, דערקלערט פאַרוואָס די פּאַרצייטישע האָבן אַזוי פאַרגעטערט די זון. אין לאַגערן ווירקט עס נאָר אויף די וואָס האָבן נאָך די איבערצייגונג, אַז דאָס לעבן האָט אַ ציל און עס איז איינגעוואָרצלט אין יעדן קעמערל פון מענטש, מחמת עס איז דאָס אייגנטום פון מענטשנס סובסטאַנץ. ווען דער מענטש איז אין דער פרייער וועלט, גיט ער פאַרשידענע נעמען אָט דעם צוועק, באַטראַכט און רעדט אַ סך וועגן זיין מהות פאַרן לאַגער־מענטש איז עס געווען פּשוט ער, למשל, היינט, איז דער איינציקער זין, — צו דערלעבן צום פרילינג. קיין אַנדער זאַך אינטערעסירט נישט, מחמת פרילינג — איז שוין אין שונא ווינציקער.

דערציילט ער פון די גריכישע יידן, וואונדערלעכע, פון סאַלאָניקי, פאַרביסן און פאַראייניקט און מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט צום לעבן. זיי האָבן דעראָבערט אין לאַגער די קיכן, אפילו די דייטשן רעספּעקטירן זיי, און די פּאָליאַקן ציטערן פאַר זיי. זיי זענען דעם דריטן יאָר אין לאַגער און קיינער ווייסט נישט אַזוי, וואָס לאַגער באַטייט, ווי זיי.

ער הייבט אַרויס דעם נאָמען פעליאַ פון בירקענאַו, אָבער שטעלט זיך אויספירלעכער אָפּ אויף בונאַ, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אַ שטאָט. אַ חוץ די אָנפירערס און די דייטשע מעכאַניקערס, אַרבעטן דאָרטן אַ פערציק טויזנט אויסלענדער, וועלכע רעדן אין אַ 15־20 לשונות. אין בונאַ געפינען זיך פאַרשידענע לאַגערס: פאַר ענגלישע קריגס־געפאַנגענע; פאַר אוקראַינישע פרויען; פאַר פראַנצויזישע פרייוויליקע און אַנדערע. „אונדזער לאַגער" (יודענלאַגער, פאַרניכטונגסלאַגער־קאַצעט" האָט צוגעשטעלט טויזנטער אַרבעטער פון אָקופּירטן אייראָפּע. „מיר זענען די שקלאַפן ביי שקלאַפן, וועלכע אַלע קענען באַפעלן. אונדזערע נעמען זענען אַ ציפער, טאַטואירט אויפן אָרעם און אָנגענייט אין אַ רעקל."

די יידן האָבן אין מיטן בונאַ אויפגעבויט דעם „קאַרבוט טורעם", ווי די ציגל ווערן באַצייכנט אין אַלע לשונות, צעמענטירט מיט האַס.. מיר רופן אים: דער „טורעם פון בבל." אין דעם טורעם איז איינגעמויערט דער גראַנדיעזער משוגענער טרוים פון די האַרן און די שנאה פון זייערע שקלאַפן. פון די האַרן שרייט אַרויס זייער פאַראַכטונג צו גאָט און צו מענטשן — בעיקר צו אונדזערע מענטשן. און מיר, נאָר אין אַ זוניקן טאָג קוקן זיך אָן

איינער דעם אַנדערן גוט אין פּנים.

דער מחבר מעדיטירט: די מענטשלעכע נאַטור איז אַזאַ אַז טרויער און פּיין — אפילו ביידע צוזאַמען פאַר־אַמאָל, גיבן גאָרנישט מער צו צום באַוווסטזיין. דאָס קלענערע באַהאַלט זיך הינטער דאָס גרעסערע, וועדליק דעם דעפיניטיוון געזעץ פון פּערספּעקטיוו. דאָס, זאָגט ער, איז פון דער השגחה צו קענען אויסהאַלטן אין לאַגער. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס אין

פרייען לעבן איז, זאָגט מען, אַז דער מענטש איז קיין מאָל נישט צופרידן.

פרימאָ לעווי פילאָפיזירט זייער אַ סך אין זיינע ווערק, ווי אַ מענטש וואָס קען גוט די מענטשלעכע נאַטור און גלויבט, אַז אין געשיכטע ווי אין לעבן גילט צומאָל אַן אומגלויבלעכער געזעץ וואָס זאָגט: דער וואָס האָט, וועט נאָך מער קריגן, דער וואָס האָט נישט — וועט מען נאָך פון אים צונעמען אויך דאָס וואָס איז אים נאָך געבליבן. אוישוויץ האָט אים געגעבן אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע פון דעם קאָמפּלעקס כאַראַקטער, ווען דער מענטש ווערט דערפירט צו אומגליקלעכקייט דורך הונגער בטבע, באַמערקט ער, קען דער מענטש נישט באַגרייפן דעם צושטאַנד פון אַבסאָלוטער גליקזעליקייט. און נאָך אַ שטריך: מיר האָבן אַ טענדענץ צו זען אין יעדער געשעעניש אַ סימבאָל. אויב עס גייט וועגן לשונות, איז זינט אויגוסט, 1944, אונגאַריש געוואָרן די צווייטע שפּראַך אין לאַגער, נאָך יידיש. פון די אַלטע יידישע קאַצעטניקעס זענען רעמאָלט שוין גאָר ווייניק פאַרבליבן. נאָר אַ פּאָר הונדערט האָבן נאָך געלעבט, וואָס האָבן געהאַט דעם נומער פון 150.000. אַמווינציקסטן זענען געבליבן פון די גריכישע יידן.

די אונגאַרישע האָבן אָנגעפירט מיט דעם האַנדל פון זאַכן. ער דערמאָנט דעם אונגאַר פישער און דעם הונגעריקסטן פון אַלע אין דעם לאַגער, דער 17 יאָריקער פיני פון ווין. אַלפרעד מוישל און שעפסל פון גאַליציע זענען ביידע פריער געווען דירעקטאָר און וויצע־דירעקטאָר פון אַ פאַבריק פון גאָר וויכטיקע כעמישע אויסאַרבעטונגען. שעפסל איז געווען גוט באַקאַנט אין די אינדוסטריעלע קרייזן פון אייראָפּע. ביי זיינע 50 יאָר אַריין אין לאַגער. ער דערמאָנט דעם איטאַליענער לאָרענצאַ, אַ ציווילער און פשוטער אַרבעטער, וועלכער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין ראַציע ברויט און עס צוגעטראָגן לעווין. און דאָס האָט ער געטאָן יעדן טאָג במשך פון זעקס חדשים. אַ דאַנק אים איז ער, לעווי, געבליבן לעבן, און דאָס נישט נאָר צוליבן העלפן אים מיטן שטיקל ברויט, נאָר מחמת זיין אָנוועזנדיקייט האָט לעווין דערמאָנט אויף אַ פשוטן אופן, אַז אַ חוץ זיין אייגן וועלטל עקזיסטירט נאָך אַן אַנדערע, מיט טיפער מענטשלעכקייט, ריינקייט, און דאָס קענען נישט צולאָזן צו זיך די מנוולדיקע קאָרומפּירטקייט.

פרימאָל לעווי האָט פאַר לאָרענצאָן געשריבן אַ בריוו קיין איטאַליע, וווּ ער האָט געהאַט קאָנטאַקטן מיט פאַרשידענע מענטשן פון וועלכע מען האָט באַקומען געוויסע לעבנס־מיטלען צו קענען איבערטראָגן דאָס נאָגנדיקע טעגלעכע הונגער־לעבן.

נישט שייך צו דערציילן פון די אַלע טיפּן, וואָס דער מחבר דערמאָנט ביי פאַרשידענע פאַלן: די דאָקטוירים, מוזיקערס, שוסטערס, שניידערס, קוכערס און די יונגע אַטראַקטיווע האָמאָסעקסואַליסטן. דער יידישער פריזירער וואָס האָט אַזוי שיין געזונגען יידישע און פוילישע לידער און זיך געשלאָגן ביז בלוט מיט אַ פּאָליאַק, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, אָבער ער האָט נישט געקענט מוחל זיין דעם פּאָליאַק וואָס האָט באַליידיקט זיין יידישע ווירדע און ער האָט אים אַוועקגעלייגט מיט איין שטאַרקן כמאַל אין בויך.

איך האָב פריער דערמאָנט אייניקע מעדיטאַציעס פון מחבר — ער האָט זיי גאָר אַ סך צייט אין זיינע ווערק. ער קען לאַנג מעדיטירן וועגן דער ראָל און דעם סאָציאַלן סטאַטוס וואָס אַ מאָנאַשקע האָט געשפּילט אין לאַגער. פאַ אַן ביי אים אַ פלאַסטישע שילדערונג ווי אַזוי מען הענגט אויף אַ לאַגערניק וואָס האָט אַן איינגעשמוגלט געווער אין בירקענהאַו. די תליה איז פאָרגעקומען עפנטלעך, אַלע לאַגערניקעס שטייען דערביי און די ס.ס., וואָס קוקט אויף דעם אַקט מיט אַ טעמפּער גלייכגילט. אָבער די לאַגערניקעס, צוריקגייענדיק אין די באַראַקן, האָבן געטראַכט וועגן דעם געהאָנגענעם, אַלבערטאָ, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן פון אַן אַנדער מעטאַל ווי זיי, אויב ער האָט אין אַזעלכע באַדינגונגען ווי זייערע אַלע, געטאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן — און זיך נישט איינגעבראָכן. ער האָט זיך נישט געבויגן פאַר זיינע פייניקער און תלינים.

דער מחבר שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם חודש אָקטאָבער, 1944. עס האָט באַטייט: צוריק צוםווינטער. פון יעדער צענדליק לאַגערניקעס וועלן אַ זיבן שטאַרבן, שטופּנווייז, אויב נישט פאַר אַמאָל. מעדיטירט ער וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון באַגריפן אויף דער פריי: הונגער, פּחד, מידקייט, די טערמינען וואָס האָבן אין ווינטער באַטייט גאָר עפּעס אַנדערש ווי אין לאַגער. און דאַן די „סעלעקציעס”, די נייעס וואָס די פּאָליאַקן האָבן די ערשטע אויסגעפונען. מען האָט געמאַכט „פּלאַץ” פאַר אַ נייעם טראַנספּאָרט וואָס האָט געדאַרפט קומען פון פּויזנער געטאָ. במשך פון 20 טעג האָט דער קרעמאַטאָריע־אויוון נישט אויפגעהערט צו רויכערן. עס איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט פון לאָדזשער געטאָ, אַ 300 אין צאָל. זיי, די תושבים, האָבן שוין דעמאָלט געוווסט פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, און די רוסישע אַרמיי איז געווען נאָר 50 מייל פון לאַגער. דאָס איז געווען אַ שטראַל פון האָפענונג. עס שילדערט אויך דער מחבר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אויבן, אין די וואָלקנס די פאַרמעסטונג צווישן די רוסישע און דייטשע עראָפּלאַנען. ער דערציילט פון זיין קראַנקייט אויף שקאַרלאַט־פיבער, ווען מען האָט אים איבערגעשיקט אין טאַ־בע — די אינפעקציע־אָפּטיילונג פון לאַגער. ער האָט דאָרט געטראָפן אין צימער צוויי אונגאַרישע יונגע יידן, צוויי פראַנצויזישע פּאָליטישע, און דעם פּריזירער אַשכנזי, וואָס איז שוין געווען אַ דריי יאָר אין לאַגער. דאָס זענען פאַר אים געווען 10 גורלדיקע טעג. פון די עלף מענטשן אין דעם אינפעקציע־צימער, איז נאָר איינער דאָרט געשטאָרבן. די איבעריקע, געשטאָרבן מיט וואָכן שפּעטער, שוין אין רוסישע שפּיטאָלן.

פּרימאָ לעווי איז געבליבן לעבן נאָר דערפאַר וואָס מען האָט אים אַריינגענומען צו דער אַרבעט אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע אַלס כעמיקער ספּעציאַליסט. ער האָט דערזען פאַר זיך ריינקייט, אַ וואַרעמע טעמפּעראַטור, באַקומען די רעכט פון טראָגן אַ ניי העמד אויפן לייב, גאַטקעס, און יעדן מיטוואָך געוואָרן ראַזירט.

וואונדערלעך! ער האָט געזען די קינאה־געפילן ביי צען טויזנט פאַרמשפּטע צו ליידן הונגער און קעלט. עס איז געווען אַ מתנה פון זיין דאָברע־מזל צו זיין אין דער לאַבאָראַטאָריע. ער האָט געהערט פון די דייטשע מיידלעך וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, ווי זיי גרייטן זיך ערב קריסטמעס אַהיים. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז דאָס יאָר איז אַדורך אַזוי גיך.

גיך? „מיט אַ יאָר צוריק האָב איך געהאַט אַ נאָמען, אַ פאַמיליע, אַ פרייער מענטש געווען, געהאַט אַ געזונטן קערפּער און אַ געזונטע צוקונפט ווי אַ כעמיקער, הגם געלעבט אומלעגאַל, אין דער אונטערערד מחוץ למחנה.

ריכטיק איז זיין באַמערקונג, אַז אַ טייל פון אונדזער עקזיסטענץ ליגט אין דעם וואָס מיר שפּירן די אָנוועזנדיקייט פון די וואָס זענען אונדז נאָענט. דאָס איז געווען אין לאַגער ממש אַן אוצר ביי דעם דרייצן־יעריקן... לינג צו וועלכן ער האָט געהערט. איינער פאַרן אַנדערן האָט געהאַט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט וואָס ער האָט געבן זיך די אַנדערע צוויי.

* * * * *

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף די ווערק פון פּרימאָ לעווי, מחמת איך האָב אין זיי געפונען אַזוי פיל אַנדערשקייט פון אַ סך אַנדערע שרייבערס אויף דער טעמע. זיינע ביכער זענען געוואָרן „בעסט סעלערס” אין אַ ריי לשונות. ער האָט אָבער די ביכער געשריבן ווי אַ שליחות צו דערציילן דער וועלט, וואָס אוישוויץ האָט באַטייט. אָבער נישט דערלאָזט, און האָט געוואָרנט אויך זיינע לייענערס, אוישוויץ זאָל נישט ווערן ביי זיי אַן אָבצעסיע.

אויך באַטאָנט ער, צו געדענקען, אַז פאַר יעדן איטאַליענער וואָס האָט פאַרראַטן אַ יידן, זענען דאָך געווען גרויסע צאָלן, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו ראַטעווען יידן (אגב, האָט דאָס אויך אונטערגעשטראָכן אין זיין לעצטנס פאַרעפנטלעכטן בוך: — „מעמואַרן פון אַ גליקלעכן ייד” — פּראָפ. דאַן זעגער). איך האַלט אַז דאָס אונטערשטרייכן די צדיקים איז נייטיק ווי אַ קעגנווירקונג צו די וואָס האַלטן אין איין ווייזן, אַז מיר,

שלום שטערן X מאָנטערעאַל

# צוויי לידער

## ווי אַזוי?

ווי אַזוי איז עס געוואָרן,
אַז אין דער היים
פון אונדזער פרייד,
בין איך געבליבן
אין עלנט פון איין־אַליין.

אַ פאַרהאַנג פון רויך
פאַרדעקט די באַרגיקע־הויך
ביים שטייניקן ברעג,
דער טייך ברילט, און צעפליקט
די נאַכטיקע שטיל.

אין דער שאָטנדיקער שטום
פון דער ליידיקער היים
איך פאַרגעס מער נישט
דאָס גנאָד פון דיינע
צאַרטע רייד.

מעת־לעתן זיינען
אין טרויער איינגעבייט.

ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן,
אַז אין דער פרייד
פון אונדזער היים
איז געבאָרן געוואָרן
דער עלנט פון איין־אַליין.

אויפן באַרג לבנה רייט,
און דאָס זילבער פון איר שיין
מיידט אויס די שאָטנס
פון מיין פאַראומערט הויז.

נישט צווישן זאַנגען־וועגנט
פון קאָרן,
אין דער שרעק פון קראַנקע טעג
האָב איך דאָס גנאָד
פון דיין גליק פאַרלאָרן.

---

יידן, זענען אַרומגערינגלט כסדר נאָר פון שונאים. ביי אַ סך איז דאָס געוואָרן אַ פּאַראַנאָיע מיט וועלכער מיר טרעפן זיך אָפּט אין די נאָענטע קרייזן.

ביים לייענען די ווערק פון דעם איטאַליענישן ייד, האָב איך געהאַט אַ געפיל פון ווערן אימוניזירט קעגן דער דער־מאָנטער פּאַראַנאָיע. ער פּריידיקט נישט צו פאַרגעבן און פאַרגעסן. אָבער ער מיידט אויס די פאַרביטערנישן און ווייזט אונדז, ווי אַזוי די הויפּט־פּערסאָנאַזשן וועלכע ער האָט אין זיינע ווערק גע־שטאַלטיקט, האָבן איינגעהאַלטן זייער מענטשלעכע ווירדע און קלאָרן זינען טראָץ דעם אַלעם וואָס זיי האָבן דורכ־געלעבט אין גיהנום.

דער ייד פון זיינע דערציילונגען טראָגט אָן אוניווערסאַלן כאַראַקטער און דאָס רופט זיך אויך איבער מיט סאָל בעלאָס ווערק „דער צורעכטמאַכער", ווו די יידן פון דעם ייד טראָגן אַן אוניווערסאַלע פאַרב. „יעדער איינער איז עמעצנס אַ ייד." די יידן וואָס טאַרכטן נאָר פון זייער אייגענעם קיום און ווילן נישט זען די אוניווערסאַלע פּראָבלעמען פון דער וועלט, זענען דאָס לעבן ווי אַ גאָר שמאָל געסל. ערגעץ האָט דער מחבר אויך באַ־מערקט, אַז די פּאַלעסטינעזער זענען די יידן פון ישראלים. זאָגנדיק דאָס, איז ער אָבער נישט קיין קעגנער פון יידישן לאַנד, ווו עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אַזוי פיל יידן נאָכן חורבן. איך מיין אָבער, אַז מען האָט וועגן זיין שאַפן געגעבן אין אַ ריי אָפּשאַצונגען צופיל סופּערלאַטיוון. ער איז ווייט צו זיין דער בעסטער שרייבער פון אונדזער טראַגישער תקופה. אָבער אַנדערשקייט קענטיקט זיך בולטער אין זיינע ביכער.

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# אַ לעצטער ערנאָוונט פאַר איציק מאַנגערן אין וואַרשעווער שרייבער־פאַריין

הלל קעמפּינסקי, וואָס וואָלט אין די אַמאָליקע צייטן ערב דעם גרויסן חורבן געווען ביי יידן אַ פרומער שמש ביים רבין, אָדער ער וואָלט טאָג און נאַכט אָפּגעהיט דאָס בית־המדרשל ערגעץ אין אַ זייטיקן געסל ווו די זון שיינט בלויז אין פאַרנאַכט ווען זי גייט שוין אונטער; און ער וואָלט געזאָגט תהלים אויך פון אַלטע תהלימלעך וואָס צעפאַלן זיך שוין מחמת דער ליבשאַפט פון די היימישע תהילים־זאָגערס צום רבונו של עולם, דערציילט מיר אַז אין וואַרשעווער ליטעראַרישן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז איין מאָל אין אַ נאַכט פאָרגעקומען אַ פייערונג לכבוד איציק מאַנגער, וואָס איז שוין געווען שיכור נאָך איידער ער האָט איבערגעדרייט דאָס דינע כוסהלע און זיין פּנים איז געווען צעגראַטשעט פון די געשלעגן מיט יידישע שרייבערס וואָס האָבן דווקא שטאַרק געליבט זיינע לידער. אָבער זיי האָבן נישט איבעריקס פאַרטראָגן זיינע שאַרפע נעגל באַזונדערס אין יענע מאָמענטן ווען זיינע אויגן האָבן געפלאַמט מיט שיכרות.

נח פּרילוצקי האָט געליבט מאַנגערן פאַר דעם פאָלקלאָר אין זיינע לידער. י.י. טרונק, וואָס האָט שוין דעמאָלט געחלומט אָנצושרייבן אַ ריי דערציילונגען וועגן מערקווירדיקע העלדן אין דער יידישער געשיכטע, אַזעלכע ווי דער יידיש־רוימישער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס האָט געמוזט צוזען ווי די פּעטע ריצערזשעס מיט מעש, אייזן און קופּער באַשטלאָגן אויף זייערע מוסקולירטע חזירשע גופים, פאַרבלוטיקן מיט זייערע קורצע שווערדן יידישע העלדן מיט לאַנגע בערד און מיט אויגן אין וועלכע עס קענען זיך נישט פאַרלעשן די געפילן פון האָפענונג אויף נקמה און נצחון איבער די רוימישע זיגער. י. י. טרונק, ווי שוין דערמאָנט, האָט געליבט מאַנגערן ווי דעם יידישסטן פּאָעט פון אַלע צייטן. י. מ.

---

## טרערן

האַרבסט.
וזינטן זעגן די רויט־פלאַמיקע בלעטער,
אין רעגן וויקט זיך דער פלויט,
מיט די גרין־געפאַרבטע ברעטער.

קאַלט־שטעכיקע טראָפּנס גליטשן זיך
אויף מיין געזיכט.
דאָס זיינען מיינע טרערן, וואָס
שטראָמען פון די הימלדיקע רעדן.
און דער טרויער פאַרברענגט
פון טרוים דאָס שיינענדיקע ליכט.

ווינטן זעגן.
מיט מיר שפּרייזט דער רעגן.
מיין קראַנק געביין פרירט.
אין דער היים פון מיין יונגן אַמאָל,
פאַרקלעמט איז פאַר מיר
פון טרייסט די טיר.

דער רעגן מיט מיר שפּרייזט,
כ'ווייס, איך האָב נישט געגרייזט.
אין האַרבסטיק־רעגנדיקן געפריר,
די בענקשאַפט פירט מיך
צו מיין פאַרשאָטנטער טיר.

כ'שפּריז, און איך הער
דאָס געוויין פון עלנט.
און פון זיין אַליין..

ניימאַן, ווי תמיד עלעגאַנט, שאַרפזיניק און אַ מבין אויף קונסט, האָט געלויבט דעם שוין אַביסל שיכורלעכן מאַנגער פאַרן ווערלעכישן טאָן אין זיינע פאָלקסטימלעכע לידער; פאַר זיין טעאַטראַלישקייט, זיין מוזיקאַלישקייט אין דער פּאָעזיע און אויך פאַר זיין איראָפּעיזם.

שלמה מען־דעלסאָן, וואָס האָט לעצטנס אָנגעטאָן אַביסל קרענקונג דעם שוין היפּשלעך בייזלעכן, און לעצטנס צוליב געוויסע סיבות אַביסל פאַרביטערטן באָוועליסט זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו דער גאַלאַנטער אַקטריסע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש — אָבער מענדעלסאָן איז פּאָרט געווען געניטער אין דער קונסט פון איינצונעמען די מעכטיקע פעסטונג פון אַ גראַציעזער פרוי, וואָס ערגירט ווינציקער אויף אַן אויפגערעגטן און אפילו שטאַרק פאַרליבטן ריטער, שלמה מענדעלסאָן האָט בעשעת דער מאַנגער־פייערונג גענומען אַ וואָרט, כאָטש עס איז גראָד נישט געווען קיין באַזונדער מאַסנמיטינג און ער האָט אומגעפער געזאָגט:

— חשובע פריינד, איציק שמעקט מיט מאַנגער, וואָס דאָס איז ניינציקער ספּירט... ער שמעקט מיטן ריינסטן און שאַרפסטן אַלקאָהאָל . . .

עס איז אויסגעבראָכן אין זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין אַ געוואַלדיקער אַפּלאָז מצד אַן עולם וואָס האָט מסתמא קיין שום אַנונג נישט געהאַט וועלכער פינצטערער שטורעם עס לאָזט זיך אַרונטער אויף די מויערן פון דער יידישסטער שטאָט וואַרשע אין דער יידישער געשיכטע... מאַנגער האָט געשמייכלט מיט אַן אָנגעצונדענעם פּנים... ער האָט זיך היפּש געוואַקלט אויף זיינע לאַנגע פיס, גרייט אין מיטן דער גאַנצער פייערונג זיך אַוועקצולייגן שלאָפן אויפן פּאָרזיצערס טיש ווי אַ פאַרווייניט ייִנגעלע. אַ פלעשל בראָנפן האָט טאַקע אַרויסגעשטעקט דאָס העלדזל פון זיין מאַרינאַרקע ווי זיך ווערגנדיק מיט דער היץ אינעם אָנגעגליטן זאַל מיט יידן...

דער גאַנצער ליטעראַרישער אָוונט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ היימישן און אימפּראָוויזירטן באַל. פּאָרלעך האָבן זיך ספּאָנטאַניש אַ ריס געטאָן פון די בענקלעך און זיך צעטאַנצט איבערן זאַל ווי די רוחות אָדער ווי אָנגעטרונקענע שדים פון די וועלדער און טיפע קעלערן און מלינעס... פון די ביוסטן און רייצנדע בוזעמס פון וואונדערלעכע יידישע פרויען וואָס האָבן הערלעך אויסגעטאַנצט זייער דאַנק און לוסט צום לעבן, האָבן געפינקלט שטיקלעך צירונג אויף פינקלענדיקע און גאָלדענע קייטעלעך... און צווישן די לוסטיקע פּאָרלעך האָט זיך שטאַרק אָנגעזען דער באַרימטער שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג, טאַנצנדיק, ווי געווינלעך, מיט אַ זייער הויכער דאַמע וואָס האָט געטראָגן אַ זיידן קלייד מיט פּלאַטינענע קייטלעך און בלישטשענדיקע בראָשקעס מיט פּערל און בריליאַנטן. נאָמבערג האָט זיך אָנגעהאַלטן ווי אַ קליינטשיק ייִנגל ביי קלאַראַס שלאַנקער טאַליע. ער איז געווען מיד און פאַרשוויצט אויך. דער שרייבער פון דינע און פאָלקסטימלעכע לידער, דער קליינטשיקער הערשעלע, איז דורך דער גאַנצער צייט געזעסן ביים גראַמאָפאָן און האָט אויסגעזען צו זיין גליקלעך וואָס ער קען יעדעס מאָל ווען אַ מעלאָדיע האָט זיך געענדיקט, אַריינשטעלן אַ פרישע פּלאַטע וואָס האָט מיט אַ זיסן און האַרציקן ניגון אויפגעפרישט דעם טייערן עולם...

יאָ, דעם טייערן עולם וואָס האָט גאָרנישט געוווּסט אַז די פריילעכע נאַכט פון טאַנץ געזאַנג, וויין און לוסט ענדיקט זיך באַלד... וואָס האָט אויך גאָרנישט געזען אַז די לבנה קוקט אַרונטער דורכן פענצטער פון „טלאָמאַצקע דרייצן" און זי וויינט מיט אַ ביטערן געוויין אויפן גורל פון די דאָזיקע טאַנצנדיקע און לוסטיקע פּאָרלעך... זיי האָבן נישט געוווּסט אַז די נאַכט פון פאַרגעניגן און נחת ענדיקט זיך פאַר זיי באַלד און דאָס פייער פון קרעמאַטאָריום און דער גיפטיקער וואָלקן פון גאַז וואָס איז שוואַרץ ווי דער טויט וואָס האָט אויסגעשטיקט מאַסן ייִנגע, מיטליאָריקע, עלטערע און קינדער אויף זייערע מוטערס אָרעמס און בריסטן, גייט אויפן יידישן פאָלק אין פוילן און מיליאָנען נשמות וועלן פאַרלענדט ווערן און גאָט אַליין וועט זיך רואיק צוקוקן צו דער מוראדיקער שרפה פון דעם יידישן פאָלק, צו דעם

באַרג מיט אַלטע און יונגע יידן וואָס שפּריצן מיט פייער און פּעטס איבער אַלע פיר זייטן פון דער וועלט... און דאָרטן אויבן שלאָפט גאָט — אַ מידער באַרג — און ער שנאָרכט ווי ער וואָלט געהאַט אויסגעטרונגען אַ ים מיט וויין...

וואָס איז דען דאָ אָבער פאַראַנען ווייטער צו רעדן און צו דערציילן. איציק מאַנגער וועט זיך אויסניכטערן פונעם באַל און פון דעם וויין און ער וועט עס בעסער מאַכן:

„מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשעפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין —
אָט ליג איך פאַר דיר אויף אַ וואָלקן,
פאַרוויג מיך און שלעפער מיך איין...״

יאָ, דער רבונו של עולם האָט פאַרוויגט און האָט איינגעשלעפערט זיין סאָלק, בלויז אין געציילטע יאָרן שפּעטער נאָך דעם הילכיקן קאָנצערט און נאָך איציק מאַנגערס לאַנגע יאָרן פון יסורים און זיין פּטירה אין ארץ ישראל... נאָר נישט אויף קיין פערלדיק־גרויען וואָלקן זיינען די יידן איינגעשלעפערט געוואָרן, נייערט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, אוישוויץ און מיידאַנעק...

הלל קעמפּינסקי דער בונדישער שמש און דער גוטער חבר פון יידישע שייַרבער, האָט מיך באַווירקט אָנצושרייבן די דאָזיקע שורות וועגן אַן אָוונט לכבוד אַ גרויסן יידישן פּאָעט אויף טלאָמאַצקע דרייצן, ווען דאָס יידישן פאָלק אין וואַרשע און גאַנץ פּוילן, איז נאָך געווען וואַכעדיק ... און געזונגען און געטאַנצט דעם לעצטן טאַנץ, די לעצטע געזאַנגען מיט גאָטס גאַז אין די זיך שטיקנדיקע העלדזער...

ניו־יאָרק, יוני 1987.

***

# די רייזע דורכן זאַקסישן גאָרטן

שוין אַ סך יאָרן דערין. וואַרשע איז דעמאָלט געווען, ווי אַלע וויסן, אַ גרויסע שטאָט. אירע טונקל־פאַרסאַזשעטע מויערן זיינען געווען אָנגעשטאָפּט פון אַ גאַנץ פאָלק מיט יידן. עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. אָבער די גאַסן, די פענצטערס פון די אַלטע קאַמעניצעס, פון אַ טייל גרויסע געשעפטן און פון קלענערע געשעפטלעך און געוועלבלעך; אויך די עלעקטרישע רעקלאַמעס פון די קינאָהייזער; די נעאָנישע שילדן פון די יידישע טעאַטערן און די גרויסע לאָמפּן פון די לאַמטערנעס איבער די גאַסן האָבן נאָך העל און בליציק געלויכטן. דער באַרימטער שריפטשטעלער האָט איינגעלאַדן די דיכטערין מיט אים זיך דורכצופאָרן אין אַ טונקעלער דראָזשקע דורכן זאַקסישן גאָרטן ביינאַכט, ווען די לבנה איז געשטאַנען פול און גרייט ווי אַ ריזיקער מילגרוים איבערן וואַרשעווער הימל און האָט שטיל געלויכטן מיט איר קאַלטן אייזיקן ליכט, באַלויכטנדיק די דעכער, די גאַסן, די שטיינערנע ברוקן פון דער גרויסער יידישער וואַרשע מיט איר ווייסן פערלדיקן ליכט...

ווי אַ פּרינץ איז אפרים קאַגאַנאָווסקי געזעסן אין דער דראָזשקע. אַזאַ טונקל־חנעוודיקער און שטאָלצער מאַנצפאַרשוין, שווייגנדיק מיסטעריעז. זיין שווייגן האָט מיך, די יינגערע דיכטערין, וואָס איז ערשט געהאַט געקומען קיין וואַרשע פון דעם פּראָווינציעלן געבורטס־שטעטעלע, פאַרוואָצירט... איך בין געווען שיין, מיט ברענענדיק־שוואַרצע אויגן און לאַנגע, סאַמעט־טונקעלע צעפּ ביז צו דער טאַליע. איך בין געווען גרייט, ווי שולמית, צו פאַרכישופן אַ קייסער. און דאָ, אין דער דראָזשקע, זיצט ער מיט זיין גלאַנציקער באָרד וואָס איז געווען שוואַרץ ווי די נאַכט. זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיטן

גאָלדיקן אָפּשײַן פֿון דער לבנה. מײַן שמאָלע האַנט האָט געשטעקט אַזאַ ציטערדיקע ווי אַ ווײַסע רויז אין זײַן גרויסער און שטאַרקער האַנט.

איך האָב געקענט פֿילן דאָס פֿעסטע שלאָגן פֿון זײַן פּולס. איך האָב אויך געקענט דערקענען אַז בשעת איך זיץ אַזוי נאָענט נעבן אים און איך האָב אַזוי שטאַרק הנאה פֿון דער גליענדיקער וואַרעמקייט און היסן פֿיבער וואָס שטראָמט פֿון זײַן לײַב, איז דער גרויסער שרײַבער פֿאַרטיפֿט אין אַן אַנדערער יינגער פֿרוי מיט וועמען ער האָט ווי אין עקסטאַז געטאַנצט בלויז מיט אַ קורצער צײַט צוריק אויף אַ מאַסקנבאָל... איך האָב געפֿילט אַז איך בין צו אים אַ פֿרעמדע פֿרוי וואָס ער האָט צופֿעליק, אײַנגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר אין דער דראָזשקע כדי צו פֿאַרטויבן די יסורים פֿון אַ ליבע־ווונד אין זײַן שטורמישן האַרצן... אָבער ווער איז טאַקע די געהיימעןישפֿולע פֿרוי וואָס האָט איצט געהאַלטן געשפּאַנט זײַנע רעיונות? ווען איך וואָלט געוווּסט ווער זי איז און ווו זי וווינט, וואָלט איך זי געווען דערהרגעט אויס אײַפֿערזוכט וואָס איז מיך דאָ פּלוצלינג באַפֿאַלן, כאָטש איך האָב זיך געטוליעט צום מיסטעריעזן פּרינץ...

דאָס פֿערדל האָט געשטעלט טריט נאָך טריט, רואיק, באַדאַכט, געלאַסן, צום פּולס פֿון דער גרויסער טונקעלער נאַכט, צום ריטם פֿון דער גאַנצער עפּאָכע, צום טאַקט פֿון די שטערן איבערן פּעכיק־שוואַרצן הימל...

אויבן, אויפֿן סטאַנגרעט, איז געזעסן דער הויכער קוטשער, אַן אײַנגעהילטער אין זײַן ברייטער און לויזער בורקע (מאַנטל), אַזאַ דין און דאַר געשטאַלט ווי אַ שד. דאָס פֿערדל האָט שוין ווויל געוווּסט זײַן וועג דורכן זאַקסישן גאָרטן. צי זײַנען עס געווען די אָנגעצונדענע מאָטילן אין דער פֿינצטערניש, אָדער האָבן אײַנזאַמע מענטשן דאָ געריכערט זייערע פּאַפּיראָסן, זיצנדיק אַזעלכע פֿאַרטראַכטע אויף די גרינע און ברייטע בענק, און די פֿײַערלעך האָבן נערוועז געציטערט... איך האָב נישט געוווּסט און אפֿילו גאָר נישט געקלערט אויך. איך בין נאָך אַלץ געווען צעטומלט, באַרוישט און פֿאַרכישופֿט פֿון זײַן פּרינצלעכן געשטאַלט, כאָטש ער האָט נישט אויסגערעדט קיין אײנציק וואָרט... עס איז געווען מײַן ערשטע רייזע מיט אים דורכן וואַרשעווער אוניווערס. דאָס יאָר אין דער וועלט איז גרייט געשטאַנען: 1918...

איך הער מיט ציטערניש זײַן רעגולערן אָטעם־צוג. איך הער, דאַכט זיך מיר, דעם טיק־טאַק פֿון דעם גאָלדענעם זייגער אין דער קעשענע פֿון זײַן זײַדענעם וועסטל. איך הער בפֿירוש דאָס קלאַפּן פֿון זײַן מעכטיקן האַרץ. אָבער וואָס וועט ער מיר הײַנט בײַנאַכט זאָגן? וועלן זײַנע פּולבלוטיקע ליפּן אַרויסברענגען עפּעס טיפֿזיניקס, שײַנס און אויך קאָמפּלימענטאַרישס, נאָך וועלכן איך שמאַך אַזאַ הילפֿלאָזע? וועט ער לויבן דעם פֿלאַמיקן זשאַוווער פֿון מײַנע טרויעריקע אויגן? וועט ער מיר זאָגן, ווי דער העלד אין אײנער פֿון זײַנע געשניצטע און לײַדנשאַפֿטלעכע דערציילונגען רעדט צו זײַן שטילער און צאַרטער כלה: אַז איך האָב אַזאַ דינעם און לויטערן האַלדז ווי טשײַקאָווסקיס שטאַרבנדיקע שוואַן, און אַזאַ שמעקנדיקן בוזעם ווי אַ בוקעט מיט בלומען? וועט ער צו מיר הײַנט בײַנאַכט זאָגן אַזוינס וואָס וועט מיך אָנצינדן און באַגײַסטערן אויף מײַן גאַנצן לעבן?!...

עס איז וועלט־שטיל. די לבנה איבערן הימל פֿאָלגט אונדז נאָך ווי אַ גאָלדענע אָפּגעפּאַרבטע קאַץ אין מוזעאום. ווי שפּעט אייגנטלעך איז עס אַצינד? אָבער ווער איז דען נייגעריק צו וויסן די ריכטיקע שעה פֿון דער נאַכט? איך וועל מיט אים גערן פֿאָרן ביזן סוף פֿון דער צײַט; ביז צו די סאַמע שרעקלעכסטע גרענעצן אין קאָסמאָס. זאָל די דאָזיקע רייזע אין מיטן פֿון דער נאַכט און פֿון תוהו־ובוהו דויערן אַן אייביקייט. זאָל זי זיך שוין קיינמאָל מער נישט פֿאַרענדיקן. זאָל אייביק דויערן די נאַכט, אבי ער וועט זיך שוין אפֿשר קיינמאָל נישט אומקערן צו זײַן אמתער געליבטער מיט אירע רויטע שאַרלאַךרויטע האָר...

גערוישלאָז טראָגט זיך איצט די דראָזשקע פאַרביי די פאַרגליווערטע ביימער פונעם זאַקסישן גאָרטן. דער פריש־געפאַלענער שניי פינקלט ווי קרישטאָל אין דעם געלן אָפשיין פון די לאַמטערנעס. איך דערלויב זיך אָפצואָטעמען אין דער אָנוועזנהייט פונעם שטרענגן קעניגלעכן ראָמאַניסט, דעם מייסטער פון די קליינע דערציילונגען וועגן גרויסע און טיפע דראַמעס פון מיידלשע הערצער, וואָס איז פיזיש און אויך לויט זיין עצם שאַפן, ענלעך אין מיין פאַנטאַזיע, צום גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטעלער גי דע מאָפאַסאַן, דעם מייסטער וואָס שרייבט מערסטנס זיינע קורצע, אָבער הייס־בלוטיקע דערציילונגען וועגן דערשטיקטע לעבנס פון יינגע און אָנגעצונדענע נשמות אין די ענגע שטיינערנע געסלעך, אין פינצטערע קעלער־שטיבער און אויף שטויביקע בוידעמס; וועגן הייליקע בתולות וואָס זיינען דורכן ברוטאַלן לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פראָסטיטוטקעס; וועגן גנבים וואָס חלומען פון פולע הימלען מיט שטערנגאָלד און צירונג פאַר די עלנטע און באַליידיקטע...

שוין פאַרפלויגן, ווי געזאָגט, איבער זיבעציק יאָר. ליזאַ געדענקט יענע רייזע אין דער דראָזשקע דורך דער געטלעכער נאַכט, ווען זי איז געווען אַזוי יונג און די גילדערנע בראָשקע וואָס די גענעדיקע באַבע האָט איר געהאַט געשאָנקען,, האָט רויט געפינקלט אין איר בלוזקע און געגליט מיטן ליכט פון איר האַרצן ווי אַן איינזאַמער בענקענדיקער שטערן... ער האָט איר שוין אויף אייביק פאַרכישופט מיט זיין סודותדיקער און שטרענגער פערזענלעכקייט. זי איז שוין איצט אַן עלטערע פרוי, באַלאָדן מיט היפשע אַנטוישונגען, און מיד פון דעם איינזאַמען לעבן אירן אין דער וועלט. אָבער שפעט ביינאַכט לעכצט זי נאָך זיינע געניאַלע סקיצן, זיינע מוסטערהאַפטע קורצע דערציילונגען וועגן שאַרפע און בליציקע מענטשלעכע דראַמעס און געראַנגלען. עס דאַכט זיך איר אָפט אַז ער האָט זי דאָ און דאָרט באַשריבן, געפרוווט אפילו צו שילדערן איר קאָמפליצירטן כאַראַקטער; געגעבן אַן אָנדייט פון איר עקזיסטענץ... אָבער, צי האָט ער זי צווישן זיינע הונדערט ראָמאַנסן מיט כיפופדיקע פרויען אויך ליב געהאַט? זי וואָלט גערן געהאַט געשאָנקען די רעשטע יאָרן וואָס זיינען איר נאָך איבער־געבליבן צו לעבן, ווען עמעצער, זאָל עס אפילו זיין דער סאַמעראָדנער מעפיסטאָ אַליין, וואָלט איר געקענט געבן אַ באַשייד אויף אירע אינטימע רעטענישן. אָבער יענע נאָקטורנע נסיעה דורכן גרוילעך־זילבערנעם נעפל פונעם טונקעלן פאַרק, אין דער שטאָט וואַרשע, אין דעם יאָר 1918, וועט זי אייביק, אייביק געדענקען...

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט 5.00$ אַ יאָר.

די פאַרוואַלטונג

א. לוריא / ניו־יאָרק

# לידער

## פאַר די קליינע קינדערס וועגן

### דער בער

דעם ווינטער ווי אויף אַ קאַנאַפּע,
ער שלאָפט אין הייל און זייגט די לאַפּע.
איז פויל,
און וויל.
זיין יעדער קער
איז אַנגעמאָסטן פאַר אַ בער.
אַחוץ דעם וואָס?
— זיין נאַשן האָניק.
און מערער גאָרניט.
גאָרניט.
גאָרניט.

### דער קוקו

בעט אים קוקען און ניט שפּאָרן,
אייך זאָל זיין צו לאַנגע יאָרן.

### דער פוקס

ער טראָגט אַן עכטן פוקסן־פּעלץ,
ווי ס'פּאַסט דעם היטער פון געזעץ.
איז ווי דער קעניג שלמה קלוג
און נעמט אַדורך אייך מיטן קוק
ווען ניט זיין טשאַד, ווען ניט זיין שמד...
— נאָר ווי איז אַנדערש אַן אַדוואָקאַט.

### דער וואָלף

כ'וואָלט זיך טרעפן ניט געוואָלט
מיטן סאַמע בעסטן וואָלף.
הינטער גראַטעס ווען ער שטייט,
לופט־קושן כ'בין שיקן גרייט.

### דער הירש

אויפן קאָפּ ער טראָגט אַ קרוין,
ניט קיין קרוין—אַ גאַנצער בוים.
און אַ לויפער—פייל פון בויגן,
אָט־אַדאָ, און אָט פאַרפלויגן.

### דער האָן

ער דעם וועטער וויס צו טרעפן,
אים איז עס אַן אָפן בוך.
וואַרט אויף שנייען, פראָסט און רעגן,
אַז ער קרייעט פון קאַטוך.

### די הון

אייער לייגט זי— ניט פון גאָלד.
פראָסטע, פאַרן פּראָסטן פאָלק.
און זיי זיינען זייער, זייער,
זייער אייער, זייער אייער.

### אַ רעטעניש

גוט איז אים אין ווייסן פוטער,
ס'קען ניט זען אים קיין ניט־גוטער.
אָט אַזוי פאַרשטעקט אין שנייען
זיינע ווינטערן פאַרגייען.
ווער איז דאָס?
ווער?
— אַ האָז.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# זיי רופן זיך: עדת ישראל השומרונים

1.

איך האָב געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט בייצוווינען די פּסח־פייערונג אויפן הר גריזים און דער צערעמאָניאַל פון קרבן־פּסח, גענוי לויט די פאַרשריפטן פון דער תורה. הגם אין אונדזער געשיכטע האָבן די שומרונים געשפּילט אַ נעגאַטיווע און צעשטערערישע ראָליע, ווי פרעמדע, געמישטע האַלבע יידן, מינים, כותים און אַלערליי הערעטיקער, וואָס האָבן זיך מיט זיי כסדר פאַרבונדן, זיינען זיי דאָך אַ לעבעדיקער איבערבלייב פון אונדזער עבר. און אויב מיר זוכן סימנים פון אונדזערע וואָרצלען דורך אויסגראָבונגען, איז די קליינע עדה פון די נדחי ישראל אַ לעבעדיקער עדות פון אונדזערע תנכישע פּעדעם.

פאַר יידן מיט אַ טיפן געפיל פאַר היסטאָרישער נאָסטאַלגיע זיינען די שומרונישע פייערונגען אויפן הר גריזים אַ ספּעציעלע איבערלעבונג, מיט געמישטע געפילן וועגן דער עדה, וואָס האַלט זיך פאַרן „עם לבדד ישכון" און וויל גילטן ווי אַן עדת ישראל השומרונים. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פריקרע צערעמאָניע וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט מקריב זיין אומשולדיקע שעפעלעך, אייניאָריקע זכרים אָן אַ מום, ווי עס ווערט געבאָטן אין ספר שמות און וואָס אין אונדזערע היינטיקע באַגריפן גרענעצט עס זיך כמעט מיט געצנדינסט. דאָך באַציען מיר זיך מיט פאַרשטענדעניש צו אונדזערע „פאַרוואָרפענע" אַרויסגעשטויסענע ברידער אָדער האַלבע ברידער, וואָס האָבן אַמאָל געשפּילט אַ פּאָליטישע ראָליע, געציילט מער ווי אַ מיליאָן, געהאַט אַן אייגענע קולטור, געקעמפט קעגן די רוימער, ביזאַנציער און געהאַט אפילו אַן אייגענעם קעניג.

היינט ציילן די שומרונים אַרום 500 פּערזאָן. זיי וווינען אין חולון און אין שכם, פאַרנעמען זיך מיט מלאכה און מסחר; זיי שפּילן נישט קיין באַזונדערע ראָליע אָבער זיי האַלטן אָן זייער אידענטישקייט.

זייער פירער איז דער כוהן־גדול, אַ ייחוס־אַמט וואָס גייט איבער בירושה. אויבן, אויפן באַרג גריזים, געפינען זיך זייערע צייטווייליקע קליינע שטיבער און אַ טעמפּל אויפגעריכט און אָפּגעהיטן פון דער מדינה.

זיי האָבן אָבער פּראָבלעמען, צוליב דעם, וואָס זיי שרימפּן איין, הגם זיי האָבן אויך חתונה מיט יידישע מיידלעך, וואָס מוזן זיך צופּאַסן צו זייערע דינים און מנהגים. דער שומרונישער דת איז באַזירט אויף פינף עיקרים, וואָס גייען אַריין אין זייערע תפילות. 1. איך גלויב אין דיר, גאָט; 2. אין משה בן עמרם; 3. אין דער הייליקער תורה; 4. אין הר גריזים — גאָטס הויז; 5. אין אַחרית הימים — יום נקום ושלם. לויט דעם שיר אין האזינו: „הלא הוא כמס עמדי חתום באוצרותי, לי נקם ושלם." „פאַרוואָר דאָס איז באַהאַלטן ביי מיר, פאַרחתמעט אין מיינע שאַצקאַמערן, איך האַלט נקמה און באַצאָלונג" (תרגום יהואש).

די עדה טיילט זיך אין 5 קלאַנען, די ערשטע גרופּע, די וויכטיקסטע, זיינען די כוהנים. די אַנדערע הייסן: צדקה, דנפי, מרחיב און סטוגי. זיי גלויבן נאָר אין דער תורה שבכתב, און האַלטן הייליק אויך דעם ספר יהושע. זיי גלויבן ניט אין די נביאים, ווייל „לא קם נביא כמשה", און מ ש ה איז אויך דער גואל (ווי מחמד ביי די אַראַבער); זיי אנערקענען ניט די מלכים און ניט די חשמונאים, און זיכער ניט די תורה שבעל פה. זיי פייערן נאָר די ימים טובים פון דער תורה: פּסח — חג המצות, חג השבועות, ראש השנה, יום כיפור, סוכות און שמיני עצרת. זיי האַלטן ניט ירושלים פאַר זייער עיר הקודש; אין זייערע תפילות ווענדן זיי זיך צום באַרג גריזים. זיי האָבן אויך געהאַט שילן ווי מיר, ווו זיי האָבן געדאַוונט.

זיי רופן אויך דעם באַרג בית־אל לוז, (דאָס הויז פון אַלמעכטיקן גאָט), סוכות

מלאכים, אא״וו. דער הר גריזים איז פאַר די שומרונים דער באַרג פון גן־עדן (סאַלאָ באַראָן: סאָציאַלע און רעליגיעזע געשיכטע פון די יידן).

ניט נאָר האָבן די שומרונים זייערע מנהגים, זיי האָבן אויך געהאַט זייער הלכה און זיך געקענט צופּאַסן צו געענדערטע באַדינגונגען.

זיי היטן שבת און מצוות מילה, חתונות ווערן דורכגעפירט פון כהן; בר (און בת) מצווה ניט פון 13 יאָר, נאָר ווען זיי קענען לייענען די תורה. (זייערע לערערס זיינען די כהנים). אפילו ווען אַ קינד ווערט 8 יאָר ווערט עס אויפגערופן צו דער תורה און זאָגט בעל פה די פרשה „וזאת הברכה״.

זיי האָבן תפילות וואָס זיינען צוגעקומען אין שפּעטערע צייטן. ליטורגישע הימנען געשריבן פון זייערע פּייטנים, ווי דער הימן פאַרן „יום נקם ושלם״ פון פּאָעט מרקה פון 4טן יאָרהונדערט:

„ס׳איז דער טאָג פון נקמה פאַר די
זינדיקע;
דער טאָג פון אופריכטונג און
תחית המתים,
טאָג פון דעציזיע ווען די פיס וועלן זיך
גליטשן,
טאָג פון מורא, משפט און געוויין,
טאָג פון געזעץ, אמת, איינזאַמלונג,
טאָג פו באַשיצונג,
דער טאָג פון פרייד און גערעכטן
משפט.״

זיי האָבן אויך געהאַט תפילות פאַר טרויעריקע טעג פון לעבן. זייער בית־עולם געפינט זיך אויך ביים באַרג גריזים.

ווען מיר דערמאָנען זייערע ימים־טובים און מנהגים איז גוט צו באַמערקן זייער פייערן דעם יום העצמאות פון דער מדינה.

ביי דער פסח־פייערונג אויפן הר גריזים האָבן מיר אויך באַזוכט דעם טעמפּל און געזען זייער אַלטערטימלעכער תורה מיט דעם אַלט־העברעישן כתב, וואָס פאַר אונדז איז עס לחלוטין פרעמד.

זייער תורה האָט אַרום זעקס טויזנט ווערטער, אַנדערשטיק פון אונדזער תורה, מערסטנטייל אין אויסלייג און דקדוק, און אַמאָל גאַנצע זאַצן, סתירותדיקע צו אונדזער תורה. דער עיקר באַציט זיך צום אויסדערוויילטן הר גריזים. איינער פון די כוהנים האָט גערעדט צו די באַזוכער אין ענגליש, דערקלערט זייער ערליגיע און אַביסל פון זייער געשיכטע.

2.

זייער ווערסיע וועגן אָפּשטאַם פון די שומרונים איז זיך סומך אויף אייגענע כראָניקערס און איז אַנדערש פון אונדזער מסורה, וואָס שטיצט זיך אויפן תנ״ך, תלמוד, געשיכטע און מאָדערנע אויסגראָבונגען און פּאַפּירוסן.

די שומרונים האָבן פּרעזערווירט היסטאָרישע כראָניקס פון אַלטערטום וואָס איז געוואָרן איבערגעגעבן פון אַבול פּאַט, געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט). אונדזער יצחק בן־צבי איז געווען איינער פון די גרעסטע קענערס פון די שומרונים. ער האָט זיין ספר השומרונים געשריבן אויפן סמך פון דרייסיק יאָר פאָרש־אַרבעט, ספּעציעל אַרבעטנדיק מיט די שומרונים, מיט וועמען ער האָט אָנגעהאַלטן פּערזענלעכע באַציונגען און זיי געהאָלפן ווי אַ גרויסער פריינד.

(יצחק בן־צבי איז געווען דער צווייטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל).

פאָרשידענע היסטאָריקערס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פון די שומרונים, און די פאָרש־אַרבעטן גייען אָן ביז היינט. די פּראָבלעמען אין די חלוקי דעות קומען פאָר בכדי צו דערגיין, ווער זיינען אייגנטלעך די שומרונים און צי זיינען זיי אמתע יידן; ווען, און ווי אַזוי איז געקומען צו דער שפּאַלטונג, אָדער — איז דאָס געווען אַ בהדרגהדיקער פּראָצעס פון איבעררייס מיטן עם ישראל. מאָדערנע קוואַלן ווייזן אָן אַז בלויז אַ קליינער טייל יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון סנחריב קיין אשור און די מערהייט איז געבליבן אין שומרון. די קליינע צאָל עמיגראַנטן פון די כאַלדעישע שטעט האָבן זיך אַסימילירט מיט די יידן.

(A. J. Montgomery: "The Samaritans")

דאָס מיינט אַז עטניש און רעליגיעז זיינען די שומרונים אַן איבערבלייב פון מלכות שומרון.

אָבער קודם וועלן מיר אַנאַליזירן די יסודותדיקע חלוקי דעות וועגן אָפּשטאַם פון די שומרונים סיי לויט די מקורים פון תנ"ך, סיי לויט דער ווערסיע פון די שומרונים

אין מלכים ב, י"ז, ווערט דערציילט, אַז נאָכן חורבן פון מלכות שומרון (דורך שלמנאסר מלך אַשור) זיינען די עשרת השבטים פאַרטריבן געוואָרן אין די לענ־דער פון דער אַשורישער אימפּעריע און אויף זייער אָרט זיינען אַריינגעשיקט גע־וואָרן אַלערליי כאַלדעיִשע איינוואוינער פון כותה (דער נאָמען פון די כותים) פון עוא, חמת און ספרוים — צו קאָלאָני־זירן די חרובע שומרון. זיי האָבן מיט־געבראַכט מיט זיך די געצנדינערישע מנהגים און דערפאַר האָבן זיי געגלויבט, אַז דער גאָט פון דעם שומרונישן ישראל־דיקן לאַנד האָט אַלס נקמה אַנגעשיקט אויף זיי לייבן, וואָס האָבן פאַרציקט קינד און רינד. זיי האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַרן קעניג פון אַשור און יענער האָט אויסגע־זוכט אַ כהן פון די פאַרשיקטע ישראלים ער זאָל גיין קיין ארץ ישראל און לערנען די נייע איינוואוינער די דינים פון דער תורה, אין רעזולטאַט פון די ענדערונגען האָבן זיי געדינט סיי דעם גאָט פון ישראל און סיי די געטער פון זייערע היימשטעט. („את ה' היו יראים ואת אלהיהם היו עובדים"). די פראַגע איז אָבער: צי האָבן יענע כאַלדעיִשע קאָלאָניסטן באמת אַ שייכות צו די שומרונים וועגן וועלכע מיר רעדן אין דעם מאמר. די שומרונישע גע־שיכטע לייקנט דאָס אָפּ און דערקלערט, אַז אויף זיי איז געמאַכט געוואָרן אַ ביל־בול, אַז זיי זיינען אַ ממזר־פאָלק. זייער אייגענע ווערסיע דערקלערט אַז עלי הכהן (אין שמואל א) וואָס האָט געשטאַמט פון איתמר, דער זון פון אהרן הכהן, האָט פאַרכאַפּט מיט כוח די כהונה, צו וועלכער ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט, ווייל די כהונה האָט פאַקטיש געהערט צו עוזי הכהן פון דער ירושה־קייט פון פינחס בן אלעזר וועמען גאָט האָט צוגעזאָגט די כהונה צו אים און קינדער עד סוף כל הדורות.

אַלס רעזולטאַט פון די רייסערייען צווישן ביידע כוהנים האָט עוזי איינגאַנצן איבערגעריסן מיטן משכן שילה, ווו עלי איז געווען דער כוהן, און איז אַוועק קיין שכם צום באַרג גריזים מיט אַ צאָל אָנ־הענגער (דאָס ווערט ניט דערמאָנט אין תנ"ך). אין ספר דברי הימים ב' ווערט אויסגערעכנט די ירושה־קייט פון פינחס ב זאלעזר — זיין זון אבישוע, זיין זון בקי, זיין זון עוזי.

אבישוע, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון יהושע בן־נון זאָל האָבן גע־שריבן די ספר תורה וואָס איז אידענטיש מיט דער תורה פון די שומרונים, (אַזוי גלויבן די שומרונים). כראָנאָלאָגיש איז אָבער אַ גרויסער ספק צי עוזי האָט גע־לעבט אין דער צייט פון עלי הכהן.

די היינטיקע שומרונים זיינען מעגלעך די יורשים פון יענע אָפּטריניקע וואָס האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָליע ווי אַן אָרגאַניזירטע רעליגיעזע און הע־עטישע גרופּע ערשט אין די צייטן פון עזרא און נחמיה און אפילו שפּעטער אין דער תקופה פון שמעון הצדיק און די ערשטע תנאים. די ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די טענות פון די שומרונים, אַז זיי זיינען אמתע און „ריינע" יידן, אָפּשטאַמיקע פון די שבטים אפרים, מנשה און לוי, וואָס שפּעטערדיקע יידישע מנהיגים האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט, אַז דער הר גריזים איז געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר אַלערליי בונטאַרישע און רעליגיעזע קעגנער ווערט באַשטעטיקט אין יוסיפון, (דערמאָנט אין גרשום שלום — ספר הקבלה לרבי אברהם איבן דאַוד הלוי).

דער הר גריזים, אַלס רעליגיעזער צענ־טער פון די שומרונים קומט אַריין אין דער געשיכטע אַרום 200 יאָר נאָך דער ערשטער אַשורישער קאָלאָניזאַציע אין שומרון — ערשטע מיט שיבת ציון פון בבל.

אין דער צייט פון עזרא און נחמיה האָבן די עולים פון גלות בבל איבערגעלעבט פרייד געמישט מיט טרויער. עזרא דער סופר האָט פאַרגעלייענט די תורה און

אַנגעוויזן אויף די זינד פון געמישטע חתונות. אויך דעמאָלט האָט דער „מי הוא יהודי" אויפגעטרייסלט דאָס פאָלק. לויטן דין האָבן יידן זיך געמוזט צעשיידן מיט זייערע ניט־יידישע פרויען און קינדער בכדי צו בלייבן יידישע מיטגלידער פון פאָלק. דער טראַמאַטישער פעריאָד האָט ניט געקענט אויסמיידן אַ קאַטאַסטראָפע.

אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן און צעברעכן זייערע משפחות און באין ברירה האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט די שומרונים אין שכם. ניט נאָר זיינען זיי געווען גרויס אין צאָל, נאָר האָבן אויך געהאַט אַ פּאָליטישן כוח און איינפלוס. אַזוי האָט דער כהן גדול אלישיב אין ירושלים דערלויבט זיין אייניקל מנשה חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון סנבלט (סאַנבאַלאַט) דעם סאַטראַפּ פון שומרון.

ווען נחמיה איז צוריקגערופן געוואָרן פון פערסיע קיין ירושלים האָט ער אויסגעשלאָסן מנשהן פון פאָלק. מנשה איז געווען אַ כהן איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע נאָכפאָלגער אַוועק צו די שומרונים. די אויסגעשלאָסענע מיט סאַנבאַלאַטן בראש האָבן געשטערט דאָס בויען דעם בית המקדש און די מויערן אַרום ירושלים. אין זייער באַגער זיך צו פאַראייניקן מיטן יידישן פאָלק און צוליב דער דיסקרימינאַציע, האָבן זיי געמאַכט פאַלשע מסירות צום פערסישן קעניג. (אגב, ווייזט עס, אַז צוליב זייערע קינדער האָבן די גויאישע עלטערן אויך געוואָלט ווערן יידן).

נחמיה האָט זיך קעגנגעשטעלט און בשום אופן ניט צוגעלאָזט, אַז די „פרעמדע" זאָלן האָבן אַ חלק אין בית־המקדש און אין יידנטום. די אַרויסגעשטויסענע האָבן אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזשאַקטן און דאָס האָט געצווונגען נחמיהן צו אָרגאַניזירן אַ שוץ קעגן זיי, טאָג און נאַכט.

3.

שמעון הצדיק האָט אויסגעפועלט ביים קעניג ניט צו פאַרשוועכן די הייליקייט פון בית־המקדש (מיטן אַריינשטעלן זיין סטאַטוע) פאַרן פרייז פון געבן יידישע קינדער דעם נאָמען אַלכּסנדר, אַזוי האָט אויך דער פאָרשטייער פון די שומרונים אויסגעבעטן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ באַזונדערן טעמפל אויפן הר גריזים, און זיי האָבן די דערלויבעניש באַקומען.

מיטן טעמפל אויפן הר גריזים הייבט זיך פאַקטיש אָן די שומרונישע באַוועגונג. (לויט די קוואַלן פון יוסיפון און איבן דאַוד). דער היסטאָריקער סעסיל ראָט גיט אָן אַ ביסל אַ פריערדיקע דאַטע). אין דער צייט פון די ערשטע תנאים האָבן צום הר גריזים אָנגעהויבן צוצושטיין נייע אָפטריניקע.

אַנטיגנוס איש סוכו, אַ תלמיד פון שמעון הצדיק האָט געלערנט: „זיי ניט ווי דער קנעכט וואָס דינט דעם האַר זייענדיק פאַר לוין, נאָר ווי דער קנעכט וואָס דינט זיין האַר אָן לוין." (אַל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס, אלא הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס). די תלמידים פון אַנטיגנוס: צדוק און ביתוס, האָבן געפרעגט זייער רבין וואָס ער איז אויסן מיטן וואָרט „פרס", און יענער האָט געענטפערט: עולם הבא. זיי זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאָנצעפּציע, „מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט וועגן עולם הבא, און זיי זיינען אַוועק צום באַרג גריזים. אַזוי האָט דער טעמפל צוגעקראָגן נייע גייסטיקע פירער וואָס אויך די הייניקע שומרונים גרויסן זיך מיט זיי. צדוק איז געווען דער באַגרינדער פון אַ גרויסער און איינפלוסרייכער באַוועגונג „צ ד ו ק י ם" (גרעץ) וואָס האָבן געשפילט אַ גרויסע ראָליע אין דער צייט פון דער חשמונאישער מלוכה

אויך וועגן אָפּשטאַם פון די צדוקים איז ביז היינט שווער צו דערגיין די היסטאָרישע גענויקייט.

ווען יוחנן הורקנוס האָט געוואָלט באַפעסטיקן דאָס לאַנד קעגן די שכנותדיקע שונאים און געצווונגען די אדומים צו ווערן יידן, האָט ער דאָס ניט געקענט פועלן ביי די שומרונים, און דער טעמפל אויפן הר גריזים איז פאַרברענט געוואָרן. אַזוי, ווייזט אויס, איז דער פאָליטישער איינפלוס צייטווייליק טראַנספאָר־

מירט געוואָרן אין דער צדוקישער פּאַרטיי, וואָס זייער איינשטעלונג איז כמעט געווען אידענטיש מיט די שומרונים. די צדוקים האָבן אָנגעהויבן אונטערגיין נאָכן צווייטן חורבן. די שומרונים האָבן אָבער ווייטער עקשנותדיק אָנגעהאַלטן זייער אידענטיטעט. נאָך אין דער צייט פון פּאָמפּעוס האָבן זיי צוריק אויפגעבויט דעם טעמפּל אויפן הר גריזים. הורדוס האָט געמאַכט שכם פאַר אַ גריכישער שטאָט — נעאַפּאָליס (נאַבלוס).

לויט יאָזעפוס איז דער שומרונישער טעמפּל אויפגעריכט געוואָרן אין צייט פון האַדריאַן, נאָכן אונטערדריקן דעם בונט פון בר־כוכבא. די שומרונים זיינען געוואָרן מער אָפּגעזונדערט און געקעמפט פאַר זייער קיום. זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די שטאַרקע מאַכטן אפילו צו די יידן, ווען די יידן זיינען געווען שטאַרק. זיי האָבן זיך אויך געהאַלטן נאָענט מיט די צידונים (כנענים) און אין דער צייט פון די חשמונאים האָבן זיי קאָלאַבאָרירט מיט אַנטיוכס עפּיפאַנעס (יוזעפוס).

די שומרונים האָבן אָבער געהאַט אַ זכות וואָס זיי האָבן געקעמפט קעגן די רוימער אין יידישן רעוואָלט אין 67טן יאָר. טויזנטער זיינען אומגעקומען אין יענע קאַמפן. לויט יוזעפוס פלאַוויוס זיינען זיי מאַסאַקרירט געוואָרן דורך פּילאַטוסן און דערפאַר איז ער צוריקגערופן געוואָרן פון זיין אַמט.

דער קאַמף פון די שומרונים קעגן דעם בשותפותדיקן פיינט האָט ניט אָפּגעשוואַכט די שנאה צווישן זיי און די יידן. די יידן האָבן זיי אויפגעהערט אַריינצורעכענען צו אַ מנין, אָדער עסן ביי זיי ברויט און טרינקען וואַסער.

אין דער קריסטלעכער עוואַנגעליע ווערט דערמאָנט די שומרונערין וואָס האָט יעזוסן דערלאַנגט וואַסער און דער „גוטער שומרוני" וואָס איז געווען בעסער פון צדוקי און פרושי, ווען די קריסטלעכע סעקטאַנטן האָבן גאָר באַזונדערס געהאַסט, ווי היפּאָקריטן.

די שומרונים האָבן אויך פּרובירט אָנהאַלטן זייער קיום נאָכן חורבן און געליטן אַן אייגענעם גלות. זיי האָבן געהאַט זייערע גרופּן מחוץ לארץ. אין עגיפּטן האָבן זיי געבויט אַ טעמפּל, אָבער געגנוי ווי ס'זיינען פאַרשוואונדן די עשרת השבטים אין גלות אַשור האָבן אויך די שומרונים ניט געקענט געדייען אין די גלות־לענדער. בלויז אין ישראל האָבן זיי זיך מוטיק געראַנגלט פאַר זייער קיום.

## 4.

אין פינפטן יאָרהונדערט האָבן די שומרונים פאַרפאָלגט די קריסטן. אין אַ רעוואָלט אין 484, אין צייט פון דעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר זענאָן, האָבן די שומרונים מיט זייער קעניג געמאַכט אַ חורבן אין דער קירך פון סעינט פּראָקאָפּיוס אין שכם. צוזאַמען מיט די שומרונים פון קסריה האָבן זיי מאַסאַקרירט די קריסטן. דער רעוואָלט איז אונטערדריקט געוואָרן און אויפן אָרט פון דעם שומרונישן טעמפּל אויף גריזים איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאָנאַסטיר. אַ צווייטער רעוואָלט פון די שומרונים איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון אימפּעראַטאָר אַנאַסטאַזיאַס.
(Christianity in the Holy Land—Saul P. Colby)

יוסטיניאַן (529-531) האָט זיי געוואָלט צוציען און דערקלערן די שומרונים ווי אַ קריסטלעכע און ניט אַ יידישע סעקטע, אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייער גלויבן. אין די מאַכמעדאַנישע צייטן האָבן זיי געהאַט זייערע צענטערס אין עזה און קאַירא. אין די צייטן פון די מאַמלוקן האָט זיך ביי די שומרונים אַנטוויקלט אַ ליטעראַטור. אבישי (1308-1367) איז געווען אַ וויכטיקער ליטורגיסט. די כראָניקעס פון אַבול פת ברענגען די שלשלת הכהנים גדולים פון פינחס. (היינט ציט זיך ביי די שומרונים נאָך אַלץ די ירושה פון כהונה גדולה). די שומרונים האָבן דעמאָלט געהאַט געלערנטע, דאָקטוירים, וויזירן ביי דער מלוכה, נאָר זיי האָבןליידער געהעצט קעגן יידן.

ווען די אָטאָמאַנען האָבן איינגענומען ארץ־ישראל האָבן די יידן זיך נוקם געווען אין זיי, און צוליב פאַרפאָלגונגען מצד די טערקן זיינען אַ סך שומרונים איבערגעגאַנגען צום מחמדנישן גלויבן. נגישות קעגן די שומרונים מצד די אַראַבער זיינען

געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. אין 1820 האָבן די אַראַבישע מופטיס זיך געטשעפּעט צו זייער תורה אַלס פּאַלשע. די שומרונים האָבן זיך דעמאָלט געוואָנדן צו יידן נאָך הילף און דער הויפּט רב ר' אברהם חיים האָט זיי דערקלערט אַלס אַ יידישער צווייג.

צוליב די כסדרדיקע אַראַבישע פאַרפאָלגונגען בויען זיי סוכות אינעווייניק, אין די שטובן און דורך די יאָרהונדערטער איז דאָס געוואָרן אַ טראַדיציע אין יום־טוב סוכות.

יצחק בן־צבי האָט געהאָלפן אויפבויען אַ שול אין שכם. אין 1949 האָבן די שומרונים מיט דער רעכט פון עליה זיך פאַראייניקט מיט די משפחות פון שכם און פון חולון (משפחה צדקה). אויך אין 1967 זיינען אַ סך צעשפּליטערטע משפחות געוואָרן פאַראייניקט. די שומרונים דינען אין דער ישראל־אַרמיי און געניסן פריינדשאַפט פון די יידן וואָס קוקן אויף זיי ווי אַן אַלטערטימלעכער לעבעדיקע ירושה.

ס'איז צו באַוווּנדערן ווי עקשנותדיק די עדה האָט זיך געהאַלטן דורך איבער צוויי טויזנט יאָר, טראָץ אַלערליי נגישות וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען מצד די פאַרשידענע פעלקער און די שטענדיקע מלחמות צווישן די מאַכמעדאַנער, די רציחות מצד די קרייצפאַרער און די טערקן, זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין זייער קיום און מיט שטאָלץ זיך גערעכנט ווי די רעשטלעך פון די שבטים אפרים, מנשה און לוי.

### 5.

צום סוף פון אונדזער געשיכטלעכן איבערבליק ווילן מיר זיך אומקערן צו די איינדרוקן ביי דער פייערונג און צערעמאָניאַל פון קרבן פסח, דעם 14טן ניסן לויט דעם שומרונישן חשבון. אַ גאַנצן חודש פאַרברענגען די שומרונים אויפן באַרג גריזים אין הייזלעך ביז נאָך פּסח.

פון ירושלים זיינען מיר אַרויסגעפאָרן מיט אַ טור, פאַרבייגעפאָרן די תנכישע מקומות: מצפה, גבעה, רמה (רמלה) ווו שמואל האָט שאולן געזאַלבט פאַרן ערשטן מלך איבער די בני ישראל; דערנאָך בית־אל ביז שילה ווו ס'איז געשטאַנען דער משכן און ווו ס'איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צוליב דער מחלוקה צווישן עלי און עוזי.

צען מינוט פון שילה זיינען מיר אָנגעקומען אין שכם און אַרויסגעפאָרן אויפן הר גריזים.

מיר האָבן זיך אויבן געפילט גאַנץ היימיש צווישן די פריינדלעכע שומרונים און אייגענע ישראלדיקע יידן, טוריסטן און זעלנער. פאַר די געסט איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלע עסטראַדע, זיך צוצוקוקן צו דער צערעמאָניאַל. דער מזבח איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָט און בלויז די שומרונים האָבן געמעגט באַטרעטן דאָס „הייליקע אָרט”, און די געסט האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די פאַרשריפטן.

דער גאַנצער טאָג, פון דער פרי ביז נאַכט ווערט אָנגערופן „יום טבה (יום טוב) חמץ טאָר ניט זיין בנמצא. אַלע זיינען אָנגעטאָן אין ווייסן און די כהנים אין ספּעציעלע גרינע סאַלאָטן מיט רויטע הוטן און טורבאַנען. אין דעקאָראַטיווע בגדים איז געווען אָנגעטאָן דער אַלטער כהן גדול. זיי באַגריסן זיך אַלע מיט „כל שנה ואתם שלומים”—„איר זאָלט האָבן אַ יאָר פון שלום. די מיוחסדיקע כהנים באַגלייטן אַריין דעם כוהן גדול. די יוגנטלעכע פאַרנעמען זיך מיט צוגרייטן די גריבער מיט וואַסער, באַהייצטע מיט האָלץ; זיי רייניקן די שעפּעלעך און די פרויען גרייטן די מצות געמישט מיט זאַלץ לויטן דין. דער כוהן גדול הייבט אָן מיט אַ תפילה וואָס די גאַנצע עדה חזרט איבער.

אין שקיעת החמה הערט זיך בקול רם דער פסוק פון שמות: „ושחטו אותו כל קהל ישראל” און זיי נעמען שחטן די קרבנות. אין דער צייט וואָס די פרויען און יונגע מענער רייניקן די שעפּעלעך הערן זיך געזאַנגען פון יציאת מצרים פון דער גאַנצער עדה מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט עקסטאַז. אַלע קושן זיך, די פרויען טיילן כיבוד (זיי זיינען עלעגאַנט אָנגעטאָן ווי אונדזערע פרויען אין תל אביב), צום מיינסטן ווערט אָפּגעגעבן כבוד דעם כוהן גדול פאַר ווען זיי בייגן זיך און קושן די האַנט. די שטערנס באַשמירן זיי מיטן בלוט פון די געשחטענע שעפּעלעך.

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לידער

## אויף שיפן צעבראָכענע

אַוווּ זענען די טעג
וואָס צינדן די יאָרן
אין יוגנט־גאָרטן
אין פּרדס פון גליק?

זיי זענען ניטאָ:
זיי זענען אַוועק
ווי פייגל צעשראָקענע
אין האַרבסטיקע טעג.

אַוווּ זענען די טעג
פון די פרילינג יאָרן
וואָס גלויבן אין צוזאָג
פון רעגנבויגן?

זיי זענען ניטאָ,
זיי האָבן געאַנקערט
מיט שיפן צעבראָכענע
ביי אַן אָפּגעגאַרטן ברעג!

## מיט אַ פאַרשעמט פנים

1.

אַז דער דאַרער קאַפּעליוש
איז שוין מער ניט שוואַרץ
נאָר גרין
און דער הונגער עסט די נויט,
פאָטער אין הימל!
די קינדער בעטן ברויט
און איך האָב ניט:
פאַרפּוץ איך מיין דרויסן
און דער אינווייניק
בלייבט ליידיק.
— אַן אויסגעהוילט האַרץ
מיט אַ פאַרשעמט פנים
מישטיינס געזאָגט
איז מיין וועלט:
אויך אַזוי דיינע!
מכלומרשט איינגעטונקען
אין יושר.
נאָר דער אָרעמאַן איז אָרעם
און דער עושר איז עושר.
כאָטש צי זי מיט די ציין
קנעט זי מיט די באַקן
די וועלט דיינע,
איך קען זי ניט איינבייסן
דיין האַרטע זונה.
און דו יוהב חיי—
שווייגסט?

---

ביז האַלבע נאַכט זיצן זיי אין די שטיב־לעך אויפן באַרג און דערציילן די נסים פון יציאת מצרים. חצות הלילה ווערט דאָס געבראָטנס אַרויסגענומען פון די אויוונס. יעדע פאַמיליע קריגט אַ חלק, און זיי עסן מיט מצה און מרור. זיי עסן אַן מעסער און גאָפּל בכדי ניט צוצעברעכן נאָר גאַנצערהייט עסט מען עס, ווי עס שטייט געשריבן „ועצם לא תשברו בו.“ זיי עסן דעם קרבן פסח בחפזון, אָנגעטאָן, גרייט אין וועג; וואָס מען לאָזט איבער פון עסן מוז ווערן פאַרברענט. מיר זיינען אויך אַריינגעגאַנגען אין זייערע שטיבער און געשמועסט מיט זיי און געווונטשן חג שמח. מיר האָבן באַזוכט דעם טעמפּל און באַטראַכט די תורה מיט דער אַלט־העברעישער שריפט.

מיר זיינען צוריקגעפאָרן קיין ירושלים ביינאַכט ווי פון אַ חלום, אַ כישוף־פילם פון יענע חומשדיקע צייטן וואָס זיינען אונדז היימיש און דאָך פרעמד און ווייט. וואָס פאַר אַ מהלך פון צייט און גייסט. פון דעם שומרונישן קרבן פסח ביז אונ־דזער שיינעם סדר, מיט דער הגדה, מיט אונדזער אייביקן אליהו הנביא וואָס די שומרונים נעמען ניט אַריין אין זייער טראַדיציע.

רבקה קאַפּע / פּאַריז

# לידער

## שטאַרקע אָרעמס

(דאָס איבערבלייב פון מיין יונגשאַפט)

ס'איז אַזאַ שטילקייט איבער מיר,
וואָס צעשפּאַרט דעם אַרום.
אפשר אַ מינוטן־שפּרונג
פון וויזערל פריער
האָב איך געהערט
די קוקו וואַקסן...

ס'איז ניט קיין שפּילפויגל,
ס'האָט אַ מעטאַל־גאָלדיק אויגל,
ווי אַ פּאַיעטל פון האָניק
אַ צושטייער צו איר וויסן שלייער.

ס'איז מסתמא אַזוי געשען,
אַז גאָט פון דער פלאָרע
האָט — נאָך זיין באַשאַף,
דאָס באַשעפניש פאַרזען
און איך גאַף

---

2.

אַז דער דאַרער קאַפּעלויש
איז שוין מער ניט שוואַרץ
נאָר גרין
און דער שטעקן מיטן קעפּל פון צין
טאָפּטשעט אין הונגער
אַז אַלע טויערן זענען פאַרמאַכט
און אַלע טירן פאַרהאַקט
און גיין מוז מען
— כאָטש מ'קען ניט —
וואָס טוט מען? רחמנא!
יהיב חיי,
יהיב חיי!...

ווי ס'וואַקסט ספּאָנטאַן
אויך אין מיין ליד אַריין.

פלוצים האָט די שטילקייט אויפגעריסן;
אַ וויכער־גזלן האָט אַראָפּגעקאָסעט
דעם קאָלירטן פרילינג־צוויט!
וועל איך מוחל זיין
דעם ווינט אַצינד.

ס'איז אפשר עכט,
אַז יעדעס שלעכט —
האָט אַ גוטע טואונג דעריין?!

ווייל דער ווינט
שפּרייט אַ זיסן ריח אַרום דעם מענטש.

די געפילן ריטמען אין מיר;
שטעל איך זיך גלייך ווי אַ סטרונע
און איך בענטש!

## מיין פאַרלאַנג

מיין טעמפּעראַטור־פאַרלאַנג
צו זען און קענען מענטשן
איז אַ הויכער
און איך אַזוי שאַטנדיק פּיצל
און קאָן ניט דערגרייכן
דערצו!

דעריבער טרייסלט מיך אויף
אַ ווילגעפיל —
און ס'איז מיר גוט
מיט מיינע שטאַרקע אָרעמס
אַרומצונעמען
די נאַטור,
ווי אַ רעליגיעזער ייד
די ספר תורה!...

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# ארבעטער רינג?

A·R

**דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.**

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ◉ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

שמואל איזבאַן

# צירעלע, מיין קרוין...*)

(דערציילונג)

ר׳ צדוק איז געווען אַ הויכער, אַ בעל צורה. זיין איילבירט־פּנים ליכטיק ווי ביי אַ צדיק, די העלע געקאַרבטע באָרד האַרט ווי אַ באַרשט. די הלבשה ציכטיק, אָן אַ פּגם. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקן, צעצויגן ווי אַ צווייג. זיינע טונקעלע אויגן הינטער די ברילן־שייב־לעך זיינען געווען שאַרף ווי חלפים. ער האָט זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב געהערט פון דיין אומגליק, למך. דיין מומע זיסל האָט ביי מיר אָנ־געקלאַפּט אין מיטן נאַכט. האָסט פאַרדינט דעם עונש.

מלך איז געווען צעטומלט.

— כ׳וויל אַוועקזעצן אַ מנין תהילים־זאָגערס — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— מ׳דאַרף נישט קיין תהילים־זאָגערס — איז ר׳ צדוקס קול געווען שטרענג.

— צירעלע מיין ווייב ליגט אַ שלאַפע. זי דאַרף רחמים.

— מיר אַלע דאַרפן רחמים, און דער באַשעפער איז באַרמהאַרציק צו יעדן בעל חי.

ר׳ צדוקס שאַרפע אויגן האָבן מיט דער קראַפט פון אַ ווייטזעער דורכגעשטאָכן זיין חוט השדרה. ער האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט.

— קום אַריין.

אינעווייניק, אין קלויז האָט דער אַלטער שמש שוין געהאַט אויסגעווישט דעם שטויב פון ספרים אַלמער, צוגעדעקט דעם שטענדער נעבן אָרון־קודש. ער האָט אָנגעהויבן פוצן דעם מעשענעם כיור. ר׳ צדוק האָט געעפנט אַ טיר פון אַ הינ־טער־חדר און אַריינגערופן מלכן. מיט דעם צעצויגענעם שטעקן פאַרויס האָט ער געשטעלט ברייטע, פעסטע טריט, זיין גוף אויסגעשטרעקט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר מלכן ווי אַ שטומער מאַנער. כאָטש זיינע אויגן האָבן מלכן דורכגענומען ווי הייסע שפּיזן, האָט אָבער זיין פּנים געלויכטן מיט פרומער תמימות. מלך האָט באַנומען, אַז ער גייט אים אויסמוסרן.

— טו זיך אויס! — האָט ר׳ צדוק באַ־פוילן.

מלך איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער. ווי אַזוי זאָל אַ מאַנסביל זיך אויסטאָן פאַר די אויגן פון אַ צווייטן זכר? ר׳ צדוק האָט אים נישט געלאָזט זיך לאַנג קווענקלען. ער האָט אַריינגערופן דעם שמש.

— ניסן, טו אויס זיין קאַפּאָטע.

דער שמש האָט געפאָלגט און ר׳ צדוק האָט געזאָגט:

— נעם אַראָפּ זיין וועסט.

און ווי דער שמש האָט אַזוי געטאָן, האָט ר׳׳ צדוק ווידער געהייסן:

— טו אים אויס דעם טלית־קטן.

מלך האָט זיך געווערט, אָבער צדוקס שטרענגער בליק האָט ביי אים אָפּגענומען דעם ווידערשטאַנד. דער שמש האָט פון אים אַראָפּגעצויגן דעם העמד, דאָס אונ־טערלייבל. נאָך אַ רגע איז מלך געבליבן שטיין הויל אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

ר׳ צדוק האָט אונטערגעהויבן די ברילן איבער דעם שטערן. ער האָט מיט גע־ניטשאַפּט באַטראַכט מלכ׳ס גוף. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיס־קנעכלעך און געפּסקנט:

— דיין גוף האָט נישט קיין פּגימה, וואָס איז מיט דער נשמה?

מלך איז געווען פאַרשעמט. ער האָט אין איילעניש זיך גענומען אָנטאָן. ר׳ צדוק האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די ברילן איבער די אויגן. זיינע שלייפן האָבן גע־צוקט. די ברעמען זיינען אונטערגעשפּרונ־גען. אין די העוויות אויפן פּנים איז גע־ווען מער ביטול ווי איינזעעניש. ער האָט זיך אָנגערופן:

*) סוף פון פאַריקן נומער.

— אַ מענטש ווערט געבוירן מיט צוויי אויערן און איין מויל, אַז ער זאָל אַ סך הערן און ווייניק ריידן.

— כ'האָב תמיד זיך געהיט פון לשון הרע — האָט מלך געזאָגט.

— אַ מאַנסביל קען אויך אָפּטאָן שלעכטס אין דער מחשבה, מלך. ס'איז נישט גוט דעם זכר, ווען זיין ווייב איז אַן עקרה.

מלך האָט געשוויגן. ר' צדוק האָט געפרעגט:

— דערמאָן זיך, מלך, ווען האָסטו געהאַט זינדיקע הירהורים?

— די רייד זיינען אויף מלכן געפאַלן ווי שמיץ. אויב דער ערלעכער צדוק האָט אויף אים אַ חשד, מוז ער גוט נישטערן אין זיינע מעשים. זינדיקע הירהורים? ווען איז ער געשטרויכלט געוואָרן? ער האָט אויף קיין בתולות נישט געקוקט און צו קיין אשת איש נישט געגלוסט. צדוק האָט נאָך קיינעם נישט חושד געווען אומזיסט. ער איז נישט דער ריזשינער רבי, אָבער ער איז זיין לעצטער חסיד אין צפת. ער האָט די טביעת עין פון אַ צדיק. אין אַן עת צרה לויפן צו אים די פּאָרכטיקע, וואָס האָבן מורא פאַר שטראָף. ער איז אַ בוחן לבבות. ער קען אַריינקוקן אין יענעמס נשמה. קוק צוריק אין דיין עבר — האָט אַ קול צו מלכן גערעדט — אויך דער אָפּגעהיטענער ייד איז נישט ריין פון אַ מכשול. אַן עבירה איז ווי אַ שאָטן, גייסטו אים נאָך, אַנטלויפט ער, אַנטלויפסטו פון אים, גייט ער דיר נאָך. דערמאָן זיך מלך, ווען ביסטו געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נסיון?

זיינע מחשבות, געוויקלט אין טונקעלע נעצן זיינען אַראָפּגעזונקען אין דער פאַרהיילעניש און אין מוח האָט פּלוצים אויפגעטויכט אַ ווייטע דערמאָנונג ווי אַ פאַרלאָשענער בליץ.

ער האָט זיך דערזען אין הויז פון זיין פעטער גבריאל. ס'איז געווען שמחת תורה ביי קידוש און געקומען זיינען אַלע קרובים. מלך איז שוין געווען דריי יאָר נאָך דער חתונה, אָבער צירעלע האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשוואַנגערט. די פריילעכע מומע מרים, וואָס יעדער טראָט איז ביי איר געווען אַ טענצל, האָט דערלאַנגט צום טיש מאכלים און שאַרפע משקאות. די געסט האָבן געטרונקען און זיך משמח געווען, אָבער ער, מלך, האָט זיך פאַרקוקט אויף דער שיינער דינסט יוכבד, זי איז געווען אַ יפת תואר, וואָס האָט פאַרלויכטן די שטוב. נישט אַנדערש נאָר אַ קליפּה האָט זיך אין אים באַזעצט, וואָרום ווי נאָר ער האָט יוכבדן דערזען, האָט ער זי געגעסן מיט די אויגן.

אין זיין פאַרגלאָצטקייט זיינען אים באַפאַלן הרהורי עבירה אַ מאַנסבילישע לוסט האָט אין אים אויפגעפלאַקערט. די תאווה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אין דער מחשבה באַגערט זיך צו באַהעפטן מיט איר, גרייט געווען איר צו שענקען אַ פּאָר גאָלדענע אוירינגען אויב זי וועט ווערן זיין פּילגש און אים געבוירן אַ קדיש. ס'ווערט געזאָגט: אַ שטאַרקער רצון איז דער כוח, וואָס דער מענטש דערשפּירט אין דער פינצטער. ער, מלך, האָט אַזאַ רצון נישט געהאַט. די גלוסטעניש צו דער דינסט האָט אים פאַרבלענדט. איז ער אין יענער רגע אַזוי נכשל געוואָרן, אַז ס'קומט אים דערפאַר אַזאַ האַרבער עונש? און אויב ער האָט געזינדיקט אין דער מחשבה, פאַרוואָס איז די בייזע שטראָף געפאַלן אויף צירעלען?

מלך איז געשטאַנען אין זיין שפלות. ער האָט זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן צו דעם גערעכטן מאַן, וואָס קען זען אַלע פאַרהוילענישן אין יענעמס נשמה. ביי ר' צדוקן האָבן פון אומגעדולד די ליפּן גענומען בלאָזן. זיין קול האָט געמאָנט.

— קליינע עבירות זיינען די שליחים פון גיהינום, מלך, ביסטו חייב?

מלך האָט געשוויגן. ר' צדוק האָט אויסגעטאָן די ברילן און זיינע טונקעלע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווי לעמפּעלעך אייבערן איילבירט־פּנים.

— בייזע הרהורים שטאַרבן נישט — האָט ער געזאָגט — מען מוז זיי פאַרטיליקן. ווען ביסטו באַגאַנגען אַ חטא?

— כ'בין אַמאָל נכשל געוואָרן אין דער מחשבה, ר' צדוק.

— מיט אַן אשת איש?

— מיט יוכבד די דינסט.

ר׳ צדוק האָט מיט די פינגער איינגעקלעמט עטלעכע קאָרבן פון זיין האַרטער באָרד און אַ פאַרטראַכטער געקוקט אַרויף צו דער אויסגעוועלבטער סטעליע. אין דעם אַרויפקוק איז געווען די ווייטזעעוודיקייט פון אַ העלזעער, די שפּירונג פון אַ גולה עמוקות, וואָס קען אַנטבלויזן די נשמה אַ נאַקעטע. דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע. ער האָט אַנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם הכנעהדיקן מלך און זיך אָנגערופן:

— סוף מעשה במחשבה תחילה, מלך, אויב אָבער ס׳איז דיין ערשטער מכשול, וועט מען מן השמים דיר פאַרגעבן. איך טאָר אַוודאי נישט זיין קיין קטיגור, ווי ס׳שטייט: והוי דן את כל האדם לכף זכות...

דער צערודערטער מלך האָט מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט:

— ווען וועט צירעלע גענעזן ווערן? כ׳קען נישט צוזען אירע יסורים.

— זי וועט איבערקומען דאָס איריקע, — האָט ר׳ צדוק געזאָגט — כ׳זע, דיין האַרץ ווערט צעריסן פון אירע מאַטערנישן, אָבער פון דעם עונש קען אַרויסקומען אַ שכר, און דאָס, וואָס זיסל האָט מיר דערציילט וועגן די מעשי־קסמים פון אַ מכשף, איז נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש. אַן אמתער נס קען אַצינד געשען.

— אַ נס?

— דיין אומגליק, מלך, איז וואָס אין איינעם מיט דיין תאווה האָט אויפגעוואַקסט אין דיר אַ גאווה און אין דיין גאווה האָסטו זיך פאַרגליכן צו אַברהם אָבינו. אַזוי ווי ער, דער ערשטער פון די אָבות, האָסטו געמיינט, אַז ס׳איז רעכט צו קומען צו דער דינסט ווען דאָס ווייב איז אַן עקרה. ווי אַזוי האָסטו, אַ ילוד צפת, פאַרגעסן, אַז קיין זינדיקער בן־אדם טאָר זיך נישט פאַרגלייכן צו די אָבות? שרה אַליין האָט געגעבן הגרן צו אברהמען, אָבער דיין ווייב האָט דיך נישט אָנגערעדט צו דער פרעמדער דינסט. די ריזשינער מאמינים האַלטן, אַז אפילו אַ זינדיקער במחשבה אין צפת ווערט האַרבער באַשטראָפט ווי אין אַנדערע מקומות. ווי ס׳שטייט: עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים...

ר׳ צדוק האָט אַן אויפגערוימטער געקוקט אויף דעם צעטראָגענעם מלך, ווי ער וואָלט אָנגעקוואָלן פון זיין צעטומלעניש. ער האָט אויפגעהויבן צוויי האַנטפלאַכן ווי אָפענע וואָגשאָלן אויף צו מעסטן מצוות און עבירות. ער האָט געזאָגט:

— אייל זיך אַהיים, מלך, אַ בשורה וואַרט אויף דיר.

— מלך האָט אויפגעגלאָצט די אויגן:

— אַ בשורה?

ר׳ צדוק האָט געקלאַפּט מיט צוויי פינגער אויף זיינע ליפּן.

— פרעג נישט ביי דעם, וואָס די לעפצן זיינע מוזן בלייבן פאַרזיגלט. לויף אַהיים, מלך. אייל זיך, ווארום פון מיר גייסטו אַרויס אַ זכאי. געדענקסט דעם אָנזאָג פון די חכמים? וכשיהיו בעלי דין עומדים לפניך, יהיו בעיניך כרשעים, וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאים.

## ו.

אין יענעם אויגנבליק ווען צאַלאַח ראַכמאַן האָט געוואָלט זיך באַהעפטן מיט צירעלען, איז די צנועהדיקע אשה שיער נישט אויסגעגאַנגען פאַר פחד. אין אים האָט געברענט דער באַגער צו זינדן ווי אַ העליש פייער און זי איז געווען צו שוואַך זיך צו ראַנגלען מיט אים. און ווי ער איז שוין גרייט געווען צו טאָן די עבירה און ער האָט אַראָפּגעריסן פון איר דאָס קלייד, האָט פלוצים אַן אויסטערלישער כוח זיך אויפגעוועקט אין איר. כהרף עין האָט דער כישוף זיך אָפּגעטאָן פון איר און זי איז געקומען צו די געדאַנקען, ווארום דאָס פאַרמעט־קוויטל מיט דעם צויבער־שפּרוך, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ בוזים־פאַלד פון איר קלייד, האָט מער נישט באַהירט איר לייב.

באַזוועלטיקט פון בטחון האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און געלאָפן צו דער טיר. אָבער די קאַמער איז געווען פאַרשלאָסן. זי האָט געוואָלט זיך אַרויס־ראַטעווען פון דעם נואף, וואָס האָט זי געוואָלט פאַראומרייניקן. און אַ גוטער מלאך האָט איר אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אָפּצונאַרן דעם רשע, וואָס וויל נאַרן גאָט

און מענטש. זי האָט אים געזאָגט אַ ליגן, אַז זי וויל אַרויסגיין צו דער פלומפ אין הויף און וואַשן איר לייב, אַז זי זאָל זיין ריין ווען ער וועט קומען צו איר. צירעלע האָט אין יענער רגע אויסגעזען פאַרשייט. איר פנים האָט געפלאַמט מיט לוסט, זי האָט גערעדט צו אים שטיפערישע רייד און דער אַראַבער האָט אויפגעשלאָסן פאַר איר די טיר.

ווען זי איז אַן איינגעהילטע אין אַ געוואַנד אַרויס אין הויף, האָט זי דערזען אויפן מויער הענגען אַן אייזערנעם שלאָס. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער פאַרמויערטער הויף איז געווען פאַר איר אַ שטייג. נאָר אויף איין הילף האָט די פאַרלוירענע צירעלע געקענט האָפן: אַ ישועה פון הימל. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פאַרשלאָסענעם טויער און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ביי גאָט:

—פאָטער אין הימל, לייז מיך אויס פון דער קלעם! ס'איז פורים אויף דער וועלט און ניסים קאָנען געשען מיט דיינע קינדער. בעט איך דיך, האַר פון דער וועלט: אַזוי ווי אסתר האָט פאַרהיט איר שטאָלץ קעגן המנען און אָפגעראַטעוועט די יידן פון פאַרטיליקונג, אַזוי ראַטעווע מיך אַצינד, אַז מיין לייב זאָל נישט געשענדט ווערן און מלך מיין מאַן זאָל צוליב מיר נישט שטאַרבן פון חרפה.

אַ געדירטע פון אירע ערשטע געבעטווערטער האָט זי זיך ביטער צעוויינט און ווידער מתפלל געווען:

—רבונו של עולם, געדענק ווי איך האָב דיך אַלע טעג מיט מיין גאַנצן האַרצן געדינט! געדענק מיינע מעשים טובים און מיין צדקה און זיי מיך מציל פון דעם רשע, ער זאָל מיך נישט מטמא זיין, ס'איז היינט אַן עת רצון און דער זמן פון פרייד ביי יידן. האַר פון דער וועלט, האָב רחמנות אויף דיין אָרעמער דינסט און טו מיט איר גנאָד. באַווייז אַ נס, אַז כ'זאָל אַנטרינען פון דעם אומריינעם נואף, וואָס וויל מיר אָנטאָן שאַנד.

צפת איז אַ שטאָט פון ניסים און צווישן אירע מויערן געשעען אין יעדן דור וווּנדער. די זקנים פון אַלטשאָט האָבן שפעטער דערציילט, אַז גאָט האָט צוגעהערט צו איר געוויין און אַראָפגעשיקט אַ שטורעם־ווינט, וואָס האָט צעטרייסלט די מויער אַרום הויף. ווי צירעלע איז געשטאַנען מיט אויסגעשפרייטע הענט צום הימל און אירע אויגן זיינען געווען געווענדט צום מויער, האָט דער ווינט אַ פאַטש געטאָן איבער איר לויטער פנים, אַז זי איז אינגאַנצן פאַרבלענדט געוואָרן. זי האָט פלוצים דערזען אַ גרויסן שפאַלט אין עק מויער. דער ווינט האָט צירעלען אַ שלעפ געטאָן צו דער געשפאָלטענער וואַנט, און דאָס, וואָס איז נישט צו גלויבן, איז געשען. פון דעם שפאַלט איז געוואָרן אַן עפענונג, גענוג גרויס, אַז אַ מענטש זאָל דאָרט קענען דורכגיין. אין איין אויגנבליק איז צירעלע געווען אויף יענער זייט מויער און מיט אימפעט גענומען לויפן איבערן אָפענעם וועג.

זי איז געלאָפן און געלאָפן אָן אָפשטעל. די פיס זיינען ביי איר געווען גרינגער ווי ביי אַ גאַזעל. דער ווינט האָט זי געטראָגן ווי אויף וואָלקנס און איידער זי האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, איז זי געשטאַנען אויף אַ הויכן, ליכטיקן באַרג. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז דערגאַנגען צום סוף פון דער וועלט. די נאַכט האָט זיך געלאָשן, די שטערן זיינען אויסגעגאַנגען און ס'האָט געשאַרעט אויף טאָג. צירעלע האָט געקוקט צוערשט צו די הייכן און דערנאָך אַראָפ אין די נידערונגען, וווּ עס האָבן זיך געוויקלט די שיידוועגן. די צונויפגעקניפטע צפת איז געלעגן איינגעקלעמט צווישן טאָלן און געטרעפלטע בערג. ווינטן און שיטערע נעפלען האָבן די באַרג־שטאָט איינגעהילט. פון דער ווייטנס האָבן די שפיצן און קאַנטן פון הר עצמון זיך אַרויסגעשניטן ווי אַ ריזיקער קעמל־האָרב.

ווען זי איז צוריק אַראָפגעקומען אין די ענגע געסלעך, האָבן אין איר זכרון מיטאַמאָל אויפגעוואַכט פאַרגעסענע געשעענישן. יענע טעג, ווען זי האָט זיך פאַרקנסט צו מלכן האָבן אויפגעהעלט פאַר אירע אויגן. דער יונגער מלך אַ חתן, זי אַ כלה. ער אַן ערלעכער וויל־לערנער, זי אַ שעמעוודיקע בתולה. פון הימל האָט מען זיי צונויפגעפירט. אויס גרויס ליבשאַפט האָט מלך גערעדט צו איר בלויז

צערטלעכע רייד. צירעלע מיין קרוין — האָט ער זי גערופן, אָבער אין הויז האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. איר טאַטע, ר׳ יחזקאל, אַ בעל נכסים, איז באַשטאַנען אויף אַ נגידס זון פאַר אַן איידעם. צירעלע האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם שיינעם, איידעלן מלך. דער טאַטע דער כעסן האָט געשריגן אַז פאַר זיין שיינער בת יחי״ה שטייט אָפן די וועלט, אַז זי האָט פאַרדינט אי תורה, אי גדולה. צירעלע האָט גע־ווינט, אַז זי וועט אַנטלויפן פון הויז, נע־מען חופה ביי אַ מורה הוראה אין טבריה און גיין וווינען מיט מלכן אין אַן אָרעם שטיבל.

ווען יחזקאל דער נגיד האָט דאָס פאָרל צעשיידט און צירעלע איז פון בענקשאַפט קראַנק געוואָרן, האָט די שטילע מאַמע פאַרבראָכן די הענט. דער בייזער טאַטע האָט געוואָלט זי איבערבעטן מיט מתנות, אָבער זי האָט די געשאַנקען נישט אָנגענומען. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט צירעלע באַהאַלטענערהייט אַרויסגעשיקט די דינסט מיט אַ קוויטל צו איר חתן: „מלך מיין טייערער, האָט זי געשריבן, היינט האָט דער טאַטע מיר געבראַכט אַ מתנה, אַ פאָר גילדענע אויערינגען פון דמשק. כ׳האָב דאָס געשאַנק נישט אָנגענומען, אַ צייכן, אַז כ׳וועל אים נישט מוחל זיין די שפיכת דמים וואָס ער האָט דיר פאַרשאַפט.״ אויף צומאָרגנס האָט זי גע־שיקט אַ צווייט קוויטל: „טייערער מיינער, נעכטן אין באַגינען האָב איך זיך ווידער אויפגעכאַפּט מיט דער אויסדוכטעניש, אַז דו שטייסט הינטער מיין טיר ווי אַ פאַר־טריבענער בעטלער... דער טאַטע איז גע־וואָרן אויס בעל־גאווה. ער האָט צוגעזאָגט מיך מיטצונעמען אויף פסח קיין ירושלים... כ׳האָב אים געשטעלט אַ תנאי: ירושלים מיט דיר, אָדער כ׳בלייב אַליין אין צפת... ער איז געבליבן ביי זיין עקשנות.״

צירעלע האָט ווייטער געשפּאַנט אַ פאַר־טראַכטע. די דערמאָנונגען פון יאָרן פרי־ער האָבן פאַרבייגעפלאַטערט אַזוי ווי פליגלען פון מלאָכים אין ווינט. זי האָט געבראָכן דעם טאַטנס עקשנות. זי איז געגאַנגען צו דער חופה מיט מלכן, אָבער וויפל זי האָט זיך דאָס אָנגעליטן! וויפל צער האָט דער טאַטע איר פאַרשאַפט! פון שרעק, אַז זי וועט ווערן פאַרזעסן איז זי שיער נישט אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. אין זכרון האָט ווידער אויפגע־טויכט דער טאָג, ווען זי האָט געשריבן צו מלכן: „ערשט היינט הייב איך אָן צו באַנעמען דעם זין פון מיין געטריישאַפט צו דיר און כ׳פאַרשטיי ערשט וואָס עס מיינט ליב האָבן אַ מאַן. ווי אַזוי איז עס געקומען, אַז כ׳זאָל אַוועקשענקען מיין האַרץ גראָד דיר, מלך? קינדווייז האָב איך זיך געשראָקן צו קוקן אויף אַ יינגל. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז כ׳בין אַ גע־פרוירענער שטיין. ווען כ׳בין עלטער גע־וואָרן, האָב איך מורא געקראָגן פאַר אַ דרייסטן מאַנסביל. ס׳האָט מיך קיין מאָל נישט געצויגן צו די יינגלעך אין שול־גאַס אַזוי ווי מיינע חברטעס, אָבער די קלוגע ווייבער האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז ווען כ׳וועל אַמאָל ליב קריגן אַ מאַן, וועל איך אים ליבן ווי אַ פלאַם־פייער, מיט מיין גאַנצן ברען, מיט מיין האַרץ און נשמה... ס׳איז אַזוי געשען, מלך, מיט דיר געשען...״

וואָס נאָך איז אין יענעם בריוו געשטאַ־נען? צירעלע האָט זיך אַ ריב געטאָן דעם שטערן. יאָ, זי האָט געהאַט אין דעם בריוו געשריבן: „נעכטן זאָגט צו מיר דיין שלויע מומע זיסל; ס׳איז ווינציק אַז מען האָט אַ חתן, צירעלע. מ׳דאַרף אויך זאָרגן אַז ער זאָל מיט דער כלה שטיין אונטער דער חופה... איך צייל שוין די חדשים, די וואָכן, דעם טאָג ווען מירן ווערן מאַן און ווייב, מלך. פאַר איין זאַך שרעק איך זיך נאָר, טאָמער וועל איך זיין אַן עקרה...״

צירעלע האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן ווי זי וואָלט אַראָפּ־גענומען אַ הייטל. דאָס, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז געשען. גאַנץ האַלט שוין אַזוי פיל יאָרן פאַרשלאָסן איר טכאַרט. נאָך איין פאַרלויפעניש איז אויפ־געגאַנגען אין געדעכעניש: די חופה־נאַכט, ווען זי און מלך זיינען געשטאַנען אין יחוד־שטיבל. צירעלע איז אַריין אין אַ זייטיקן אַלקער און אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די קליידער. זי האָט אָנגעטאָן אַ לאַנג ווייס העמד, אויסגעהאַפטן אַרום נאַקן מיט שפיצן און קרוינדלעך. אויס מורא, אַז זי זעט אויס צו פאַרשייט האָט זי זיך

איינגעהילט אין אַ ראָזלעכן זיידענעם שלאָפמאַנטל. די פּיס האָט זי אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר באַגילדטע לעטשלעך אויף הויכע קנאַפּלען, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום וואַנט־שפּיגל און באַטראַכט איר אָפּבילד. וועט זי געפעלן ווערן מלכן? דאָס פּנים איז געווען פריש און צאַרט, די רויטע ליפּן פייכט, אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט יענעם שטילן ליכט וואָס שיינט אַרויס ביי פאַרבענקטע מיידלעך מיט אַ לאַנג דערשטיקטער לוסט געליבט צו ווערן. אַזוי איז זי אַקעגן געגאַנגען דעם שעמעוודיקן מלך.

אַלע דערמאָנונגען זיינען פלוצים אויסגערונען. צירעלע האָט זיך דערזען צווישן די געסלעך, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט ווי טרעפּ צופוסנס די שפּיציקע בערג. זי איז צוריקגעלאָפן אַהיים, אַ געראַטעוועטע פון שאַנד און מלך וועט אפילו זיך נישט דערוויסן וואָס ס'איז זיך מיט איר פאַרלאָפן. אַן איינזאַמער זיצט ער מסתמא אין זיין חדר און וווּנדערט זיך: ווי אַזוי האָט זי, וואָס האָט אים ליבער ווי איר אייגן לעבן, געקענט פאַרשווונדן ווערן אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט? אָבער צי קען זי דען נישט איר גוטן מלך? ווי נאָר ער וועט זי דערזען אין טיר, וועט ער אַ גליקלעכער איר אַקעגן לויפן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: צירעלע מיין קרוין!

דער אימפּעט האָט זי געיאָגט פאָרויס, אָבער ווען זי איז אַריינגעקומען אין דער וועבער־גאַס און דערזען פון דער וויטנס איר הויז, זיינען אירע טריט געוואָרן לאַנגזאַמער גלייך אַ שוואַכקייט וואָלט איר באַפאַלן. די זון האָט שוין געפלאַמט הויך אין הימל. שיטערע וואָלקנדלעך זיינען געשווומען אין די בלויע הייכן, די וועלט האָט זיך געבאָדן אין ליכט, אָבער צירעלען האָבן הענט און פיס געציטערט. וואָס נענטער זי איז צוגעקומען צום הייזל, אַלץ שטאַרקער האָט איר גוף זיך געוואַקלט.

ווען זי איז שוין געשטאַנען פאַר דער שוועל פון איר דירה, איז זי אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטע. דאָס בלוט פון איר פּנים איז אויסגערונען. די אויגן זיינען געוואָרן פאַרגליווערט ווי ביי איינער, וואָס האָט געקראָגן די פאַליקע. אַ שכנה, וואָס האָט זי דערזען ליגן אָן אויסגעצויגענע, האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. די צוזאַמענגעלאָפענע וויבער האָבן די שלאַפע צירעלע אַריינגעטראָגן אין הויז און אַרויפגעלייגט אויפן בעט.

## ז.

ווי נאָר מלך איז אַרויסגעלאָפן פון ריזשינער קלויז, איז דער צוריקוועגס אַזוי ווי איינגעשרומפּן. די וועגן זיינען איינגעלאָפן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די הייכן פון צפת, וווּ ס'איז אַרומגעגאַנגען דער אר"י הקדוש מיט זיינע תלמידים, קען יעדער מאמין זוכה זיין צו קפיצת הדרך. אין זיין אימפּעטיקער איילעניש איז די ריפּסענע קאַפּאָטע זיך צעפלויגן. די שוואַרצע גלאַנציקע באָרד האָט געפלאַטערט. זיין גאַנצע מראה האָט אויפגעלויכטן און דער טרויער פון די אויגן איז אויסגעווישט געוואָרן. דאָס האַרץ איז שווער געוואָרן פון דער משא פרייד. נישט אַנדערש נאָר אַ מלאך האָט אים אין באַגינען אָנגענומען ביי דער האַנט און אַראָפּגעפירט צום ריזשינער קלויז. צי איז ר' צדוק באַוועלטיקט פון דעם רוח הנבואה, אַז ער האָט געקראָגן דעם כוח צו פאַריאָגן זיין יאוש און אַריינבלאָזן אין אים בטחון?

ער איז אַרויס אויף אַ ברייטן שליאַך. פון ביידע זייטן וועג האָבן שמאָלע שטעגן ווי אָדערן זיך געצויגן צווישן די באַרג־הייכן. די זון אַ צעפלאַמטע האָט זיך שוין אַרויסגעהויבן איבערן הימל־אויסבויג. פייגל האָבן געזונגען די שירה פון מלאָכים. די ליכטיקע צפת האָט געקלעטערט איבער די הייליקע בערג. אירע געסלעך און מערק זיינען געווען צעוואָרפן פון חדווה, ווי אָפּגעזונדערטע ישובים. מלך האָט אָנגעקוואָלן. די וועלט האָט זיך געטונקט אין קדושה, זיך געבאָדן אין טהרה.

פלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז צייט צו דאַווענען שחרית, אָבער ער האָט נישט געהאַט מיטגענומען טלית און תפילין. די

זאָרג נישט צו פאַרשפעטיקן ס׳דאַוונען האָט אים געטריבן פאָרויס. אין דעם היינטיקן טאָג האָט ער באַדאַרפט אָפּבליבן אין דער מקובלים־ שטאָט. אייג אר״י. צוויי שולן פונעם אר״י זיינען געבליבן אין דער מקובלים־שטאָט. איין פון די אַשכנזים ביים אַריינגאַנג צו דער נידעריקער שטאָט, די צווייטע פון די ספרדים, דער בית הכנסת של האר״י השחור, וואָס שטייט ווי אַ מויער און פאַרמאַכט די אַלט־שטאָט. אין אַלע צייטן קומען יידן בעטן אויף ישועות אין דער ספרדישער שול, וואָס קוקט אַריבער צום אוהל פון אר״י אויפן אַלטן בית־עלמין. מלך האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ער וועט דערזען צירעלען אַ גענעזעגנע, וועט ער אַריינלויפן אין דער אַלטער שול. דאָרט וועט ער אויסגיסן זיין האַרץ צום פאָטער אין הימל. דאָס מקום קדוש איז אַזוי טייער ווי דער משכן. דער אַלטער שמש, וואָס שייערט אָפּ מיט אַ באַרשט יעדן פרייטאָג פאַרנאַכט דאָס אָרט ווו די הייליקע פיס פונעם אר״י זיינען געשטאַנען, אים וועט ער באַלוינען מיט אַכצן זילבערנע מטבעות ווי אַן ערדישער שכר פאַר אַ צולאָג צו זיין חלק עולם הבא.

מלך האָט זיך דערנענטערט צום אויבסט־מאַרק. ער איז פאַרביי אַ נידעריקע ליימענע מויער. פאַרן טויער פון אַן אָפענעם הויף איז געזעסן אַ זקנה מיט אַ קאָפּ צעקנאָדערטע גרויע צעפלעך. זי האָט געהאַלטן צווישן די קני אַ געשאָכטענעם עוף און אויסגעצופט די פעדערן.

ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַראַבישער קצב, הויך ווי אַ מויער, האַרט ווי אַ פעלז. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אויפן נאַקעטן חלף, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אינעם בויך־באַנד. ער האָט געהאַט דאָס געשטעל פון אַ גרויזאַמען תליון. אין זיין פאַרשוואָלענעם פנים, אין די האָריקע הענט, אפילו אין זיינע שפרייזן איז געווען די רציחה פון אַ וועג־רויבער. אַן איינגעבויגענער וואַסער־טרעגער האָט דורכגעשלייכט מיט אַ לאָגל אויף די אַקסלען. פון דער סופר־גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס טויבע קלינגעריי פון אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען.

מלך האָט דערזען ביים עק מאַרק אַ צוזאַמענלויף. ס׳האָבן זיך געהערט קולות.

— אָט איז סענדער!

— סענדער דער משוגענער!

— וועמען לויפט ער שעלטן אַזוי פרי?

אַ צעפליישטע יידענע מיט אַ בויך, אָנגעשוואָלן און שלאַבערדיק פון צופיל קינדער האָבן, איז אַרויסגעלאָפן פון אַ שפייזקראָם. זי האָט געשטופט מיט איר פאָרנט די אָנגעלאָפענע מאַנסלייט און געשריגן:

— וואָס ווילט איר פון דעם אָרעמען סענדער? ס׳אַ העזה צו שפעטן פון אַ קראַנקן ייד. און אַז ער איז גערירט אויפן קאָפּ, האַ? קיינער קען אייך נישט פאַרזיכערן, אַז היינט מאָרגן וועט דער שכל ביי אייך נישט אויסרינען... יעדער איינער פון אייך קען ווערן אַ סענדער. די צפתער למדנים געדענקען נאָך גוט זיין שאַרפן מוח. מיט אַ יאָר צוריק האָט ער אין לערנען זיך געקענט פאַרגלייכן מיט אַלע דיינים און ראשי ישיבה פון שטאָט.

אין דעם געדרענג, אַרומגערינגלט פון אַ רעדל ליאַרמענדיקע יידן און נייגעריקע אַראַבער, איז אַרומגעשפרונגען אַ קליין מענטשעלע מיט אַ גלאַטיק פנים פון אַ טומטום. ער איז געווען איינגעצערט, ווינציק אין מאָס, אָנגעטאָן אין אַ שווערן לייבסערדאַק, אויפן קאָפּ אַן אויסגעקראָכענער שטריימל ווי אַן אויסגעצופטער ווידל. זיינע רויטע אויגן האָבן געברענט ווי פייער. דער מטורף איז אַרומגעשפרונגען אין אַ קרייז און געטריבן פון זיך דעם אָנלויף.

— אַוועק אורחא־פרחאניקעס! אַנטלויפט שטעקל־דרייערס, האָקוס־פאָקוסניקעס... פאַר אַ הקדש־זיצער האָט איר מיך געמאַכט. פאַר אַן אורח ביי פרעמדע טישן. און איר אַליין, עולם־הזהניקעס? איר ליידיקט אויס די צדקה־פושקעס! פאַלשקייט האָט ליב שותפים און איר מאַכט מיט די כולים אַ חלוקה פון דער קצבה. אַוועק שנאָרערס, און נעמט מיט ישמעאלס אייניקלעך! אַנטלויפט מנוולים!

אַ צערייצטער האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם לייבסערדאַק, אַ שליידער געטאָן צו דער ערד דאָס שטריימל. ער האָט געביילט די פויסטן און געמאַכט קולות.

— ס'וועט אײַך נישט געשאָנקען ווערן, סדום ועמורהניקעס! פאַר אַ פּרוש האָט איר מיך געמאַכט, די אשה פון מיר אָפּגערעדט. וואָס בין איך בײַ אײַך, אַ סריס? מענטשן מײַנע ליבע, זעט נאָר ווער ס'וויל אָפּהיטן די קדושה פון צפת! לאָזט בעסער צורו סענדערן און זײַט בודק צי די דײַנים גלוסטן נישט צו פרעמדע ווײַבער. פאָרשט נאָך בײַ די נשים צדקניות צי זײ היטן אָפּ די טהרה און ס'נידהשאַפט! אוי, אוי, אַ פאַרפּלייצעניש אין אײַערע געהירן! אַן ערדציטערניש אין אײַערע בײַכער!

מלכן איז געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן. אין מיטן צפתער מאַרק לויפט אַרום דער משוגענער סענדער ווי אַ באָרוועסער נביא און שעלט די גאַנצע עדה. צי האָט מיט אַזעלכע קללות אויך געפלוכט עמוס, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די רײַכע שרים און אונטערגעקויפטע שופטים? מלך איז אַרויס פון מאַרק און זיך פאַרנומען מיט אַן אָפּגעליידיקטער גאַס. אָבער דער צאָרנדיקער סענדער איז נישט אָפּגעטראָטן פון זײַנע אויגן. נישט נאָר ער, מלך טראָגט אַן עונש, אויך דער אומגליקלעכער ייד אין מאַרק מוז אָפּקומען דאָס זײַניקע. פאַר וואָסער חטא איז סענדער באַשטראָפט געוואָרן? און אפשר שרײַט פון אים אַרויס אַ גערעכטער צאָרן? ס'איז אים געקומען אויפן זינען אַן אַנדער שפּרוך: פאַלשקייט לויפט פאָרויס און דער אמת קומט נאָך הינקענדיק...

די געדאַנקען האָבן מלכן צוריקגעפירט צו זײַן זיידע אלימלך, וואָס איז מיט הונדערט יאָר צוריק עולה געווען מיט אַ הייפל ריזשינער חסידים. אויך ער האָט געהאַט ביטערע תרעומות צו דער עדה. דער ריזשינער רבי אַליין האָט אים באַפוילן זיך צו באַזעצן אין צפת. ער איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, קריעה בליעה. די ערשטע צײַט האָט ער געהונגערט, אָבער די כוללים האָבן אים נישט געוואָלט אויסטיילן חלוקה. אין צפת האָט געלעבט אַ רײַכער ריזשינער חסיד, ר' ירוחם, האָט ער איין מאָל אַ פרעג געטאָן דעם יונגן אלימלך צי ער האָט שוין אויפגעמאָנט בײַ די ממונים חלוקה־געלט. אלימלך האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, אַז ער האָט געמאָנט, אָבער זיי גיבן נישט. לויט די תקנות, טענהן זיי, גיט מען נישט קיין שטיצע צו אַ נייעם עולה. האָט ר' ירוחם אַ צעקאָכטער אַ כאַפּ געטאָן אלימלכן פאַר דער האַנט און איז מיט אים אַוועק צו די ממונים. ער האָט זיי גראָד געטראָפן אין מיטן אויסציילן די מטבעות פון די צדקה־פּושקעס און זיך צעשריגן: „פאַרוואָס ווילט איר נישט געבן חלוקה צום ריזשינערס באַליבטן חסיד?" האָבן זיי מיט חוצפּה געענטפערט: „אַזוי און נישט אַנדערש וועט עס זײַן, ר' ירוחם! מיר האָבן אַ תקנה נישט צו געבן קיין חלוקה צו איינעם, וואָס וווינט נאָך נישט קיין צוויי יאָר אין צפת." האָט ר' ירוחם אויפגעהויבן זײַן קול נאָך העכער: „דער רבי זאָל לעבן, ער בכבודו ובעצמו האָט אַהער געשיקט דעם יונגנמאַן און איר ווילט אים פאַרלייקענען די חלוקה? איך שרײַב שוין הײַנט אַוועק אַ בריוו צום ריזשינער און דער רבי שיחיה וועט פון אײַער גאַנצער חלוקה מאַכן אַש און פאָרעך."

דערהערט ר' ירוחמס געבייזער זײַנען די ממונים געוואָרן ווייך ווי די לעמער און האָבן כהרף עין באַשטימט פאַר דעם זיידן אַ בכבודיקע שטיצע — דרײַ טערקישע לירעס אַ יאָר. דער זיידע האָט געדונגען אַ דירה און חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן אַ דרדקי מלמד און געעפנט אַ חדר. ער האָט מרביץ תורה געווען און אויפגעשטעלט אַ דור לומדים און די גאַנצע עדה האָט זיך געשפּיגלט אין דעם ירא שמים, וואָס האָט באַשײַנט צפת. אין אלימלכס משפּחה איז געווען אַ גערעטעניש אויף טעכטער און דאָס האָט אים געשראָקן. ביז צום סוף פון זײַנע טעג האָט ער זיך געזאָרגט, אַז זײַן שטאַם זאָל נישט אָפּגעהאַקט ווערן און ער האָט נאָכאַנאַנד מתפלל געווען, אַז זײַן זונס ווײַב זאָל געבוירן אַ זכר און דער זון נאָך אים זאָל אויך ברענגען אויף דער וועלט אַ זכר, אַז ס'זאָל נישט אָפּגעטאָן ווערן זײַן זאָמען און ס'זאָל בלײַבן נאָך אים אַ נין ונכד.

דער שוויגער ווערט צעטראָטן און דעם מאָנער פאַרגיטיקט מען — איז מלכן דורכגעלאָפן אַ מחשבה. פאַרטראַכט ווי ער איז געוועזן, האָט דער מוח פון דעסט־

וועגן געשפּריצט מיט פונקען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּגיין פון אַ זאַמד־שיפּוע ווי ס'זיינען אים אַקעגן געקומען אַ פּאָר באַלאָדענע אייזלען, אונטערגעהעצקעט פון אַ פוילן פּעלאַך. ס'איז אָנגעריטן אויף אַן אויסגעפּוצטער פ ר ד ה, אַ געוויקסיקער עפענדי מיט אַ שמאַלץ־בויך. אויף דער שוועל פון אַן איינגעבויגן הייזל זיינען געזעסן אַ פּאָר אַראַבישע זקנות, זייערע קעפּ איינגעוויקלט אין טונקעלע פּאַטשיילעס ווי ביי פּאַרצייטיקע קלאָגווייבער.

ער איז אָנגעקומען צום אָפענעם שאָסיי, וואָס האָט זיך געקאָלערט אַראָפּ אין אַ טאָל מיט צונויפגעקנוילטע געסלעך. אין איינער פון יענע געסלעך איז געשטאַנען זיין שטוב. ער האָט געוואָרפן בליקן אַרום זיך. די צעוואָרפענע צפת איז ווידער געלעגן אויף באַרג־שטאָקן, פּערציק איילן העכער פון דער עדדפלאַך. מלך האָט אַן אויפגעהייטערטער געקוקט אויף גאָטס ליטערער וועלט. איבער אים איז געהאָנגען אַ בלויער הימל, אַ ליכטיקע זון. הינטער אים אַ ווינט, וואָס האָט אונטערגעיאָגט זיין גאַנג און אים געטריבן גיך, גיכער צו דער שלאַפער צירעלע.

וואָס פלינקער ער האָט זיך דערנענטערט צו זיין שטוב, אַלץ מונטערער איז געוואָרן זיין געמיט. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט און ער האָט זיך דערמאָנט אַ לויבגעזאַנג פון כנסת ישראל: שמש אחת במרומים ושיר אחד ללב, ואין שני... איין זון אין די הייכן און איין ליד אין האַרצן און נישטאָ קיין צווייטס... די שפּרייזן זיינען געוואָרן גרעסער, די חדווה שטאַרקער וואָס באַלד וועט ציעלרע אַליין אים אַקעגן גיין. אויב ר' צדוקס טרייסט איז אמת, דאַרף צירעלע אַ געזונטע אים אָפּוואַרטן אויף דער שוועל. ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, אָבער ער איז געשטאַרקט געוואָרן פון זיין אייגענער הבטחה. זי וועט ווערן מעוברת, זי וועט געבאָרן. צי איז דען די הבטחה פון די מלאכים צו שרהן נישט מקוים געוואָרן?

פאַרן אָפענעם הויף איז געשטאַנען אַ רעדל ווייבער און געפּילדערט. דערזען אָגקומען מלכן, זיינען זיי אים אַקעגן נע־

לאָפן מיט שיינענדיקע פּנימער, אים אָנגעזאָגט:

— האָסט אַ געפונען ווייב, מלך.

— געלויבט דער אויבערשטער! זי איז שוין איבערגעקומען ס'ערגסטע...

פונעם רעדל האָט זיך אַרויסגערוקט די מומע זיסל מיט הינקענדיקע טריט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ שטאָלצע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי האָט געטראָגן אַ ברייטן פאַרטוך, די אַרבל זיינען געווען אַרויפגעשאַרצט איבער די עלנבויגנס ווי ביי אַ הייבאַם וואָס מאַכט אַ וואַרע אַרום אַ געווינערין. זי האָט איין קוק געטאָן אויף דעם צעיאַכמערטן מלך און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין.

— ביסט צוריקגעקומען אין דער ריכטיקער שעה! — האָט זי אַ זאָג געטאָן — צירעלע איז באַלוינט געוואָרן פאַר איירע ביידנס יסורים...

מלך, אַ צעטומלטער, האָט נישט באַנומען אירע רייד. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר, געוואָלט אַריינלויפן אין הויז, אָבער זיסל האָט מיט אַ שלעפּ ביים אַרבל אים פאַרהאַלטן. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט דעם סודותדיקן בליק פון אַן אַלצוויסערין, וואָס האָט ערשט אַנטפּלעקט דאָס גרעסטע פאַרהוילעניש. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— צירעלע איז מעוברת!

מלך איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. זי האָט אַ לאַכעדיקע אים געשטופּט אין דער אָפענער טיר.

— אַצינד גיי אַריין און שטעל זיך דאַווענען. בעט ביים באַשעפער זי זאָל דיר געבערן אַ קדיש.

ז

ער איז אַריין אין הויז און אַרויסגעכאַפּט פון דער שראַנק טלית און תפילין, דערנאָך האָט ער אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעשלייכט אין שלאָפצימער און זיך געשטעלט נעבן צירעלעס בעט. נישט קיין חולה מסוכן איז געלעגן אויף די ווייכע געוואַנדן, נאָר אַ צעשטראַלטע בת מלכה. דאָס אײדעלע פּנים איז געווען לייכט פאַררויטלט, די ליפּן האַלב צעעפנט. אירע ליכטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט שטומער ליבשאַפט.

די שלאַפקייט איז אַוועק, ס'איז געקו־

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

## דער ענטפער

ווען מיר קומען צום געגאַרטן אָרט
וואָס האָט געדאַרפט אַנדערש זיין,
ווייסן מיר נישט וואָס צו זאָגן:
ווו איז פאַרווירקלעכט דער שפּאַס
פון אַן ערד־ציטערניש?
. . . . . . . . . . .
געבליבן איז אַ ריס אין דער ערד;
פון אַלע זייטן
פאַלט אַלץ אין אָפּגרונט —
ווי ברוכוואַרג ווערט געשמעלצט.

און ווען עמעצער וויל וויסן,
ער באַקומט דעם ענטפער
ביים קוקן אין די טיפן.

## מיטן זעלבן פּלאַם

ווען די נעצן אין ים־פּייזאַזש
צערייסן די אינגעווייד,
פאַרשווינדט דער מיראַזש
געשפּונען אין ליידן.

די אויבערפלאַך ווערט בלוטיק־רויט
און באַפלעקט די פישערהענט —
דער פאַנג ברענגט ברויט
און ווערט נישט פאַרשווענדט.

אין פרימאָרגן־מיראַזש
פאַרוואַרפן די פישער אין ים

---

מען אַ סוף צום עונש. פאַר אים איז געלעגן אַ פרישע, רייפע צירעלע, וואָס איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. ער האָט פּלוצים זיך דערמאָנט ווי די מאַמע רחל האָט אויסגעטראָגן אירע יסורים, איידער זי האָט געבוירן איר בן אוני, בנימין. יאָ, רחל האָט אויך נישט געוואָלט בלייבן אַן עקרה. לאַנג איידער גאָט האָט זי געבענטשט מיט דעם בכור יוסף, האָט זי געוויינט פאַר יעקבן: הבה לי בנים, ואם אַין מתה אָנכי... גיב מיר קינדער, אַז נישט שטאַרב איך... פאַרוואָס פאַרגלייכט ער צירעלען צו רחלען? צי האָט ר׳ צדוק אים נישט געוואָרנט, אַז אַ זינדיקער בן אָדם טאָר זיך נישט פאַרגלייכן מיט די אָבות און אמהות. אין מלכן איז אויפגעגאַנגען אַן עקשנות, טראָציקייט. ער מעג יאָ פאַרגלייכן! צירעלע איז ריין און צנועתדיק אַזוי ווי ס׳איז געווען די יינגסטע פון די אמהות. גאָט האָט געבענטשט איר טראַכט. זי וועט אים געבן אַ זון און דעם זיידע אלימלך וועט באַשערט זיי אַ נין ונכד.

ער האָט זיך איינגעבויגן צו איר און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. ער האָט געשעפטשעט:

— צירעלע מיין קרוין, מלאכים האָבן איבער דיר געוואַכט....

צירעלע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— מלך, אויב אַ קדיש וועל איך דיר געבערן, וואָס פאַר אַ נאָמען וועסטו אים געבן?

מלך האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע. אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן, דער דאַך האָט פּלוצים זיך אונטערגעהויבן. דער רוישיקער ווינט, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן פון די הייכן, האָט איבערגעשטעלט די צייט. דער שלאָפצימער איז פול געווען מיט די זיפצן פון די חבלי לידה. נישט צירעלע איז געלעגן אין קימפּעט, נאָר די מאַמע רחל אַליין האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ער האָט זי דערזען אין אירע ווייען. ער האָט דערהערט די קרעכצן פון דער שטאַרבנדיקער יולדת איידער דער ילד איז אַרויס פון איר טראַכט, און דער דערשראָקענער מלך האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— ער וועט הייסן בנימין!

## עקיבא פישבין / פּאַריז

# תהלים בנוסח בען

דאָס קרוין־ווערק פון גרויסן יידישן מאָלער — בען, איז זיין תנ"ך־שאַפונג; אַ געזאַמל — עד היום — פון אַ קאַרגע 200 לייוונטן. לאָמיר באַמערקן, דעם תם ונשלם צופוסנס פון זיין ווערק האָט דער קינסטלער נאָך אַלץ נישט אַוועקגע־שטעלט. אין לויף פון אַ צענדליק יאָרן האָט דער תהלים בנוסח בען — דער ווייט גרעסטער טייל פון קינסטלערס תנכישער יצירה — באַוויזן צו מאַכן אַ לייטישן שפּאַציר איבער דער וועלט.

אויב בען האָט אַוועקגעשענקט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַר דעם תהילים — און ער טוט עס נאָך ווייטער —, איז דאָס נישט קיין וווּנדער. בען איז אַ ייד פון ביאַליסטאָק; ער איז פון יענער עיר ואם בישראל, ווו תורה האָט זיך געפּאָרט מיט עבודה ביגיעת כפּיים. עפּעס איז דער באַליסטאָקער ייד געווען אַ באַ־זונדערער סאָרט ייד; ער האָט פאַרקער־פערט אין זיך דאָס ווילנער ראַציאָנאַליס־טישע מתנגדות מיט דעם פּויליש־חסידישן נשמה־ברען. אמת, נישט לייכט איז דאָרט דעם ייד געווען דעם שבת צונויפשטעלן. דער ביאַליסטאָקער ייד אָבער האָט מיט שטאָלץ שטענדיק געטראָגן אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ! אין ביאַליסטאָק האָט מען געאָטעמט יידיש, און געלעבט מיט די תוכיקע ווערטן פון יידישקייט. און ווען געקומען איז די פינצטערע שעה פון נאַ־צישן גזר־דין מיתה, האָט דער ייד אין ביאַליסטאָק גענומען צונויף דאָס לעצטע

---

די נעצן אין פּייזאַזש
מיטן זעלבן פלאַם.

די שיפן זיך וויגן
איף כוואַליעס פון ווינט,
און די פישער באַזיגן
אויך דעם ברעג אַצינד.

## דער קערן

ווער זאָלסט נישט זיין
און וואָס זאָלסט נישט ווערן —
ביזן אויפבליץ מוזסטו בלייבן
אין שאָטן פון זון און שטערן.

גענערט פון אייגענעם שטאַם,
דיין נישט־געוואָרנקייט
נישטערט אין זיין און אין ווערן,
און זוכט דעם לעצטן פּסק
צו זיין דער קערן.

## די שעה

דער וואָלקן איינגעהילט אין אָפּגענוצטן הימל
האָט אין ים דורכגענעצט אַ דערטרונקענעם די נשמה
וואָס איז ענלעך צו יעדן איינעם, אומבאַשיצט.
מיט די וואָלקנס מוזן מיר לעבן בשלום:
זיי קאָנען דעם הימלבלאָ מיט טרערן באַוויינען.
דער נעפּל באַהאָפטן מיט אַנדערע
רייט דורך אויפן קערפּער פון אַ ווייס פערד:
ס'איז די שעה ווען די זון פון דערשטויבונג ווערט גרעסער,
און ווי מיר, נישט געזען דעם זומער פון בלייכן גראָז
זי נידערט און שענקט איר ליבע די באָטשאַנען.
דער האָז פאַרשטילט און פאַרלירט זיין וועג, ווי דער ווינט
אין דער נאַכט, צווישן פינצטערניש און וואַלד.

ביסל חיות וואָס אין אים, און ווי אַ לייב, בלויז כמעט מיט דער הוילער פויסט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די עס־עס־לייט און זייערע משרתים, פאַרגאָסן דאָס טריפה בלוט זייערס, און מיט תמות נפשי עם הנאצים אויסגעהויכט די יידישע נשמה מיט כבוד און גבורה אויף קידוש השם און קידוש העם! אַזוי יידישלעך שטאָלץ ווי זיי האָבן געלעבט, אַזוי שטאָלץ יידיש זיינען זיי אומגעקומען — די יידן אין ביאַליסטאָק.

אַ לעבעדיקער גליד פון דער אָ עיר ואם בישראל איז אונדזער קינסטלער בען. בען האָט מיר אַמאָל אין אַ שמועס דערציילט, אַז פינף יאָר האָט ער געהאַט ווען דער רבי זיינער האָט מיט אים גענומען קנעלן אַ קאַפּיטל תהילים. ער געדענקט עס, ווי היינט, עס איז געווען דאָס קאַפּיטל קל"ו: — הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו; טייטשט יהואָש: — גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרעם ער איז גוט, וואָרעם אויף אייביק איז זיין חסד.

פאַרוואָס איז זיין רבין איינגעפאַלן צו נעמען לערנען מיט אַ פינף יעריק קינד תהילים, און דווקא דעם „הודו לה׳", איז אים עד היום נישט קלאָר. מעגלעך, אַז אינעם רבין האָט געשטעקט אַ נשמה פון אַן אינספּירירטן פּאָעט. איינס אָבער ווייסט בען קלאָר און באַשטימט — זייט יענעם ווינטערדיקן טאָג, ווען דער רבי האָט אים גענומען פאַרטייטשן דעם פסוק, משמעות אין אַ סטיל עפּעס ווייניקער דיכטערישן, ווי ס׳טוט עס יהואָש — זייט דאַן האָט אים דער תהילים געפאַנגען אויף שטענדיק; ער איז אים אַריין אין בלוט! ביז היינט צו טאָג הערט דער קלאַנג פון דעם אָ ספר נישט אויף צו זינגען אין זיינע אויערן. זייט צענדליקער יאָרן שוין צעוויכערט דער תהילים די סטרונעס פון זיין קינסטלערישער לירע.

ווען בען האָט גענומען טראַכטן, ווי אַ קינסטלער, וועגן תנ"ך, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָ וועט נישט גיין זיין רעאַליסטיש־אייגנאַרטיקער סטיל, ווי ביי זיינס אַ פּייזאַזש, אַ שטיל־לעבן אָדער פּאָרטרעט. קינסטלעריש באַהאַנדלען דעם תנ"ך, האָט ער פאַרשטאַנען, קען מען נאָר אין אַ ספּעציעל שמן־זית סטיל. דערצו נאָך מוז די שטימונג ביים קינסטלער זיין אַ ספּעציעלע. מען שטעלט נישט אַוועק זיך — אָט סתם — ביים מאָל־בערט און מען טוט מאָלן אַ תנ"ך־סיוזשעט... דערצו מוז מען — לויט בענען — זיך גרייטן, ווי דער כהן־גדול צו דער עבודה. מען מוז מאָראַליש אָנגורטן די לענדן. צו אַ תנ"ך־יצירה מוז מען האָבן אַ נשמה; און די נשמה מוז מען פריער רייניקן, טובלען, אַז זי זאָל אַ נשמה יתירה ווערן.

פאַראַן ביי בענען בילדער, האָט ער זיי אין דער עפנטלעכקייט דערווייל נאָך נישט אַרויסגעברענגט. דאָס זענען פאַנטאַסטישע קאָמפּאָזיציעס געמאָלן אין אַ פאַרבאָרגענעם לשון מיט סודותדיקע רמזים — ליניעס, וואָס פלעכטן און פאַרפלעכטן זיך בתוך אַ פאַרשידנאַרטיקן געוועב פון פאַרבן; ווו־נישט־ווו טוט זיך פאַרפּלאָנטערן, ווי אין אַ שפּינוועבעכץ, אַ טויב, אַ ווייסע, אָדער סתם גאָר אַן אָנדייט אויף אַ פיגוראַטיוון קעגנשטאַנד.

קוקט מען נענטער זיך צו צו די גרעסערע און קלענערע בילדער פון דעם סאָרט, פאַרשטייט מען, אַז צו דער תנ"ך־טעמאַטיק האָט זיך בען געגרייט יאָרן לאַנג, און דאָס — בחדרי חדרים. ער האָט געזוכט אַ סטיל, אַן אויסגעלייטערטן, וואָס זאָל מיט אַ צימצום פּלאַסטישע מיטלען צעפּראַלן ברייטע האָריזאָנטן גייסטיקע, זיך דערגרונטעווען צו די סאַמע ממעקימדיקסטע געפילן און אַרויסהייבן פּראָמעטעישע רעיונות.

אים איז אָבער נישט באַשערט געווען צו נעמען זיך גלייך צום תנ"ך. אים איז באַשערט געווען צו מאַכן צום ערשט אַן אומוועג, מחמת בינו לבינו האָט די סטרא אחרא באַזעסן די וועלט און זי האָט דעם קינסטלער פאַרשטויסן אויף אַנדערע וועגן. די נאַצישע חיה, וואָס האָט שוין אַ צייט לאַנג געשטשירעט מיט די ציין, האָט איצט גענומען זייען טויט און פאַרניכטונג. אַן אַנגסט איז דעם קינסטלער באַפאַלן פאַרן גורל פון ייד און מענטש! עפּעס אַ פאָרגעפיל פון חורבן האָט געריסן שטיקער פון זיינע טעג און נעכט. אים זענען געשטאַנען פאַר די אויגן גיהנומדיקע וויזיעס; ליידער האָבן זיך די אָ וויזיעס פאַרווירקלעכט אין לעבן...



**בען** — „כדי עס זאָל וויסן דער שפּעטערדיקער דור צו דערציילן פאַר זיי׳ערע קינדער.״

(תהלים ע״ח־6)

בען דערציילט, אַז במשך פון צוויי חדשים אין 1939 האָט אַן איבערנאַטירלעכער כוח—בייטאָג און ביינאַכט—באַוועלטיקט זיין האַנט. אָן אָפּשטעל האָט אים דער כוח געשטויסן צו יצירה, ביז ער האָט אַרויסגעפּטרט פון זיך זיינע געשפּענסטער עד הסוף. אין אַ פּיבערדיקער יצירה האָט ער מיט אַ ווייסן בלייפעדער אויף שוואַרץ געצייכנט, אין אַ בצימצומדיקן לינעאַרן סטיל, 72 משונהדיק פאַנטאַסטישע וויזיעס — איינע שוידערלעכער פאַר דער צווייטער. ער זאָגט, אַז עפּעס האָט ער קיין מאָל אַזוי נישט געצייכנט; נישט פריער און נישט שפּעטער, דאָס איז די סטרא אחרא אין ברען פון איר מלאכה. דאָס זענען וויזיעס פון אַ וויסטן קאַטאַקליזם וועלכן ס'איז גורם אַ גולם, באַווירקט פון אַ מעכאַניזירטער פאַנאַטישער אונטערטעניקייט.

די 72 שוידער־צייכענונגען פון בען האָבן זיך באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט ערשט אין יאָר 1972. אַ גרעסערער פאַרלאַג האָט זיי אַרויסגעגעבן אין פאָרם פון אַן אַלבאָם.

אין יאָר 1942, אין סאַמע מוראדיקסטן מאָמענט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען אָט־אָט איז שוין דער חלף בענען געלעגן אויפן האַלדז, איז געשען אַ נס — ס'האָט זיך געעפנט פאַר אים אַ באַהעלטעניש. אין דער אָ באַהעלטעניש האָט ער אַן איזאָלירטער פון דער וועלט, איינגעשטעלט יעדע רגע מיטן לעבן, אָפּגעפּינצטערט אומענדלעכע 26 חדשים.

ווען די נשמה איז ביי בענען דערגאַנגען ביז די העכסטע שטאַפּלען פון ווייטיק, האָט אַ שפּאַר געטאָן פון אים אַ שטום אויפטרייסלדיק געשריי — ער האָט געשאַפן אַ ווערק, וועגן וועלכן עס האָט געזאָגט אין יאָר 1947 וואַלדעמאַר זשאָרזש, דער אנערקענטער קונסט־פּוסק אין פראַנקרייך: „בענס תנ״ך צייכענונגען מערקן אָפּ אַ דאַטע אין דער קונסט־געשיכטע. די זעלטענע צויבער־אימאַזשן, די פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס פון גייסט שאַפן מעגלעך די התחלה פון אַ נייער רוחניות־דיקער קונסט.״

בען האָט אַנטקעגן דער חיה רעה בצורת אדם, אַן אַ גאָט אין האַרץ, פאַרשאַכערט מיטן לייב און לעבן צום טייוול, צעוויקלט ווי אַ קאַמפּס־פאָן זיינע 24 תנ״ך צייכענונגען פון „זעלטענער פּערפעקציע, קענטעניש און שכלדיקייט״ (וו. זשאָרזש). מיט די שפּאָרזאַמסטע פּלאַסטישע מיטלען, בלויז מיט דעם לשון פון לינעאַלער גראַפיק האָט בען אויסגעגליט אַן אימאַזש פון דעם יידישן דערהויבענעם בליק אויף מענטש און וועלט. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. פונעם וויכערדיקן ראָזמאַך פון „יעקבס קאַמף קעגן מלאך״, פון „שמשון צווישן די קאָלאָנעס״ און אַנדערע צייכענונגען הערט מען דעם אויסשאַל פון בענס פּאַטעטישן איבערוף מיט זיינע ביאַליסטאָקער יידן, די מורדים צווישן די פאַלנדיקע ווענט פון געטאָ אין פייער.

די 24 תנ״ך צייכענונגען, וואָס אַ קאָמיטעט בראש מיט אַן ערן־קאָמיטעט פּראָמינענטע פראַנצויזישע פּאָליטיקער, וויסנשאַפטלער און מענטשן פון קונסט, האָט אַרויסגעגעבן צו בענס גבורות אין אַן אַלבאָם — דעם אַלבאָם האָט דער קינסטלער געווידמעט צו „אַלע, וואָס האָבן געליטן, אַלע ווידערשטענדלער און דעפּאָרטירטע צוליב זייער קאַמף פאַר יושר און שלום — די אָ צייכענונגען זענען אַ פּרעלודיום צום ברייט צעצווייגטן תהילים־ווערק זיינעם. אין די 24 צייכענונגען דערשיינען שוין אַקאָרדן, וואָס ערשט אינעם תהילים־ווערק וועט בען צעגלידערן, און פון זיי שאַפן אַן אוניווערס פון פאַרביקע טענער. די קאָליריק־קלינגענדיקע טענער וועט ער צעשמעלצן; ער וועט פון זיי באַשאַפן טעמעס און מעלאָדיעס וואָס וויברירן אין דער אייביקייט אַריין.

* * * * *

פונעם געראַנגל מיט דער נאַצישער חיה איז בען אַרויס מיט גאַנצע ביינער. אים איז בלויז פאַרבליבן—אויף טשענדיק! אַ לאָך אין האַרץ. און ווי זאָגט דאָס חסידיש ווערטל: — נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך, ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ!

נאָך דער מלחמה האָט בען באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ מצבה פאַר די אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע זיינע. אָבער נישט אַ מצבה פון שטיין האָט ער געוואָלט, און אויפשטעלן געקאָנט. ווייל, ווו וואָלט ער

זי אויפגעשטעלט? ווייסט ער דען ווו דער געביין פון זיינע עלטערן איז אַהינגעקומען? האָט ער געוואָלט פאַר זיי האָבן אַ גייסטיקע מצבה; אַ מצבה, וואָס זאָל שרייען צום מענטש — געוואַלד! — מענטש! נישט מיט רציחה וועט מען בויען אַ לעבן, אלא נאָר אויפן וועג, ווי אין פסוק שטייט: „סחד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו" (תהלים פ"ה־11) — גענאָד און אמת האָבן זיך באַגעגנט, גערעכטיקייט און שלום האָבן זיך צעקושט (יהואָש). אַזוי נאָר קאָן די וועלט האָבן א קיום!!!

און בעז האָט זיך — קינסטלעריש — אַ קער געטאָן צום ספר הספרים, און דער עיקר צום תהילים. זיין תנ"ך־ווערק — אַ שלום־רוף צו דער וועלט — האָט ער, ווי אַ מצבה, דעם זכרון פון זיינע אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע געווידמעט.. דאָס דאָזיקע צעצווייגטע ווערק איז נישט צו שטאַנד געקומען מיט אַמאָל — אָן איבעררייס — ווי די פריערדיקע צייכענונגען. דער תנ"ך בנוסח בעז איז געוואַקסן בהדרגהדיק.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם סאַמע גרעסטן טייל פון בעזנס תנ"ך־שאַפונג — אויף דעם תהילים.

דער קאָנטאַקט מיטן תהילים־טעקסט, וואָס האָט ביים קינסטלער בעצם קיין מאָל נישט אויפגעהערט, האָט גענומען איצט, ביי אים נאָכן חורבן אַרויסרופן קאָנקרעטע וויזיעס. בעז, דאַרף מען זאָגן, איז נישט קיין אילוסטראַטאָר פון תהילים; ער סומירט נישט דעם טעקסט אויף אַ פלאַסטיש־נאַראַטיוון אופן. בעזנס תהילים־בילד איז אַ פלאַסטישע פיקסירונג פון אַ וויזיע, וואָס דען פסוק, אָדער אַ פראַגמענט בלויז פון פסוק, האָט אַרויסגערופן. דער קינסטלער וועט קיין מאָל זיך נישט אָוועקשטעלן ביים מאָלבערט מאָלן אַ תנ"ך־בילד, אָט ווייל ער האָט סתם אַזוי געוואָלט.

אָט זיצט, למשל, אין שטימונגס מאָמענט דער קינסטלער ביים תהלים און זאָגט מיט הכנעה: „תפילה למשה איש האלהים" (קאַפּ. צ') — טייטשט יהואָש: אַ תפילה פון משה דעם געטלעכן מאַן. דער קינסטלער זאָגט און זאָגט און ביים פסוק... ועמעולם עד עולם אתה אל — און פון אייביקייט ביז אייביקייט ביסטו גאָט (יהואָש) פילט ער עפּעס אַז די פּאָר ווערטער האָבן אים אויפגערודערט, אַז אין זיין מוח נעמט זיך שאַרפן אַ פלאַסטישע זעונג. לייגט ער שוין אַוועק זיין טעגלעכע יצירה און כאַפּט אָפּ אַ פרישן שעפערישן אָטעם. און ווען זיין וויזיע האָט זיך אויסגערייפט, ווען זי האָט אָנגענומען בלוט און פלייש פון ממשותדיקייט — מעג זי זיין אַבסטראַקט לגמרי — הייבט בעז אָן אַרויסאַנטפּלעקן די זעונג זיינע אויפן לייוונט. און אָט באַקומט זיך אַ בילד. מאָלט אייך אויס אַ מוסטער־שידוך פון צימצום מיט פשטות; אַ לייוונט, אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסגעפילט מיט אַ גרינלעכן העל־בלוי, דורכגעזופּט מיט אַ ליכט־וויבראַציע. און אין דער הייך — אַ העלער רונדיק זיידיקער שיין אַרומגעזוימט מיט אַ גינגאָלדיקן שטויב, וואָס טראָגט אויס אין מיט דעם שם המפורש. פון די אייבערשטע צוויי זייטן — די כנפי־השכינה צוויי סטיליזיטע פליגלען. איצט, פון דעם ליכטיקן שם־המפורש רייסט זיך, ווי אַן אימהדיקער בליץ, אַרויס אַ העל־העלע ליניע. זי נידערט אימפּעטיק אַראָפּ, די ליניע, אין דער טיף פון בילד. שלענגלט אויס דאָרט פון צוויי עליפּטן אַן אַראַבעסק אין דער ברייט און קערט זיך אום מיטן זעלבן אימפּעט צוריק צום שם־המפורש. אָט אַזוי, קורץ און שאַרף, סודותדיק־סימבאָליש און דאָך בולט קלאָר, האָט בעז אויפגעפלאַמט דעם אימאַטעריעלן באַגריף פון דער געטלעכקייט, וואָס איז דער אין־סוף.

נישט שטענדיק אָבער גליט דווקא דער פסוק אויס די זעונג ביים קינסטלער. און אויך נישט שטענדיק לאָזט ער אונדז פאַרבלייבן אין די ד' אמות פון אַבסטראַקטן לשון. ס'טרעפט אויך פאַרקערט. פאַראַן צייטן, ווען אים פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ מטושטשע פאָרמען, און ער איז עפּעס זיי נישט בכוח קלאָר צו שטעלן. אין אַזאַ פאַל איז דער קאָנטאַקט מיטן פסוק אַ קלאָר־מאַכנדיקע הילף. דער פסוק העלפט איצט אויסשאַרפן דאָס בילד. און מבחינת שפּראַך, רעדט בעז אַ שפּראַך, אַ מער רעאַלע; זי איז אָבער דאָך אַ פיגוראַטיוו־סטיליזירטע שפּראַך. נעמט אַ ביישפּיל:

פֿאַראַן ביי אים אַ פֿאַנטאַסטיש תהילים־בילד ווו די שפּראַך איז דווקא אַ גאַנץ רעאַליסטישע; אָדער בעסער — אַ סורראַליסטישע. בעצם איז דאָס אַ פּאָרטרעט. אַ פּאָרטרעט פֿון אַ צעוווייטיקטן ייד. דאָס צעדפּולע פּנים פֿון ייד מיטן טונקעלן קאַפּל אויפֿן קאָפּ און לענגלעך־פֿאַרשניצטן ברוינעם בערדל — אים האָט בען וואַרשיינלעך אַרומגעטראָגן אין זיך אַ לאַנגע צייט. ס׳קען זיין, אַז אַרויסצואַנטפּלעקן די טראַגיק פֿון דעם שווער געפּרוווטן ייד אויף אַ לייוונט, אויף דעם האָט אפשר דער קינסטלער נישט געפֿונען די אַטמאָספֿערע, די סביבה. איז ער געפֿאַלן איין טאָג אויף אַ פּסוק: „פּלגי מים ירדו עני" (קאַפּ. קטו) — בעכן (טייכן) וואַסער האָבן פֿאַרגאָסן מיינע אויגן (יהואָש). דער אָ פּסוק האָט ביי אים אויסגעשאַרפֿט דעם רעליעף פֿון דער וויזיע און רייף געמאַכט די יצירה פֿון בילד. ס׳לוינט צו וואַרפֿן אַ בליק אויפֿן בילד; מיר וועלן פֿאַרשטיין אַז נישט אילוסטרירן דעם פּסוק איז דער קינסטלער אויס׳ן אלא מיט דער הילף פֿון פּסוק אילוסטרירט ער זיין געמיט און זיין נשמה.

איז אָט — אינעם של מעלה פֿון לייוונט — אַ רואיק תכלתדיקער הימל, למטה, אַ צעשטורעמטער גרינלעך בלויער טייך. ער רעוועט, דער טייך, מיט ווייסע כוואַליעס. איבער די צוויי דריטל פֿון לייוונט הענגט ווי אַ זאונג, אַ ליכטיק אויסגעצויגענע פֿאָרעם פֿון אַ פּנים — אויסגעהאַמערט ווי פֿון האַרטן גראַניט. דאָס איז אַ צעוווייטיקטער פּנים פֿון אַ ייד. דער קאָפּ איז דעם ייד באַדעקט מיט אַ טונקעלן קאַפּל. אַרום דעם הויכן למדנישן שטערן — צוויי אײדעלע לאַנגע דלאָניעס, גלייך ווי ער וואָלט אַריינגעטראַכט, דער ייד, אין אַ האַרבע סוגיא. פֿון זיינע אויגן טריפֿן שווערע געוויכטיקע טרערן. יעדע טער, ווי אַ לענגלעכער שטיין. זיי פֿליסן אים איבערן פּנים, איבערן לאַנג־פֿאַרונדיקטן בערדל. אַ טייך איז פֿון די טערן געוואָרן, און ער רעוועט, דער טרערן־טייך פֿון צער און רחמנות עד לב השמים! די שוימיק ווייסע כוואַליעס שטייגן אַלץ העכער און העכער — אָט־אָט באַלד וועלן זיי גרייכן, די כוואַליעס צום שטילן הימל אויפֿן האָריזאָנט. זיי וואָלטן וועלן דעם בלויען הימל אויפֿרודערן מיט זייער צאָרן און פּראָטעסט...

די אַזוי שטאַרק רעאַליסטישע וויזיע פֿון דעם יידישן פּנים, וואָס הענגט צווישן שטילן בלויען הימל און אַ וועלט אין מבול, איז מעגלעך אַ מזכיר־נשמות פּאָרטרעט פֿון קינסטלערס אַ קרוב, אָדער אַ פּאָרטרעט אפשר גאָר פֿון יענעם אײדעלן רבין, וואָס האָט אים צום תהילים דערנענטערט. די מעשה איז אָבער, וואָס כאָטש ס׳הערט זיך דאָ אין בליד דאָס שטילע פֿלעמלען פֿון אַ נר־תמיד נאָך אַ נאָנטן מענטש, האָט מיט זיין יצירה בען, דער מקונן פֿון יידישן חורבן, אויסגעגליט אַ סימבאָל — אַ דממה־דקהדיקן סימבאָל.

פֿאַראַן ביי בענען מאָמענטן, ווען ער ווערט באַלאַגערט פֿון ספקות; אָדער, אים נעמען סתם מאַטערן אַנגסטיקע זכרונות. עפּעס גריזשעט אַ וואָרעם זיין נשמה, ווי אַ קאָשמאַר פּייניקט אים די דערמאָנונג פֿון דער חיה, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרצוקן די גאַנצע וועלט און חרוב געמאַכט דערווייל זיין יידישע וועלט. אין אַזעלכע מאָמענטן נעמט בען דעם פּענדזל אין דער האַנט אַריין און ער שטעלט זיך צום מאָלברעט. ער נעמט זאָגן־אַ תפילה אויף זיין שטייגער.

נו, איז דען וויכטיק דאָ וועלכן תהילים־פּסוק ס׳ניגונט אויס דעם קינסטלערס פּענדזל? אין יעדן פֿאַל קומט אַרויס ביי אים אַ השתפּכות־הנפש תפילה, עפּעס אַ מין „הנני העני" געבעט. קוקט מען זיך איין אין איינעם פֿון די דאָזיקע בילדער, באַטראַכט מען דאָרט דעם קאָסמישן פּייזאַזש פֿון הימל און ערד, די מעלאָדיש־בויגעוודיקע קליינע פֿיגור פֿון דער וויאָלעטער מענטשלעכער געשטאַלט, ווי זי שטייט אַזוי תפילהדיק אויף דער זאַפּטיק־טונקלגרינער ערד מיט אירע אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל — און דער הימל איז פֿון אַ בלויען סאַמעט, און אויפֿן הימל זעט זיך אַ זילבערנע האַלב־לבנה מיט זילבערנע שטערן — מעג די געשטאַלט פֿון קינסטלער אונטערטראָגן גאָט די צוויי תהילים־פּסוקים (לויט יהואָש): „אַז איך זע די הימלען, די ווערק פֿון דיינע פֿינגער, די לבנה און שטערן וואָס דו האָסט אויפֿגעשטעלט — וואָס איז אַ מענטש, אַז דו

זאָלסט אים געדענקען? און אַ מענטשנ־
קינד און דו זאָלסט אים דערמאָנען?( קאַפּ.
ח, 5-4) — הילט מען זיך איין אין דער
אַטמאָספער פון דעם ווונדערלעכן בילד,
נעמט אַויפגיין אין אייך אַ באַצויבערנ־
דיקע מוזיק. אַזאַ מין אוניווערס פון
קלאַנגען, אַז זאַפטיקע אַקאָרדן־האַרמאָניע,
עפּעס אַזעלכעס גייט אויף אין די תפילה־
דיקע קאָנטאַטעס פון באַך.

אמת: נישט אַלע מאָל וועט איר ביי
בענען הערן תפילות, וואָס דערמאָנען אין
די קאַנטאַטעס פון באַך, אָדער אין דעם
הללויה פון הענדעל. ווען בען גייט אַרויס
אין אַ שאַרפער טענה, הערט מען ביי אים
גאָר אַנדערע טענער. אָט, אַ שטייגער
דאָס בילד, וואָס אים האָט אינפּירירט דער
תהילים־פסוק (אין יהואָש איבערזעצונג):
„איך האָב דיך גערופן, גאָט, אַלע טאָג,
איך האָב אויסגעשפּרייט צו דיר מיינע
הענט" (פ"ח, 10). דאָ דאָמינירט אַ
מעכטיקע, שוואַרצע פיגור, וואָס מיט
אירע אויסגעשפּרייטע הענט, ווי צוויי
שווערדן אין דער הייך, גרייכט זי איבער
דער גאַנצער לענג פון לייוונט. דאָ הערט
מען שוין דונערדיקן אויפטרייסל פון ר'
לוי יצחקס טענה צו גאָט. און אַז מען
קוקט זיך איין אין דער פּאַטעטישער פּי־
גור דערגייט צו אייך בפירוש זיין צאָרן;
איר הערט די פייערדיקע רייד פון הייליקן
צדיק מבאַרדיטשעוו: — אויף אַזאַ בראָך,
וואָס ס'איז געשען מיט זיין פאָלק ישראל
האָט ער זיך נישט געריכט, ר' לוי יצחק!
ער שטייט דער מאַיעסטעטישער מקטרג,
אויף ערד, איז זי ברוין אַזש געוואָרן פון
פאַרגליווערטן יידישן בלוט. זיין צע־
פלאַמטער פּנים, זיינע אויפגעיסערנעאויגן,
שיסן מיט פייער־בליצן אין דער הייך;
אַלץ אין דער פיגור איז צער, ווייטיק און
רחמנות אָן אַ סוף.

אַזוי פאַרשידן ווי ס'זענען די וועגן פון
אינספּיראַציע, אַזוי פאַרשידן איז בענס
מאָלעריש לשון אין זיין תהילים; ס'איז
היוצא מהכלל פון זיין גאַנצער שאַפונג.
אין דער סאַקראַלער יצירה זיינער איז
פאַראַן אַ קרובהשאַפט צום אַבסטראַקטן
סטיל. אַוודאי איז דער פיגוראַטיווער
עלעמענט נישט אויסגעמיטן; אים דער־
פירט דער קינסטלער בלויז צום סאַמע
עקסטרעמען צימצום פון פאָרעם. טייל
מאָל כאַפּן זיינע פיגורן די מראה פון איין־
פאַרביקע ליניעס. בען קאָמבינירט מיט
אַן ע ש י ר ו ת פ ו ן ע ל י פ ט ן, אַראַ־
בעסקן, פאַרשידענע ריטמישע פיגורן, און
דערפון רייפט ער אויס אַ שפע פון פּלאַס־
טישע פאָרמען. היינט, וואָס שייך זיין
צווייטן „כלי זין"—די פאַרבן—דאָס איז
סתם אַ צויבער פון מוזיק. זיינע לאַנגע
כראָמאַטיש־צעצויגענע גאַמעס פון רויט,
בלוי, גאָלד א.אַ. סובטעלע פאַרבן, זענען
לאַנג־אָטעמדיקע ניגונים וועגן דעם אין־
סוף! פאַראַן אינעם תהילים בנוסח בען
בילדער, קלינגען זיי ווי עכטע פּאָליפאָ־
נישע מוזיק. — אַ שטייגער, ווי די פּיל־
שטימיקע פוגעס פון באַך. אין דער מיזאַנ־
סצען פון זיינע תהילים־בילדער באַגרע־
נעצט זיך בען צו אַ מינימום. אַלץ וואָס
איז איבעריק דערווייטערט ער; ער הוילט
אויס, ווי ווייט מעגלעך, דאָס גאַנצע מאַ־
טעליעלע, אַז בלייבן זאָל דאָרט דאָס
סאַמע רוחניותדיקע בלויז.

די קונסט פון בען פאַלט כורעים פאַרן
דערהויבענעם גייסט פון ספר תהלים.
איז כדי צו דערלאַנגען אויסדרוק דער
דאָזיקער תהילים־גייסטיקייט, פירט ער
אַריין אַ פולשטענדיק גייסטיקן סטיל. ער
דאַרף אַז דאָס ליניאַער אין שידוך מיטן
פאַרביקן זאָל אין אַ רוים פון האַר־
מאָניע און ריטם באַשאַפן אַ בילד פון
אוממאַטעריעלע צושטאַנדן. בען איז משדך
דאָס סודותדיק־אַבסטראַקטע, און אָפט
מאָל דאָס רעאַליסטיש - פאַנטאַסטישע
אפילו, מיט עכטער פאַטעטישער ליריק.
דער פאָן איז ביי אים שטענדיק דער איי־
דעלער געדאַנק. בענס אַ תהילים־יצירה
איז עכט, ערלעך און סוגעסטיוו, ווייל
מאָלן מאָלט ער מיטן בלוט פון זיין האַרץ.
זיין מוזיק פון קאָלירן און ליניעס באַ־
שאַפט אַ שירה פון אַ מין תפילה זכה.
דער תהילים בענס איז איין גרויסער
קוואַל פאַר מעדיטאַציע.

בען גייט זיין תהילים וועג מיט חשבון.
אויב ער האָט גלייך נאָכן חורבן זיך אַ נעם
געטאָן קינסטלעריש צום תהילים, איז
אויך דערפאַר, ווייל נאָך די פאַרגאָסענע
טייכן בלוט האָט ער געזוכט אַ גלויבן אויף
להבא. דער ווסטער יאָמער אין זיין נשמה,

די לאַסט פון יידישן אומעט, דער ציטער פון יעדן אָרנטלעכן מענטש אויף דער ערד האָט געפאָדערט אַ תשובה: ווו נעמט מען כוח ממשיך צו זיין אַ לעבן נאָך דעם מבול, וואָס די חיה־רעה בצורת אדם האָט אויף דער וועלט געבראַכט?

דעם אָ כוח האָט דער קינסטלער געפונען אין די יידישע קוואַלן, ווו ס׳פליסט אַ וואַרעם צאַפּלדיקע מענטשלעכקייט. די תהילים־יצירה פון בען, דעם עדות פון יידישער קדושה, איז אַ ווערק פון אַ פּאָעט, אַ וויזיאָנער, וואָס טוט, דורך טרערן, אויסמזמורן אַ פּיקטוראַלע סימפאָניע פון גלויבן און בטחון. בען ווייסט, אַז אבילות האָט ביי יידן אַ גרענעץ. מען קאָן נישט און טאָר נישט אייביק זיַנגיין מיט טרויער. „חורבן" איז נישט דאָס לעצטע וואָרט פון יידישן לשון. פאַר אַ דעוויז פון דער יידישער געשיכטע האָבן מיר דעם „בחרת בחיים"— אַוועקגעשטעלט. אונדזער אויסוואַל איז לעבן!!! ביי יידן גייט חורבן מיט גאולה געבונדן. דעריבער שפּאַנט בען אַדורך דעם טרויער און וואַרפט זיין בליק צום עתיד. מיט התלהבות טראָגט ער אונדז אונטער די האָפענונג!! בטחון איז דער מאָטאָ — און אויך דער מאָטאָר פון דעם קינסטלערס לעבן. אמת, דער אַנגסט פאַר דער צוקונפט טרעט פון אים נישט אָפּ אויף אַ רגע — דרייען זיך דאָך אַלץ נאָך די תלמידים פון טייוול אַרום צווישן אונדז — דער תהילים־ייד בען איז אָבער אַ בעל־בטחון. ער פאַרשטייט — קודם מיטן האַרץ און שפּעטער מיטן שכל — אַז די ווייסע טויב וועט קומען צו נחן אויף צוריק פריער אָדער שפּעטער, און זי וועט ברענגען דאָס צווייגל פאַר אַ סימן, אַז די וועלט ווערט צוריק אַ וועלט! (פאַראַן אַזאַ בילד ביי בען).

וואָלט דאָך שוין דאָס אַליין געווען דיינו. איז בען אַוועק אַ טראָט ווייטער, און ער האָט, ווי אַ פאָן, אַ פלאַטערדיקע, דעם לויטערן גייסט פון „צעממיתטן יהודה"— לויט היינריך היינעס אַ ווערטל — צעוויקלט. די אָ פאָן פון יידישע ווערטן האָט ער, ווי אַ רפואה, דערלאַנגט דעם ייד, מענטש און וועלט. קעגן דער פינצטערער פאַרגלויבטקייט אין ברוטאַלן כוח, קעגן דער נאַצישער העכערקייט פון ריינער אַרישער ראַסע, האָט בען אויפגעפלאַמט דעם איידעלן גייסט פון יידישן „לא בחרב" און באַגלייט האָט ער דעם פּרינציפּ מיטן נשגבֿעלן הומאַנעם „ואהבת". בענס תהילים איז דער נצחון פון יידישן גייסט; די נקמה אין אַלע פינצטערע כוחות, וואָס האָבן מיטן שורש געוואָלט אויסרייסן די יידישע עטיק.

פאַראַן אין תהילים בנוסח בען אַ קנאותדיקע ליבשאַפט צום מענטש. דער רחמנות געפיל גייט דאָרט אין פאָר מיט נחמו, נחמו געפיל. דער קינסטלער בסך־הכל האַלט זיך אין פאָדערגרונט פון אַלעם מענטשלעכן און באַאיינפלוסט אונדזער האַרץ און נשמה. בנפשו גייט בענען, דער מענטש זאָל חלילה וחס נישט פאַרלירן דעם צלם אלהים און זיך לייגן דעם אַשמדי צו די פיס און אויף זיין באַפעל ווערן אַ ווילסטע חיה־רעה. ער וויל דעם מענטש אויפס כוח פירן אונטערן בלויען הימל פון געטלעכן געבאָט. ווייל ווי־זשע אַנדערש וועט אַמאָל קומען די גאולה צום מענטשלעכן מין אויף דער וועלט? דער גייסט פון נוחס טויב שוועבט אַרום, אין דער לענג און אין דער ברייט, איבער בענס פאַנטאַסטישער תהילים יצירה. דער גלויבן אין דער גאולה פון ייד און מענטש דערלאַנגען זיך דאָרט די הענט און גייען געאָרעמט צוזאַמען.

דאָן יצחק אַברבנאל, דער גרויסער ייד פון דער גאָלדענער שפּאַנישער תקופה, האָט אַ מאָל אַזוי געזאָגט: „לאָמיר אַריינגעבן האָפענונג און שטאַרקייט אין די עלנטע און אָנגעווייטיקטע. ווייל איז צו די מענטשן, וואָס האַלטן איבער די יסודים און זענען איין און זענען זיכער אַז די צוויי זאַכן וועלן דאָך קומען: דער יידישער אויסלייז און דער נצחון פון גערעכטיקייט אין דער וועלט!" (ציטירט לויט ד״ר העשיל קלעפּפיש). די דאָזיקע רייד האָט אַרויסגעבערנגט דער יידישער הומאַניסט, אַ פאַרוואָרפענער אין דער ווייטער פרעמד נאָכן גירוש שפּאַניע.

בען, דער דורכגענומענער מיטן הייליקן גייסט פון לאַנגן, געמאַטערטן יידישן וועג, איז אפילו נאָך דער עקידה פון יידישן מענטש אַלץ נאָך אָפּטימיסטיש; ער איז

(המשך אויף זייט 70)

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

א י נ ק אָ ר פּ אָ ר י י ט ע ד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיורויטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

## זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. ◉ מערווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................................................

Address..........................................................................................................

Date of Birth..................................Soc. Sec. No.......................................

Principal Amount $........................................................................................

Date ........................Signature of Applicant..............................................

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# לידער

## אין יענע טעג

— הונדערט פרילינגס
בליען מיטאַמאָל.
א. טאַבאַטשניק

אין יענע טעג
אין יענע טעג
מיין חלום —
לענגער געוועזן
ווי די נאַכט.

מיין וועג פאַרנומען
אויף יידיש־עוועניו,
זינגער געטראָגן
פלאַמיקן ניגון
אַנטקעגן —
בעלי־חלום.

אין יענע טעג
געהערט לייענען
באַלאַדעס, סאָנעטן,
אָדעס צו דער זון.

פלאַמיקע זינגער:
געשטראַלט
געקריגט!
אין זייער יצירה.

***

צייט האָט אויסגעטאָן
— קרוין
פון קאַפּע ראָיאַל.
שטיל אויף יידיש עוועניו;
בלאָנדזשען יידיש־זינגער
בלאָנדזשעט
פלאַמיקער ניגון...

---

עקיבא פישבין (סוף פון זייט 68)

אַ בעל־כּרחו אָפּטימיסט. אַוודאי זענען דאָ צייטן ביי אים, ווען דער יאוש פאַרפלייצט זיין געמיט. באַלד אָבער נעמט ער אים טרייבן מיט די שאַלנדע פאַנפאַרן פון הללויהס. בען גלויבט באמונה שלימה אינעם זיג פון געזונטן כּוח פון לעבן, — אינעם סופיקן נצחון פון ליכט! זינגט ער דעריבער אויף זיין שטייגער דעם רחמנות־דיק־טרייסטנדיקן מזמור־שיר: „הזורעים בדמעה ברנה יקצורו“ (קאַפּ. כק״ו, 5) — די וואָס זייען מיט טרערן, זאָלן שניידן מיט געזאַנג (יהואָש). אַ האָפּערדיקער, מאָלט ער זיין לירישע פּאָעמע: „חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו“ — אַ גענאָד און אמת האָבן זיך באַגעגנט און גערעכטיקייט און שלום האָבן זיך צעקושט. (יהואָש).

דער תהילים בנוסח בען איז אַ גראַנדיעזע סימפאָניע, אַ סאַקראַלע, וואָס איר ספּיריטועלער תּוכן וואָרצלט טיף אינעם לויטערן באַנעם, דעם יידישן, פון מענטשלעכקייט.

## פאַרשפּעטיקט

לזכר שרה רייזען

אין דיין טונקעלן צימער דעם קליינעם
פיר איילן אין לענג און אין ברייט —
אויפן טיש ליגן ווייסע פּאַפּירן
פאַרנאַכטיקע טויבן פליגל פאַרלייגט.

איילסט אַוועק איבער ליכטיקע גאַסן
שפּינסט דיין ליד אין גאָלד פון דער זון
ליכטיקט זיך טאָג אַ טיפער, אַ בלויער,
טריפט דער הימל מיט פיאָלעטן גרין.

שפּאַנסט אַריבער דעם וואָכיקן לעבן —
מיט געזאַנג און מיט לידער עס שוימט,
כוואַליעט דער טאָג אַ הימלישן שוועבן
זילבערנער פוך— גאָלדיק באַזוימט.

לאָטי פּ. מלאך

# אחינו בני ישראל...

ווער עס איז ניט געווען יענעם דאָנערשטיק אין דעם יידישן קאָמיוניטי צענטער אויף סאָטאָ און מישיגען, בעת עס איז אַראָפּגעקומען אַ „יוניט" פון רויטן קרייץ קיין באָיל הייטס, כדי צו זאַמלען בלוט פונעם געגנט פאַר די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, דער ווייסט ניט ווי גרייט אונדזער פאָלק איז צו געבן: צו געבן זיך, צו געבן טעכטער, צו געבן בלוט פאַרן הייליקן קאַמף צו באַפרייען די וועלט און צו דערראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

גאַנצע משפּחות זיינען געקומען: טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, מאַן און ווייב, חתן און כלה; מען איז געקומען אין אַ שרעקלעך הייסן טאָג, נאָך אַכט און צוועלף שעה אַרבעט — אויסגעהאָרעוועט און אויסגעשוויצט, נישט געגעסן און נישט געטרונקען; מען איז געקומען מיט אַזאַ גרייטקייט, אַז קיין ברעם האָט ביי קיינעם קיין ציטער ניט געטאָן.

.ווייזט אויס, אַז מען האָט זיך גאָרניט געריכט אויף אַזאַ גרויסן עולם. וואָרעם דער „יוניט" וואָס איז אַהער אַראָפּגעקומען פון רויטן קרייץ, איז ווייט ניט געווען צוגעגרייט צו „באַדינען" אַזוי פיל הונדערטער מענטשן. ס'איז דעריבער אויסגעקומען צו וואַרטן שעהן־לאַנג. טייל האָט געוואַרט ביז צען אַזייגער אין אָוונט, אַנדערע האָבן זיך גאָרניט געקענט דערוואַרטן און האָבן געמוזט אַוועקגיין, ניט דערפילנדיק זייער ווילקייט אָפּצוגעבן דאָס ביסל בלוט פאַרן פאַרוווּנדעטן.

אַז דו ביזט אַ געניטער אין די זאַכן און דו ווייסט שוין די גאַנצע פּראָצעדור, איז דיר אומפאַרמיידלעך אויפגעפאַלן די „איינגעהאַלטענע" באַציונג, וואָס די מענטשן פון רויטן קרייץ האָבן אַרויסגעוויזן צו דעם באָיל־הייטסער בלוט־געבער. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער „יוניט־סטעף" האָט פאַרגעסן מיטצוברענגען די העפלעכקייט, מיט וועלכער זיי

---

## דאָס ערשטע וואָרט

דאָס ערשטע וואָרט —
ערשטע פרילינג־גרין
זאָגט אָן
דערפרייט
צייכן איך, צייכן
ביז ווייטאָג אין די הענט.

זוך דאָס גאַנצע
זוך שלימות
וואָס לויכט אויף
זאָגט אָן —
אויף פרילינגס־צווייט
הייבט אָן אָפּגיין
ווייטאָג פון די הענט...

## צעבליטער פּרדס

אין צעבליטן פּרדס
קוויק איך זיך
מיט דער ברכה:
פון טל און טרערן.

אין גאָטרן
שטייען ביימער
צעבליטע
צייטיקע
קוויקן
פליטים
מיט פּירות
נאָך זייערע געטאָ־טעג
נאָך זייערע אָפּגעברענטע
— פ ל י ג ל —

באַדינען די בלוטגעבער אין אייגענעם צענטער. ס'האָט זיך אויך געקאָנט אויסווייזן, אַז דער „יוניט" איז גאָרניט אַזוי צופרידן, וואָס דאָ זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַזוי פיל בלוטגעבער. (ס'קאָן זיין אַז דאָס איז שוין די יידישע סופּער־סענסיטיווקייט). מען האָט געקאַרגט אַ וואָרט, און נאָך מער — אַ שמייכל. זעט איר, ווען ס'איז געקומען זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, האָט דער „יוניט" געלאָזט דעם גאַנצן פאַרשמאַכטן עולם וואַרטן און איז אַרויסגעגאַנגען עסן וועטשערע — אין דער באַשטימטער צייט, צו דער שעה, צו דער מינוט. ווייזט אויס, אַז ס'איז גאָר קיינעם פונעם „יוניט" ניט איינגעפאַלן, אַז ווען עס זיצט אַן עולם, נאָך אַ טאָג אַרבעט, ניט געגעסן און ניט געטרונקען, און וואַרט צו געבן בלוט, וואָלטן אָנגעשטעלטע פונעם רויטן קרייץ אויך געמעגט צווואַרטן מיט זייער וועטשערע. נאָר אחינו בני ישראל האָבן אויסדויער. בלויז געציילטע עטלעכע, די וואָס האָבן קליינע קינדער, זיינען אַוועקגעגאַנגען. די גרויסע מאַסע מענטשן איז געדולדיק געזעסן און געוואַרט. און אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך. — איז יעדער אָנגעקומען אין דער ריי.

וואָס אַן אמת — דערנאָך האָט מען שוין געמאַכט „האַריאַפּ". מען האָט חלילה ניט פאַרלוירן קיין איבעריקע מינוט מיטן בלוטגעבער. ס'איז שוין ניט געווען קיין צייט אויף אָפּצורוען זיך. און מחמת דעם אויבן־דערמאָנטן צושטאַנד, האָט מען געחלשט אויף רעכטס און אויף לינקס. קיין מאָל פריער איז ניט אויסגעקומען צו זען אַזוי פיל פאַרחלשטע ביים בלוט־געבן.

אָבער היימלעך איז געווען אין יענעם דאָנערשטיק אין קאָמיוניטי צענטער היימלעך ביז גאָר. האָסט זיך דאָרט געקענט טערפן מיט אַלטע באַקאַנטע — מיט מענטשן וואָס דו האָסט שוין יאָרנלאַנג ניט געזען. ס'איז געווען מער ווי היימלעך, ס'געווען משפּחהדיק. אַז אַ מאַמע איז געקומען מיט איר איינציקער טאָטער, האָט זי דען זיך אין זין געהאַט? האָט זי דאָך געהאַלטן אין איין קוקן דעם קינד אין די אויגן אַריין. נאָר „דאָס קינד" האָט זיך אויסגעלאַכט: — איך בין אָלרייט. — אַז דיך האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן און דו האָסט אַ קוק געטאָן נעבן דיר פאַרוואַרפט דעם קאָפּ דיינער אַ נאָענטער באַקאַנטער, איז דיר געווען זייער היימלעך צו חלשן...

ווער עס איז געווען אין יענעם טאָג אין קאָמיוניטי צענטער און האָט אַ קוק געטאָן אויף עמד'ן, דער מוז זיין שטאָלץ אויף אַ פאָלק, וואָס ווייסט פאַרוואָס און פאַרוואָס אָפּצוגעבן זיין בלוט. אַז דו האָסט אַזוי געוואַנדערט מיט דיין בליק איבער די פאַרשיידן עלטערדיקע פּנימער (צווישן אַכצן און זעכציק), האָט דיך עפּעס אָנגעכאַפּט אַ גרויס ליבשאַפט ביים האַרצן. צו וועמען? צו אָט־דער יידענע דאָרטן וועלכע ווישט דעם שווייס פונעם פּנים; צי צו מיס האָראָוויץ מיט איר ברודער, דעם סאַרדזשענט, וועלכער איז געקומען אויף או־לויב; צי צו דעם עלטערן מאַן, וואָס זיצט אָנגעגורט ווי אַ העלד; צי צו דיין נאָענטן שכן, בען געלפאַנד, וועלכער ליגט דאָרט מיט גרויסע טראָפּנס טוי אויפן שטערן; צי צו דעם טאַטן פון דעם שיינעם מיידל, וועלכע זיצט און שמייכלט מיט אַ בלייך פּנים. אָט, דאָ זעט מען אַ סך פּנימער, וואָס דו וואָלסט גערן צוגעגאַנגען און זיי אויסגעקושט יעדן איינעם באַזונדער ווי גוטינקע קינדער. אויב מ'האָט ווען עס איז געקאָנט הנאה האָבן פון בלוט־געבן. איז עס געווען יענעם טאָג אין יידישן קאָמיוניטי צענטער, ווישן אחינו בני ישראל.

— — — — — — — — — — — —

וואָס פילט דער בלוט־געבער?

מערקווירדיק, די מערסטע פרויען האַלטן זיך שטאַרקער ביים בלוט־געבן ווי די מענער. זיי קומען אויך אין אַ גרעסערער צאָל. זיי טראָגן אַקעגן דאָס ביסל בלוט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, און אין האַרצן ווינטשן זיי זיי צו: זאָל זיין צו געזונט! אמת, עס זיינען אויך פאַראַן איינצלנע, וואָס אַז זיי דערזען די קראַנקן־שוועסטער מיט די מכשירים, רינט זיי אויס דער מאַמעס מילך פונעם פּנים. ביי אַנדערע לויפט דער פּולס אַוועק 200 מייל אַ מינוט, אָבער קיינער קעט זיך ניט א.ם. קיינער האָט ניט קיין חרטה און די מערסטע זיינען רואיק.

ווען דו ליגסט אַזוי אויסגעשטרעקט, ווי אַ פּריץ אויפן בעטל און ס׳צאַפּט זיך דיר דיין בלוט, האָסטו צייט צו טראַכטן: וועמען וועט דיין ביסל בלוט אָנקומען? וועט עס ראַטעווען אַ טאַטנס אַ זון, צי אַ מאַמעס אַ קינד? צי גאָר אַ חתן פון אַ יונגער כלה, וואָס שפּינט זיך, אפילו איצט, אין אַזעלכע טעג, איר גאָלדענעם חלום, גלייך ווי גאָרנישט. צי גאָר אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ טאַטע פון קינדער, וועמען וועט דיין ביסל בלוט דערהאַלטן ביים לעבן? און כאָטש דו פילסט, אַז ס׳לאָזט זיך דיר ערגעץ עפּעס אויס, פאַרדריסט דיך שטאַרק, פאַרוואָס מען נעמט בלויז איין „פּיינט״, בערך אַ גלאָז. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ באַטרעף דאָס איז אין אָנבליק פון גרויסן ים אָפּגערינען מענטשלעך בלוט. נאָר מער נעמט מען ניט. דו מעגסט אפילו גרייט זיין אָפּצוגעבן דעם לעצטן טראָפּן. אַז דו ביזט זיך אַ מענטש, וואָס באַשטייסט אויף דיינעם, קומסטו אין זעקס וואָכן אַרום נאָכאַמאָל.

ווען דו ליגסט שוין די איבעריקע פאָר מינוט און דו רוסט זיך אָפּ, נאָכדעם, ווי דיין בלוט איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון דיר און געפינסט זיך שוין אין אַ פאַרזיגלטן פלעשל, ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך, דערפילסטו זיך ערשט זייער שטאַרק דערהויבן. אַ גאַנצן טאָג שוועבן דיר פאַר די אויגן קראַנקע, פאַרווונדעטע, שטאַרבנדיקע. נאָר דיין אָרעם ביסל בלוט טריפט פון איינעם צום צווייטן, וועקט און רופט צוריק צום לעבן. און דו זעסט אַ בלייך שמייכעלע באַווייזט זיך אויף אַ פאָר אויסגערונענע ליפּן און דו פאַרנעמסט אַ שטראַל פון לעבן, וואָס קומט צוריק אויף אַ מענטשלעך פּנים. און דיין האַרץ ווערט דיר עפּעס אַזוי געשטאַרקט, אַז דו פילסט, בפועל ממש, ווי דאָס אָפּגעצאַפּטע ביסל בלוט דיינס גיט דיר אַ וועלט מיט כוח...

---

אָון גרייט איז מיין בלוט,
אויב דו וועסט עס דאַרפן
אין דיינע אָדערן זיך איבערצוגיסן...״

אַזוי האָט געזונגען און אַזוי האָט געפילט דער אייביק־יונגער דיכטער, שני־ אור וואַסערמאַן, בעת מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען געבן בלוט פאַר דער הגנה אין יענע גורלדיקע טעג פון 1948. אויף זיין רייזע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אים פאַרכאַפּט די מלחמה אין ישראל גראַד אין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט ביי דעם „בלוט־באַנק פאַר ישראל״ און האָט אָפּגעגעבן זיין ביסל בלוט פאַר די הגנה־קעמפער. עפּעס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן, וואַסערמאַנען, און ער האָט געחלשט. נעבן אים אויף אַ בעטל האָט געגעבן בלוט אַ סטודענטקע פון אַ 18-19 יאָר — צאַרט און דין ווי אַ ליליע אויף אַ שטענגל. זי האָט זיך אפילו קיין קרום ניט געטאָן, ווען מען האָט אַריינגעשטעקט די נאָדל אין איר אָרעם. זי האָט געקוקט אויף אים, דעם גרויסן בחור, מיט מאַמעדיקן צער אין אירע גרויסע, בלויע אויגן. וואַסערמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט...

נאָכן בלוט־געבן האָבן מיר זיך נייגעריק אַרומגעקוקט: אַ זאַל מיט פעלד־בעטלעך. אויף די בעטלעך — בלוטגעבער. רויט בלוט פליסט פון מענטשלעכע אָדערן אין פלעשלעך אַריין. ווער זיינען עס די בלוטגעבער, וואָס האָבן זיך דאָ פרייוויליק פאַרזאַמלט? יוגנט, יוגנט — כמעט לויטער יוגנט. זעלטן אַ מיטליאָריקער מענטש. מיר האָבן אונדזערע אויגן ניט געגלויבט.

— און מיר האָבן געמיינט — האָט דער דיכטער געזאָגט מיט פאָרוווּרף צו זיך אַליין — און מיר האָבן געמיינט, אַז די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט קאָן בלויז שפּילן בייסבאָל. ווי שטאַרק מיר האָבן אונטערגעשאַצט.

— אָבער דאָס איז ניט בלויז יידישע יוגנט.

— דאָ זיינען פאַראַן אויך אַנדערע, אַ חוץ אחינו בני ישראל?

— יאָ, דאָס איז אַמעריקעס פילפאַרביקע יוגנט, אַמעריקעס ברכה פון גאָט. איר זעט דאָרט יענעם יונגנמאַן? — וואַסערמאַן האָט זיך אויפגעזעצט.

— זיין בלוט איז רויט, פּונקט אַזוי ווי אונדזערס.

— „סי, סעניאָר״, באַרויִיק זיך — האָט אים איבערגעשלאָגן אַ קליין־געוויקסיקע

# לכבוד שמואל ווייס

## צום נײַנציקסטן געבוירן־יאָר

זונטיק, דעם 27טן סעפּטעמבער, 1987, איז אין לאָס אַנדזשעלעס, אין דעם ראַמאַדאַ האָטעל פאָרגעקומען דער פייערלעכער אָפּשלוס פון דער צוויי־טאָגיקער יערלעכער קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג דיסטריקט אויפן פּאַציפישן ברעג.

דער נאָך־מיטאָג איז געווידמעט געוואָרן אָפּצוגעבן דעם פאַרדינטן כבוד צום לאַנגיאָריקן אַקטיוויסט פון אַרבעטער־רינג, שרייבער, געזעלשאַפטלעכן עסקן, קולטור־טוער און יוניאָן־בויער, דעם האַרציקן, איידעלן מענטש שמואל ווייס, וועלכער האָט דערגרייכט דעם בכבודיקן עלטער פון 90 יאָר.

ביי שיין־געדעקטע טישן האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם אַרב. רינג מיטגלידער, פערזענלעכן פריינד פון די ווייסעס. דעלעגאַטן פון לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע שמואל ווייס האָט מיטגעאַרבעט און געווירקט. פון נאַציאָנאַלן אָפיס פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, איז געקומען דזשעק נאָסקאָוויץ, געוועזן פאָרשטייער פון די אַרב. רינג ב־ענטשעס אין סאַן פראַנציסקאָ און סאַן דיעגאָ, פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ל. א., פון אַרבעטער קאָמיטעט, יידישער קולטור־קלוב, סיטי אָוו האָופּ און פון דער צייטשריפט „חשבון" אין וועלכער ווייס איז אַ מיטערדאַקטאָר פאַר אַ סך יאָרן.

די יום־טובדיקע מסיבה האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון דרום־קאַליפ. אַ. ר. דיסטדיקט, היי וויינטרויב. ער שטעלט פאָר שמואל ווייסן און זיין לעבנס־באַגלייטערין פלאָרענס ווי אַקטיווע מיטגלידער אין אַרב. רינג. דערמאָנט שמואלס אומדערמידלעכע טעטיקייטן, באַזונדערס אויף דעם קולטור־דערציערישן געביט. ער איז עטלעכע מאָל דערווײלט געוואָרן צום בילדונגס־קאָמיטעט. אַ דאַנק זיינע באַמיונגען איז געלונגען אויפצוהאַלטן די קינדער־שול אין די שווערע קריזיס־יאָרן; אַן אָנפירנדיקער מיטגליד אין ברענטש 443, האָט ער זיך דערוואָרבן אַלעמענס ליבשאַפט. אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג און מיטגלידערשאַפט פונעם דיסטריקט באַגריסט ער שמואלן צו זיין 90־יאָריקן געבוירנטאָג און דריקט אויס אַלעמענס ווונטש צו פייערן זיין 100סטן יובילײ.

דזשעק נאָסקאָוויץ באַגריסט שמואל ווייסן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן אָפיס אין ניו־יאָרק. ער שטרייכט אונטער די שעפערישע אַרבעט פונעם בעל־יובל אין ל.א. און אויך אין ניו־יאָרק ווען די ווייסעס האָבן דאָרט געוווינט. ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער קלאָקמייקערס יוניאָן אַלס ביזנעס־אַגענט. דוד דובינסקי האָט זיך געהאַט דערקענט אויף זיינע פעיקייטן און אים באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר פון דעם יוניאָן־אָרגאַן „גערעכטיקייט."

נעסקאָוויץ באַצייכנט ווייסן אַלס אויסגעצייכנטן פובליציסט, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט אין אַ סך יידישע צייטשריפטן,

---

קראַנקן־שוועסטער מיט אַ שוואַרץ גלאַנציקן קאָפּ האָר. זי האָט אים אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויפן קילן שטערן און האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין:

— וועסט זיין אַלרייט. — וואָס אויף יידיש וואָלט עס געמיינט: ס'וועט דיר גאָרניט שאַטן. . .

וואַסערמאַן האָט זיך געוווּנדערט: ווי קומט זי אים צו זאָגן „סי סעניאָר"? פון וואַנען ווייסט עס אָט־די שוואַרץ־חנעוודיקע קראַנקן־שוועסטער, אַז ער קומט פון אַרגענטינע און רעדט שפּאַניש? אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זי ווייסט גאָרנישט. זי איז גלאַט אַ מעקסיקאַנער מיידל, אַ גראַדואירטע פון הויפּט־שפּיטאָל (קאָונטי האָספּיטאַל) האָט זי וואָלונטירט איר פרייען טאָג אַרויסצוהעלפן דאָ אין דער „בלוט־באַנק פאַר ישראל." זי האָט אים אונטערגעלייגט אַ גרויסן קישן אונטער די פּיס, אים געהייסן רוען נאָך אַ האַלבע שעה און איז אַוועק צו אַנדערע בעטלעך. וואַסערמאַן איז זיך פאַרגאַנגען אין טיפן שווייגן . . .

ווי „פרייע אַרבעטער שטימע“, „סאָציאַליסטישע שטימע“, „אונדזער צייט“, „וועקער“, „חשבון“ און אַנדערע פובליקאַציעס פון סאָציאַליסטישן און ליבעראַלן כאַראַקטער.

נתן גוראָוויטש, וויצע־פאָרזיצער פון ל. א. אַרב. רינג דיסטריקט קאָמיטעט, אַ נאָענטער פריינד פון די ווייסעס, רעדט מיט גרויס פאַרערונג וועגן די גרויסע הומאַניטאַרע מידות פונעם בעל־שמחה און זיין פרוי, וועגן זיינע געפילן פון יושר און מיטלייד פאַר געליטענע און באַעוולטע אין אונדזער געזעלשאַפט. ער מישט אויף דאָס קאַפּיטל פון יענער צייט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען שמואל ווייס איז געווען אַ באַאַמטער אין דער באַקליידונגס־יוניאָן. גלייך נאָך דער מפלה פון היטלערן האָט שמואל באַווירקט די יוניאָנס אָנצוהייבן אַ הילפס־אַקציע לטובת דער שארית הפליטה, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די די־פי־לאַגערן אין אייראָפּע.

ער האָט גענוצט זיין גאַנצע ענערגיע און איינפלוס אויף דוד דובינסקין כדי עפעס טאָן פאַר די היימלאָזע קרבנות פונעם יידישן חורבן. נאָך שווערער מי און קלאַפּן אין טירן פון הויכע רעגירונגס־אַמטן, געלינגט אים אַראָפּצוברענגען די ערשטע 150 גראַטעוועטע קיין אַמעריקע.

שמואל ווייס ווידמעט אַלע זיינע כוחות איינצואָרדענען אָט די צעבראָכענע, געליטענע מענטשן אין אַ נייער סביבה.

די היים פון די ווייסעס איז געווען פאַר זיי אַ וואַרעם ווינקל, ווו זיי פלעגן ברענגען זייערע טענות און באַקומען דערמוטיקונג און טרייסט. די ביי היינט־צו־טאָג ווינציק לעבן־געבליבענע פון יענער צייט טראָגן נאָך אַלץ אין זייערע הערצער טיפע דאַנקבאַרקייט צו די האַרציקע, טייערע שמואל און פלאָרענס ווייס.

עס באַקומט דאָס וואָרט פלאָרענס ווייס. זי רעדט וועגן איר אידילישן צוזאַמענלעבן מיט שמואלן. וועגן דורכפאַלן און דערגרייכונגען וואָס דער גורל האָט זיי פאַרגרייט. מיט אַ יוגנטלעכן גלאַנץ און די אויגן און געמיטלעכקייט אין קול דערציילט זי אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און קוריאָזן פון זייער לעבן און סביבה. אירע דערמאָנונגען רופן אַרויס שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. צום סוף דערקלערט זי אַז זי און שמואל האָבן באַשטימט צו שענקען דריי מתנות לכבוד שמואלס 90־יאָריקן געבוירנטאָג צו די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: טשעקס פון $1000 צום „פאָרווערטס“, „סיטי אָוו האָופּ“ און די „יידישע היים פאַר עלטערע מענטשן“. די פאַרזאַמלטע באַדאַנקען איר אויפסניי מיט אַפּלאָדיסמענטן.

דער לעצטער פון די רעדנער איז דער בעל־יובל אַליין. ער מאַכט אַ קאָנדענסירטן „שפּאַציר“ איבער זיין ביאָגראַפיע, אָנהייבנדיק פון זיין געבוירן־שטאָט פילעוו אין פוילן, דורך איניקע טראַנזיט לענדער. נאָך יאָרן וואַנדערן ענדלעך זיך דערשלאָגן צו די אַמעריקאַנער ברעגן. אַ בונטאַר נאָך אין די יוגנט־יאָרן, זייענדיק אַ שניידער לערן־יינגל, פירט ער דורך אַ סטרייק צווישן די שניידער־אַרבעטער אין שטעטל. אַלס 17־יאָריק בחור האָט ער שוין אַרויסגעגעבן אַ צייטונג, אַ האַנט־געשריבענע, אין שטעטל, אונטערן נאָמען „שפּראָצונגען“. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין פּובליציסטישער קאַריערע אין די שפּעטערע יאָרן אין אַמעריקע ביז היינט צוטאָג.

שמואל ווייס אונטערשטרייכט, אַז ווי דעם הויכפּונקט פון זיין לעבן באַטראַכט ער יענעם פּעריאָד, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן דורך דייוויד דובינסקי אָנצופירן מיט דעם אַריבערברענגען די היטלער־קרבנות קיין אַמעריקע, פאַר איינאָרדענען אויף אַרבעט און שאַפן פאַר זיי מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

ער פאַרענדיקט מיט אויסדריקן אַ דאַנק די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט לכבוד זיין שמחה און מעלדעט, אַז ער און פלאָרענס האָבן בייגעשטייערט פופציק טויזנט דאָלער צום „ייוואָ“, צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דער „פאָרשונג פון יידישן חורבן אין פוילן.“

ער דריקט אויס זיין ליבשאַפט, פאַרערונג און דאַנק צו פלאָרענס, זיין לעבנס־באַגלייטערין, וואָס האָט אים אין זיין לעבנס־וועג געהאָלפן מיט איר געטריישאַפט איבערצוקומען אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען.

# ייִדישע אידענטיטעט נאָכן האָלאָקאָוסט

## דריטע קאָנפֿערענץ פֿונעם צווייטן דור

אין די טעג פֿון 27סטן־30סטן דעצעמבער פ.י. האָבן אינעם קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס זיך פֿאַרזאַמלט איבער 350 זין און טעכטער פֿון דער שאַרית־הפּליטה נאָכן חורבן כּדי דיסקוטירן דאָס פּראָבלעם פֿון ייִדישער אידענטיטעט אין 21טן יאָרהונדערט. אין די אַרבעט־און דיסקוסיע־גרופּן זענען באַטראַכט געוואָרן אַ ריי היינטצייטיקע ייִדישע ענינים און עס איז בולט געקומען צום אויסדרוק דער פֿאַקט, אַז די קינדער פֿון דער האָלאָקאָוסט שאַרית־הפּליטה זענען געוואָרן אַ פּאָליטיש אַקטיווער כּוח אינעם ייִדישן לעבן.

די קאָנפֿערענץ איז געווען דער דריטער לויט דער ריי אַלגעמיינער צונויפֿקום פֿונעם צווייטן דור. דער ערשטער צוגיופֿקום איז געווען אין ירושלים אין יאָר 1981; דער צווייטער — אין ניו־יאָרק אין יאָר 1983.

מנחם ראָזענזאַפֿט, דער פּאָרזיצער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער נעץ פֿון קינדער פֿון דער שאַרית־הפּליטה, האָט געהאַלטן די עפֿענונגס־רעדע, וואָס האָט געגעבן דעם טאָן פֿאַן דער קאָנפֿערענץ. אויב מיר װעלן נישט בייטראָגן אונדזער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט צום הויפּט־שטראָם פֿון ייִדישן לעבן — האָט ער געזאָגט — „וועלן מיר פֿאַראַטן אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט און אונדזער ירושה.״ דערביי האָט מנחם ראָזענזאַפֿט באַמערקט, אַז אַן אָבסעסיע מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט איז געפֿערלעך און אויף די קינדער פֿון דער שאַרית־הפּליטה ליגט דער חוב צו גרייכן מחוץ דער אייגענער פּערזענלעכקייט און בויען פֿאַרבינדונגען, געשטיצט אויף קעגנזייטיקן רעספּעקט, מיט אַנדערע ייִדישע גרופּן און מיט אַלע מענטשן, וואָס קעמפֿן פֿאַר סאָציאַלן יושר.

מנחם ראָזענזאַפֿט האָט אויסגעדריקט זיין טיפֿן אומרו צוליב די לעצטע געשעענישן אין ישׂראל — אין עזה און אויפֿן מערבֿ־ברעג. ער האָט דערקלערט, אַז ייִדן אין די תּפֿוצות האָבן דאָס רעכט אויסצודריקן זייער מיינונג און העלפֿן מדינת־ישׂראל אינעם געראַנגל פֿאַר שלום און פֿאַר אַ לעזונג צו די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פֿון די פּאַלעסטינער. „זאָל קיינער פֿון אונדז נישט בלייבן שטום צוליב פּחד אָדער גלייכגילט — האָט געזאָגט מנחם ראָזענזאַפֿט.

דער הויפּט־רעדנער איז געווען דער חשובֿער ראַביי, פּראָפֿעסאָר און מחבר פֿון אַ צאָל ווערק, אַרטור הערצבערג. פּראָפֿ. הערצבערג איז געוועזענער פּרעזידענט פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס און איז וויצע־פּרעזידענט פֿונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע אין ייִדיש, ציטירנדיק שלום־עליכמס אַ דערציילונג, פֿאָרזעצנדיק ווייטער אין ענגליש האָט ער געזאָגט צוו. אַנד., אַז אייגנטלעך איז עס בלויז דאָס צווייטע מאָל וואָס ער רעדט וועגן דער שואה. „איך קאָן נישט פֿאַרשטיין יענע, וואָס פֿאָרן אַרום מיט לעקציעס און חזרן איבער אָן אויפֿהער וועגן אוישוויץ״ — האָט ער געזאָגט מיט טיפֿן געפֿיל. — „אָבער צו אייך קאָן איך רעדן, ווייל איר לעבט אין דעם.״

דער האָלאָקאָוסט רופֿט אַרויס צוויי ווידעראַנאַנדיקע רעאַקציעס, האָט באַמערקט פּראָפֿ. הערצבערג: צאָרן און מיטגעפֿיל, צאָרן אין דער צייט פֿון נאָכן

---

דער פּאָרזיצער פּרעזענטירט שמואל ווייסן, אין נאָמען פֿונעם נאַציאָנאַלן אַרב. רינג אָפּיס, מיט אַ קינסטלעריש־גראַווירטן ערן־פּלאַק פֿאַר זיינע לאַנג־יאָריקע פֿאַרדינסטן און איניציאַטיוו אין די קולטור־דערציערישע באַמיונגען פֿון דעם אַרבעטער־רינג.

דער פֿיינער צוזאַמענקום איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ קאָנצערט פֿון ייִדישע און ענגלישע פֿאָלקסלידער, אויפֿגעפֿירט דורך דער באַגאַבטער זינגערין ריסאַ איגלפֿעלד אין אייגענער באַגלייטונג אויפֿן אַקאָרדיאָן.

**גרשון פֿרידמאַן**

# כראָניק פֿון ל. א. יידישן קולטור־קלוב

דער נייער קולטור־סעזאָן 1987/1988 האָט זיך געעפֿנט שבת־צו־נאַכטס דעם 17טן אָקטאָבער. אַ גרויסער עולם, וואָס האָט לאַנג געוואַרט אויף דער דערעפֿענונג פֿונעם סעזאָן, איז געקומען אין קלוב און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צום אויפֿטריט פֿון דער באַגאַבטער אויסטייטשערין פֿונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט באַשע וואַנאַמייקער. זי האָט פֿאָרגעלייענט פֿון די ווערק פֿונעם באַוווּסטן ישׂראל־שרייבער אַברהם קאַרפּינאָוויטש. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם איז אויפֿגעטראָטן די פּאָפּולערע זינגערין ריסאַ איגלפֿעלד.

* * * * *

דעם 24טן אָקטאָבער האָט די פֿיינע אויסטייטשערין פֿון יידישע ימים־טובים שׂרה ליינער גערעדט וועגן דער „באַדייטונג פֿון שבת אין יידישן לעבן". די לעקציע איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פֿון דוד שׂרגא ז"ל.

* * * * *

דעם 7טן נאָוועמבער האָט לילקע מייזנער גערעדט וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון רחל קאָרן. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם — געזאַנג פֿון איזאַבעל קעץ, פּיאַנאָ באַגלייטונג — ווירדזשיניאַ ראָטמאַן.

* * * * *

דעם 14טן נאָוועמבער האָט משה שקליאַר גערעדט וועגן דער דיכטונג פֿון חיים גראַדע. די לעקציע איז געווען געווידמעט דים אָנדענק פֿונעם געוו. רעדאַקטאָר פֿון „חשבון" זלמן שלאָסער ז"ל. וועגן ז. שלאָסערס בייטראַג צום היגן יידישן קולטור־לעבן האָט גערעדט לילקע מייזנער.

* * * * *

---

האָלאָקאָוסט פֿירט דעם ייד צום נעמען די מאַכט אין די אייגענע הענט; מיסברויכן מיט דער מאַכט שאַפֿט אַ גרויסע געפֿאַר. מיטגעפֿיל קומט פֿונעם יידנס באַנעמען וואָס עס הייסט זיין מאַכטלאָז; דאָס פֿירט צום סימפּאַטיזירן מיט אַנדערע וואָס זענען מאַכטלאָז. פּראָפֿ. הערצבערגס ווערטער זענען געווען אַ וואָרענונג קעגן מיסברויכן מיט מאַכט און אַ רוף פֿאַר יידישער אַנגאַזשירטקייט אויף דער זייט פֿון סאָציאַלן יושר. מאַכט קאָן נישט באַנוצט ווערן צום אויסלאָדן דעם צאָרן — האָט געזאָגט פּראָפֿ. הערצבערג. — מיר האָבן בלויז איין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי מאַכט — באַשיצן די מאַכטלאָזע.

פּראָפֿ. הערצבערג האָט אויך גערעדט וועגן די לעצטע קאָנפֿליקטן מיט דער קירך, אונטערשטרייכנדיק אַז „דאָס וואָס איז געשען בעתן האָלאָקאָוסט וועט זיך קיין מאָל נישט לאָזן פֿאַרווישן. דאָס איינציקע וואָס מיר קאָנען אונטערהאַנדלען מיט דער קירך איז שייך היינטצייטיקע פּראָבלעמען.

פּראָפֿ. הערצבערג האָט פֿאַרענדיקט זיין רעדע דערקלערנדיק, אַז דער אויפֿגאַב פֿונעם דריטן דור וועט זיין „אָפּצושטעלן דעם זייגער פֿן אַסימילאַציע. יידן מוזן ממשיך זיין צו אַנטוויקלען אַן ערנסטע און באַוווּסטזיניקע יידישע אידענטיטעט. יידישע דערציונג און בילדונג איז דער שליסל דערצו און ס'איז נישטאָ קיין פֿאַרבייט פֿאַר אַ יידישער טאָג־שול.

צום סוף האָט פּראָפֿ. הערצבערג גערופֿן די יונגע מענטשן שטענדיק צו האָבן פֿאַר די אויגן זייערע יידישע פֿאָרגייער און לעבן אַזוי גלייך ווי זיי וואָלטן געפֿירט מיט זיי אַ שטענדיקן דיאַלאָג.

* * * * *

פֿילצאַליקע פּראָבלעמען פֿונעם היינטצייטיקן יידישן לעבן זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די באַזונדערע אַרבעט־און דיסקוסיע־גרופּן. מער אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם צונויפֿקום ווי בכלל וועגן „צווייטן דור" קאָן מען אין לאָס אַנדזשעלעס באַקומען אין האָלאָקאָוסט מעמאָריאַל מוזיי ביים יידישן פֿעדעראַציע קאָנסיל.

מישעל נוטקעוויטש

דעם 21טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם בויער פון דער היים פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב שלמה צוקערמאַן ז"ל. עס האָבן גערעדט סערגיי נוטקעוויטש, בעלאַ פאָזי און לואיס סענעסיב. שלמה צוקערמאַנס איייניקל רות זייד האָט געזונגען לידער, וואָס זענען באַליבט געווען ביי איר זיידן.

* * * * *

דעם 28טן נאָוועמב. האָט מנחם קאַרסאָן רעפערירט א.ד.ט: „יידיש - קריסטלעכע באַציונגען אַמאָל און היינט. אין מוזיקאַלישן פראָגראַם איז אויפגעטראָטן די פּאָפולערע זינגערין לעסיאַ בן־סאַסאָן.

* * * * *

דעם 5טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַן אָוונט א.נ. „לאַכן איז געזונט — טאָ לאָמיר אַלע לאַכן". דער טאַלאַנטפולער פאָרלייענער יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט שלום־עליכמס „ביים דאָקטער" און י. ראַזענס „המשך קומט". אין מוזיקאַלישן פראָגראַם — דער טשעליסט אַלעקסאַנדער רובינשטיין.

* * * * *

דעם 12טן דעצעמבער האָט סערגיי נוטקעוויטש רעפערירט וועגן יידישן פאָלקסליד. די לעקציע איז געווען באַלייט מיט געזאַנג פון ריסאַ איגלעפלד.

* * * * *

דעם 19טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם יום־טוב חנוכה. דער באַגאַבטער פאָרלייענער מאָטל האָראָוויץ האָט געלייענט פּאַסיקע פראַגמענטן פון די ווערק פון טעאָדאָר הערצל, שלום עליכם און י. ל. פרץ. חנוכה־געזאַנג — לעסיאַ בן־סאַסאָן.

* * * * *

דעם 26טן דעצעמבער האָבן מיר געהאַט אַ חשובן גאַסט פון ישראל — דער שרייבער אַברהם קאַרפּינאָוויטש. ער האָט גערעדט א.ד.ט: „מיין שטאָט ווילנע." דער גרויסער עולם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ סך פונעם שרייבערס ווילנער לאַנדלייט. האָט געגעבן דעם גאַסט אַ וואַרעמען אויפנעם.

* * * * *

דעם 2טן יאַנואַר, 1988, האָט דער באַקאַנטער געז. טוער נתן גראָנאָוויטש גערעדט א.ד.ט. „אויף דעם סדר־היום פון אַמעריקאַנער יידנטום." אין מוזאַקאַלישן פראָגראַם — די זינגערין ליליען ווילק.

* * * * *

דעם 9טן יאַנואַר האָט דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע בערנאַרד מ. וויסבערג גערעדט אויף דער טעמע: „איז דער ערשט אָפּגעהאַלטענער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס אין ירושלים אַן אָנדייט וועגן דער קומענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע אין מדינת ישראל."

* * * * *

דעם 16טן יאַנואַר איז אויפגעטראָטן מיט אַ קאָנצערט די חזנטע פון „טעמפּל גיזראַעל אין האָליווּד אביבה ראָזענבלום. איר פראָגראַם איז באַשטאַנען פון אַן אָפּקלייב פון יידישע פאָלקס־לידער, ישראל־לידער, אַריעס פון קלאַסישע אָפּערעס און פון דער חזנישער קונסט.

* * * * *

דעם 23טן יאַנואַר האָט לילקע מייזנער זיך געטיילט מיט איינדרוקן פון אַ רייזע קיין אויסטראַליע. זי האָט זיך באַזונדערס ברייט אָפּגעשטעלט אויפן דאָרטיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. אין מוזיקאַלישן פראָגראַם — די זינגערין איזאַבל קעץ, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — ווירדזשיניאַ ראָטמאַן.

* * * * *

דעם 30טן יאַנואַר — ווידער יעקב לעווין. דאָס מאָל האָט ער פאָרגעלייענט שלום־עליכמס „סטאַנציע באַראַנאָוויטש" און שמעון דזשיגאַנס „יידישע געשעפטן".

* * * * *

אַלע דערמאָנטע אָוונטן זיינען פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון משה כהן, דעם פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס.

# אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל

## אַ נײַ בוך פון שואל גוטמאַן

עס איז נאָר־וואָס דערשינען אַ נײַ בוך פון אונדזער חשובן מיטאַרבעטער פּראָפ. שואל גוטמאַן. דער בוך־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון די באַוווסטע יידישע שרײַבער און קולטור־טוער: דינה אַבראַמאָוויטש, פּראָפ. ט. בוירד, ביילע גאָטעסמאַן, איטשע גאָלדבערג, י. ב. זאַלצבערג, דר. י. לאַנדיס, טעוויע לעווין, יאַני פּיין, דר. י. פּישמאַן, חנן קיעל, משה שטיינגאַרט און דר. מרדכי שעכטער האָט פאַנאַנדער־געשיקט פאָלגנדיקן בריוו צו פּאַראינטערעסירטע אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן:

ליבע פרײַנד:

שואל גוטמאַן איז אַ נאָמען וואָס רופט אַרויס דרך־ארץ בײַ יעדן וועמען דער גורל פון יידישן לעבן און דער יידישער קולטור אין אַמעריקע גייען אָן. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געמיט אויסצוקלאָרן פאַר אונדז סײַ דאָס גײַסטיקע פּנים פון דער יידישער אַמעריקע און סײַ דאָס אָרט און די ראָלע וואָס די יידישע קולטור און דאָס יידישע לשון פאַרנעמען אין אָט־דער אַנטוויקלונג און איבערגעשטאַלטונג פון דער יידישער אַמעריקע. שואל גוטמאַן זעט דאָס יידישע לעבן אין פלוס, איז וואַך צו די שינויים וואָס מיר גייען דורך, צו די מעטאַמאָרפאָזעס וואָס וואַרטן אויף אונדז.

זײַן בוך „אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל", איז אַ בוך פון אַ מענטש וואָס קאָן אַליין טראַכטן און באַווירקט אַנדערע זיך צו פאַרטראַכטן. עס רירט אָן טיף און דרייסט פּראָבלעמען וואָס זענען נוגע אונדזער נאַציאָנאַלער געשטאַלט אין אַמעריקע.

דער פּרײַז פון בוך איז 20 אַמעריקאַנער דאָלאַר (פּאָרטאָ אַרײַנגערעכנט). טשעקס דאַרפן אויסגעשטעלט ווער אַזוי:

Saul Goodman Book Committee

און געשיקט ווערן צו:

Saul Goodman Book Committee
124 Gale Pl., Apt. 8c
Bronx, N. Y. 10463

באַזאָרגט זיך מיטן בוך און—דער עיקר לייענט עס.

און אָט איז דער גענויער אינהאַלט פון שואל גוטמאַנס בוך:

### אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל

(עסייען וועגן קולטור, יידישער פּראָבלעמאַטיק און ליטעראַטור)

### אינהאַלט

דאָס פּערמאַנענטע און פאַרגייאיקע אין מײַן וועלט־באַנעם

(במקום הקדמה)

#### I די ראָלע פון יידן אין דער מערב־ציוויליזאַציע

1. דער קריזיס אין דער מערב־קולטור און יידישע פּערספּעקטיוון.
2. משה העס, קאַרל מאַרקס, און בענדזשאַמין דיזראַעלי.
3. ריימאָן אַראָן, און געצנדינערײַ צו געשיכטע.
4. סידני הוק — פילאָסאָף פון דעמאָקראַטיע און הומאַניזם.
5. סאָלזשעניצין — דער סלאַוואָפיל און קינסטלער.
6. האַלטן מיר בײַ אַ צוריקקער צו רעליגיע ?

#### II יידישע פּראָבלעמאַטיק — נעכטן און הײַנט

7. מאָדערניזאַציע און יידישער קיום.
8. שמעון דובנאָוו, און שמעון ראַווידאָוויטש — צוויי וואַריאַנטן פון איין פילאָסאָפיע.
9. בער באָראָכאָוו—זײַן וויזיע און איר פאַרווירקלעכונג.
10. דיאַלאָג פון ישראל, און אַמעריקאַנער יידנטום.
11. יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים.
12. אַסימילאַציע און פּלוראַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן.
13. ליבע און טראַדיציע בײַ אַמעריקאַנער יידן.

## חיים פלאַטקינס דערציילונגען:
# פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע

אין פאַרלאַג ישראל־בוך איז דערשינען אַ ניי פּראָזע־בוך פון אונדזער מיטאַרבעטער, דעם דיכטער חיים פּלאַטקין, א. נ. **פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע.** אינעם בוך (284 זז׳) גייען אַריין 26 דערציילונגען, מערסטנס אויטאָ־ביאָגראַפישע, וואָס לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס. דאָס בוך פון חיים פּלאַטקין איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן מצד דער יידישער קריטיק. אינעם פאָרוואָרט צום בוך שרייבט דער באַרימטער שרייבער, נאָבעל־לאַורעאַט אליעזר וויזעל, צוו. אַנד.:

לויט זיינע דערציילונגען, זעט אויס אַז דער מחבר, חיים פּלאַטקין — אַ הויך־באַגאַבטער דיכטער און נאָוועליסט — שרייבט פון פערזענלעכער דערפאַרונג. יאָ, ער שטאַמט פון רוזשאַן; ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע; יאָ, ער האָט געקעמפט אין נאָרמאַנדיע. איז דאָס דאָזיקע בוך טאַקע אַ כמעט אויטאָ־ביאָגראַפיע וואָס ציט זיך, ווי אַ לירישער ניגון, צווישן ווייטן און נאָענטן אַמאָל.

פאַראַן אין די דאָזיקע דערציילונגען פיל צער און צאָרן: אָט, אַ קינד גייט־אויס און דער דאָקטאָר וויל געלט, אַנדערש קומט ער נישט. אַ 16־יעריק מיידל זוכט אַרבעט, צעברעכט אַ פוס און גייט אַהיים מיט אַ דאָלאַר און עטלעכע סענט. אַ מאַן בלאָנדזשעט אין גאַסן און האָפט צו געפינען אַ ישועה, בעת זיין גאַנצע משפחה ווערט פאַרברענט אין אַ שריפה...

אינטערעסאַנט, נישט אַלע העלדן זענען יידן. פאַראַן פּאָליאַקן, איטאַליענער און שוואַרץ־הויטיקע וואָס מ׳האָט דאַמאָלט גערופן נעגערס. טאַקע אַ שמעלץ־קעסל. שרייבט פּלאַטקין מיט רחמנות און ליבשאַפט וועגן אַלע קרבנות פון דער געזעלשאַפט; ביי אים איז כמעט ווי בישטאָ קיין אונטערשייד צווישן נעגער און ייד.

---

14. האָבן מיר אַן אַמעריקאַנער יידישע קולטור?
15. טאָפּלטע לאָיאַליטעט, אימיטאַציע און אַסימילאַציע.
16. דער גייסטיקער קלימאַט אין דער יידישער אַמעריקע.
17. אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן אין שייכות צו יידישקייט.
18. אַמעריקאַנער ייד פאָדערט אַן איבערשאַצונג פון אידעאָלאָגיעס.
19. די יידישע מחשבה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.
20. עזריאל נאַקס — דער עטישער הומאַניסט.
21. איז די אויפקלערונג געווען אַ דורכפאַל?

III די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור

22. אין דער ערפּובליק פון וואָרט.
23. סינטיאַ אָזיק, און דער מהות פון דער יידישער ליטעראַטור.
24. ש. ניגער — דער קריטיקער און מורה־דרך (צו זיין 30טן יאָרצייט).
25. שלום אַש — דער קינסטלער און זיין קרעדאָ.
26. יצחק באַשעוויס־זינגער, און דער פּוילישער ייד.
27. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — די פּאָעטעסע און עסייאיסטין (צו איר צענטן יאָרצייט)

IV פאַרצייכענונגען

28. וואַלטער קויפמאַן — און גאָט אין אוישוויץ.
29. יעקב טאַלמאַן — און דער מצדה־קולט.
30. אָביעקטיוו, און סוביעקטיווע קריטיק.
31. די רוסישע יידן, און זייערע אַמעריקאַנער עצה־געבערס.

V אַ משפחה אין פוילן

32. בלעטער זכרונות פון מיין קינדהייט און יוגנט.
ביילאַגע 1.
ביילאַגע 2.

ווער ס׳ליידט איז זיין פריינד. ווער ס׳פאַרשאַפט יסורים איז זיין שונא.

אין רוזשאַן, ווי אויך אין הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן יידן געליטן פון כלערליי רדיפות, זיי האָבן פאַרלוירן קינדער אין אַלערליי מלחמות. וווּ נאָר אַ צרה, האָט זי אויך זיי געטראָפן. ווי נאָר אַן אומגליק, איז עס אויך געווען זייער אומגליק.

איז דער דיכטער דאָ, אין זיין שאַפונג, ביי זיך אין דער היים. די שפּראַך שפּרודלט מיט אייגנאַרטיקע בילדער: „איינגעבויגענע הילצערנע צלמים קרימען זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געקלעטערט אויפן באַרג, צום שטעטל־צו.“ „אַ זעלנער הענגט אויפן טעלעפאָן־סלופּ ווי אַ צעריסענע פאָן“. אין שול, ביי אַ פאַרשטערטער בר־מצוה שמחה, „איז געוואָרן אַ בהלה. פינגער האָבן זיך איינגעפלאָכטן אין בערד. אויף די אַראָפּגעריסענע תליתים האָט מען געטראָטן. סאַמעטענע קאַפּלען זענען געפלויגן פון די קעפּ, ווי אין אַ געוויטער.“

אויך די נאָרמאַנדיע־באַשרייבונגען צייכענען זיך אויס מיט זייער דיכטעריש־רעאַליסטישן קלאַנג. דאָ איז חיים פלאָטקין אַ יוצא־דופן. כ׳גלויב נישט, אַז אַ סך יידישע שרייבערס האָבן באַשריבן די מלחמה־יאָרן דורך די אויגן פון אַ יידישן סאָלדאַט וואָס האָט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי זיך באַטייליקט אין דער באַפרייאונג פון אייראָפּע. געוויינלעך ווידמען יידישע שרייבערס זייער ווערק צו חורבן־אָדער־גבורה טעמעס. איז חיים פלאָטקינס בוך אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער כלל־יידישער ליטעראַטור.

דאָס בוך איז אַ שפּיגל פון כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט וואָס וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע ווי דאָס סאַמע בלוטיקסטע און אפשר אויך — פון יידישן שטאַנדפּונקט — דאָס סאַמע העלדישסטע.

## וועגן מרדכי שעכטער און זיין ווערק

צו זיין זעכציקסטן געבוירן־יאָר האָט אַ גרופּע חברים און גוטע פריינד צוגעגרייט אַ צוויי־שפּראַכיק ביכל **וועגן מרדכי שעכטער און זיין ווערק** מיט רעדעס, רעצענזיעס, אַרטיקלען און ציטאַטן פון אַרטיקלען וועגן דעם בעל־יובל פון: מאַטעס אָליצקי, י. באַשעוויס־זינגער, ד״ רשלמה ביקל, ד״ר י. בערנפעלד, ד״ר ניסן ברוסילאָוו, ק. א. ברתיני, איטשע גאָלדבערג, יעקב גלאַטשטיין, ד״ר אוריאל ווײַנרײַך, וואָלף יונין, ד״ר אליהו ליפּינער, פּראָפ׳ סאל ליפּצין, י. ניבאָרסקי, פּראָפ׳ דובֿ סדן, מאָריס סעמיועל, י. עלבערג, יצחק פאַנער, פּראָפ׳ שיקל פישמאַן, אהרן צייטלין, רבקה קאָפּע, י. קאַראַ, מלך ראַוויטש, ש. ראָזשאַנסקי, מ. מ. שאַפּיר, ד״ר אליהו שולמאַן, ד״ר י. נ. שטיינבערג, משה שקליאַר און אַ סך אַנדערע.

אויסגעשטאַנען די הוצאה פון אָט דער יובל־שריפט האָבן שמעון און פייגל יאָקאָר. צוזאַמענגעאַרבעטביים צונויפשטעלן זי האָבן: ד״ר חנה פייגל אייבראַהאַם, פּראָפ׳ טוביה בוירד,ביילע גאָטעסמאַן, אברהם יעקב זאַקס און לייבל כהן.

דער פּרייז פון **וועגן מרדכי שעכטער און זיין ווערק** איז אַכט אַמעריקאַנער דאָלער (פּלוס איין דאָלער פּאַק־און פּאָסט־געלט). חברים וואָס באַשטייערן זיך פאַר דער יידיש־ליגע מיט 25 דאָלער אָדער מער קריגן עס במתנה.

מ׳קען דאָס ביכל קויפן (צאָלונג ביי־געלייגט) ביי:

LEAGUE FOR YIDDISH
200 West 72 St./40
New York, NY 100 23

## נייער נומער יוגנטרוף

ס'איז אַנומלט אַרויס פון דרוק אַ נייער נומער פונעם זשורנאַל יוגנטרוף. דער איינציקער יידיש־זשורנאַל אויף דער וועלט געשריבן און רעדאַקטירט דורך יונגוואַרג. ס'האָבן זיך דאָרטן געדרוקט אַ סך אינטערעסאַנטע אַרבעטן:

1. אַן עדיטאָריאַל „אונדזערע 'דעמאָ־קראַטן', מישטיינס געזאָגט";

2. פסח מאַלעוויטש: „כ"ו שבט";

3. שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש. „צו מדרכי געבירטיגס 45סטן יאָרצייט" אין איינעם מיט געבירטיגס ליד „מינוטן פון בטחון";

4. חיה וואָלישעווער: מיין אַרבעט מיט צוריקגעבליבענע.

5. צבי קאַגאַר: „אויף דער הפקר־וועלט" (זכרונות);

6. גיטל שעכטער ווישוואַנאַט, שרה רחל שעכטער און חנה דינערמאַן מיט פערל טייטלבוים: דריי נייע זינגלידער;

7. די רובריקן „אויפן עקראַן" וועגן קאָמפּיוטעריי) און „פאַרן אָנהייבער" מיט נאָך נאָטיצן און מיט אילוסטראַציעס. דער זשורנאַל ווערט רעדאַקטירט פון הערשל גלעזער, בשותפות מיט שבע צוקער, דוד בראַון און גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט.

אַן אַבאָנימענט קאָסט 10 דאָלאַר אַ יאָר. 5 דאָלאַר פאַר סטודענטן. (פאַר דעם געלט ווערט מען אויך אַ מיטגליד אין יוגנטרוף). מע קען דעם זשורנאַל באַ־שטעלן פון:

Yugntruf Youth for Yiddish
200 West 72 Street /40
New York NY 10023

## נייע ביכער

### אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**יהודה עלבערג:** „צווישן מאָרגן און אָוונט", ראָמאַן, 376 זז|, פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב, 1987.

* * * * *

**הינדע זאַרעצקי:** „דער קאַראַוואַן", לידער, 160 זז', פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב 1987.

* * * * *

**מאיר חרץ:** „נאָכ'ן סך־הכל" /איינס/, לידער 160 זז', פאַרלאַג „אייגנס", ירושלים 1987.

* * * * *

**משה גורין** „ווו זונען טרעפן זיך", לידער, 96 זז', פאַרלאַג „י.ל. פרץ", תל־אביב 1987.

* * * * *

„די גאָלדענע קייט", פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעל־שאַפטלעכע פראָבלעמען, נומ. 122, תל־אביב 1987; רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער.

אינעם נומער באַטייליקן זיך: שמואל ווערסעס, ח. נ. ביאַליק, עלי שעכטמאַן, שלמה בעליס, אברהם סוצקעווער, מלכה חפץ־טוזמאַן, הדסה רובין, מ. צאַנין, אבא קאָוונער, וועראַ סאָלאָמאָן, יעקב צבי שאַרגעל, מרדכי אַרדון, ה. בנימין, אליהו ליפינער, מאיר חרץ, יאָסל בירשטיין, אַסיאַ מילכי, בלומע לעמפעל, יאָני פיין, יוסף בולאָוו, צבי אייזנמאַן, יוסף אָקרוטני, שלום לוריא, אברם שולמאַן, דוד וואָלפע, אברהם נאָווערשטערן, שמעון קאַנץ, יצחק קאַהאַן, טזשיזוקאַ טאַקאַאָ, און נתן גראָס.